STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01705

SHMEYKHL UN GELEKHTER

Hersh Shishler

*Permanent preservation of this book was made possible
by Mr. & Mrs. Asher Birnbaum
in memory of
Myer Jacob Hatowski*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערש שישלער

שמייכל און געלעכטער

הומאָרעסקעס סאַטירעס שאַרזשן

אַרויסגעגעבן דורך דעם
פאַרלאַג „קאַיאָר"
יאָהאַנעסבורג
דרום־אַפריקע
תש"ט — 1949

SHMEICHEL UN GELECHTER

—BY HERSH SHISHLER—

"KAYOR" PUBLISHING HOUSE

— 302, FOX STREET —

JOHANNESBURG, 1949.

דעם ליכטיקן אנדענק פון מיין ליבן פאטער אהרון,
מיין ברודער יצחק, צוויי שוועסטערס און משפחה,
וועלכע זיינען פארפייניקט געווארן דורך די נאַצים.

הערש שישלער איז א יידישער זשורנאליסט און שרייבער פון דער יידישער פרעסע און יידישע אויסגאבעס אין פארשיידענע לענדער: אין אמעריקע — פון „טאָג", „פרייע ארבעטער שטימע", „ניו־יארקער וואכנ־בלאט"; אין ארגענטינע — פון „די פרעסע", „ארגענטינער ביימעלעך" „ארגענ־טינער מאגאזין"; אין ענגלאנד — „די צייט"; אין מעקסיקע — פון „דער וועג", „פריי־וועלט"; אין אורוגוויי — פון „אונדזער פריינט", „פאלקס־בלאט"; אין בראזיליע — פון „אידישע פרעסע"; אין קובא — פון „האוואנער לעבן"; אין טשילי — פון „אונדזער ווארט"; אין קאנאדע — פון „קאנאדער אָדלער", „קאנאדער נייעס", „יידיש ווארט"; אין אויסטראליע — פון „אויס־טראליער יידישע נייעס", „די פּאָסט"; אין פראנקרייך — פון „נייע פרעסע", „אונדזער ווארט"; אין פּוילן — פון „דאָס נייע לעבן"; אין דייטשלאנד — פון „אונדזער וועג"; אין ישראל — פון „ניי־וועלט".

אין די פאר־מלחמה־יארן האָט ה. שישלער מיטגעארבעט אין דער יידישער פרעסע און אין א סך אויסגאבעס, וואס זיינען דערשינען אין רומעניע, אונגארן, פוילן, ליטע, לעטלאנד, בעלגיע, פראנקרייך און ענגלאנד. פון 1933 יאר — מיטגעשאפן אין אלע יידישע אויסגאבעס פון דרום אפריקע.

א י נ ה אַ ל ט

א. אַרום זיך

זייט

מיין ביאגראפיע 9
אַ יידיש בוך אין אפריקע . . 11
שרייבער און לייענער 14
אַ רענדל — אַ שמייכל . . . 17
אַ ליטעראַרישע שאַפונג . . 21
ליטעראַרישע קריטיק 24
אַז לאַכן, זאָל זיין געלאַכט . . 27
מכוח ליטעראַטן. 30
צווישן פען־מענטשן 32
אַן אַנדערש מאל 35

ב. אַפריקאַנער גליקן

די שער־מגפה 39
מיין לאַנדסמאַנס גליקן . . . 43
דער ציפער 18 46
אַ נודניק 49
„סאַמפלס" 51
דער פערד—אַ וועג־וויזער . 54
אַ גוטער מאַן 48
אַ בינטל בלומען 61
אַ העזה 63
אַ חלום פון אַ „גביר" 65

ג. ביי אונדז

כ'וועל שוין קיין מענטש ניט זיין 71
אַ חזן אויף ימים־נוראים . . 73
פריילעכע לוויות 77
צוויי חברים 80
אַן אלטער בחור 85
דער קרעמער ציפּקלאַפּ 88
דער בעל־רחמנות 90
מעדיצינישע דיאגנאָזעס . . . 92
אַ רפואה פאַר מיין שוואָגער 96
שולדיק זיינען מיינע שכנים 99

ד. די געמבלינג־מגפה

ער שפילט שוין אין קאָרטן 105
טישן ריידן זיך אויס . . . 109
הימל, ערד און קאָרטן . . . 112
„סוויטהאַרט" 115
אַ סגולה צו געווינען אויף דער לאַטעריע 119
דער באַרימטער טרעפער . . 122

ה. אלה תולדות האלידיי

גוט אפגעשניטן 129
וויבער אויף האלידיי 133
אַ טעלעפאָן געשפּרעך 136
האלידיי־נאַכווייעניִשן 139
געוואָרן טויב און שטום . . 142
צוליב אַ פאַר הויזן 145

ו. כלערליי

אַן אויטא־עקסידענט 151
אַ טרעוולער 155
אַ שיינע האַנטשריפט 159
דער אָרעמער מאָלער 162
די פאַרדינטע שטראָף 165
אַ גאלדענער איידעם 168
דער שלימזל 171
אַ שמועס וועגן דער נאָז . . 174
צוויי סורפּריזן 176
דער אויגן־ספּעציאַליסט . . 179
צוויי אינטימע פריינד 182
מיין ערשטע עראָפּלאַן־רייזע 185

ארום זיך

מיין ביאָגראַפיע

במקום א פאָרוואָרט און נאָכוואָרט

איך בין געבאָרן געוואָרן אין פריסטן עלטער, זייער יונג, ביי יידישע טאַטע־מאַמע.

שוין אלס קינד בין איך געווען באַרימט און געליבט. א סימן — מען האט מיך געטראָגן אויף די הענט...

צו פופצן יאָר האָב איך שוין גוט געשריבן — אויף אלע ווענט און אויף די פלייצעס פון מיינע חברים.

צו צוואַנציק יאָר האָב איך שוין אָנגעהייבן שרייבן אין אויסלאַנד — געשיקט בריוו אָן מאַרקעס צו מיין פעטער אין ארגענטינע, צו א מומען אין פילאַדעלפיע און צו מיין ברודער אין דרום־אַפריקע...

אין יענע יאָרן האָב איך שוין גוט געקאַנט י. ל. פרצן, מענדעלען, שלום־עליכמען און אַנדערע יידישע קלאַסיקער — כ׳האָב זיי געקאַנט, פערזענלעך, פון די פאָטאָגראַפיעס...

פון די ערשטע זאַכן מיינע, וואָס איך האָב געלאָזט פאַרעפנטלעכן, זיינען געווען — מיינע חתונה־בילעטן...

נאָך דער חתונה האָב איך געשלאָגן א גרויסן רעקאָרד — כ׳האָב געגעסן קעסט...

קיין פריידענקער בין איך קיינמאָל נישט געווען — כ׳האָב קיינמאָל נישט געדענקט פריי...

שוין אין מיינע פריסטע יוגנט־יאָרן האָב איך גענומען א שטאַרקן אַנטייל אין פּאָליטישן לעבן — פורים: געשלאָגן המנען, און פסח צו די סדרים — געפרעגט קשיות...

איך האָב זיך אויך אין מיינע יוגנט־יאָרן פאַרנומען מיט ספּאָרט — געגאַנגען יעדן ערב יום־טוב אין מרחץ אריין...

אין מיין גאַנצער משפחה זיינען געווען בלויז קינסטלער — כ׳האָב נישט אויפגעהערט צו באַוואונדערן זייער „קונסט" — ווי אזוי זיי האָבן געמאַכט א לעבן...

יאָרן לאנג בין איך געווען אן ארויסגעבער — כ׳האָב ארויסגעגעבן יעדן שבת די געשטעלטע טשאלענטן...

כ׳האָב, אלעמאָל, פארקערט צווישן ליטעראטן און יידישע רע־דאקציעס—כ׳בין דארט געווען א „וואזשני״—א באדינער...

איך האָב אמאָל געשריבן אן ארטיקל, האָב איך שיעור ניט באקומען פון דער פוילישער רעגירונג אן אויסצייכענונג — דריי חדשים תפיסה . . .

פון מיין האנטשריפט איז יעדער איינער אנטציקט... ווען איך שרייב טשעקס...

אין די ליטעראַרישע קרייזן האב איך פון אלעמאל געהאט גרויס אנזען, ווען כ׳האָב זיך געשטעלט אויף א טיש...

אין דער גאנצער צייט פון מיין לעבן בין איך, אויף אן אמת, קיין איין מאָל נישט געשטאָרבן . . .

כ׳בין אמאָל, שיעור, שיעור, נישט געוואָרן א זעצער, מחמת כ׳האב שיעור נישט אנגעזעצט...

מיינע פסעוודאנימען זיינען: סענדער הערש, סענדער חוזק, נישט־איך, דער גרינער, א היגער, א ייד, הערשל, היי־שיך, סתם א ייד, אהרונזאן, צבי, בן־אהרון, קנאפעסער, און כאפט-אים־דער־וואטער־מאכער...

אלע יאָרן האב איך ליב געהאט א סך נעמען—כ׳בין אלעמאל געווען אן אנהענגער פון „נעמען״...

נישט געקוקט אויף דעם, וואס איך הייס הערש, הערש איך אבער קיינמאל נישט איבער קיינעם...

דאס רוב אין מיין לעבן האב איך זיך באשעפטיקט מיט קאָפּ־ארבעט —מחמת כ׳האב זיך אויסגעלערנט באַרבערייַ...

געמאַכט אין מיין יוגנט פיל רייזעס—געפארן אנקוקן כלות...

איך האב א נייגונג צו שרייבן הומאר, אבער מען לאכט פון מיין שרייבן און נישט פון מיין הומאר...

איך טראג דא אונטער מיין בוך דעם חשובן לייענער און האָף, אז ער וועט זיך אויסלאַכן פון מיין שרייבן...

אַ יידיש בוך אין אַפריקע

„ווען גאט האט געהאלפן און כ׳בין, בשלום, אנגעקומען אין דרום־אפריקע, האָב איך געטראכט: כ׳בין א גליקלעכער, יידן וועלן מיך דא, אינעם גאלדענעם לאנד, צערייסן, מען וועט מיך אויפכאַפּן ווי אן אבן־טוב, מען וועט רייסן ביי די זייטן, מען וועט מיך שלינגען! צום סוף האב איך זיך ביטער אנטוישט. נישט מען רייסט מיך ביי די זייטן, נישט מען שלינגט מיך און נישט מען כאַפּט מיך אויף. מען וויל אפילו מיך נישט אָנקוקן!

„איידער כ׳בין געקומען אין דער גאלדענער מדינה האט מיין אַל־טער בעל־הבית מיט מיר זיך געצאַצקעט, געגלעט מיך, ארום מיר זיך מתעסק געווען, גוט ארייננעקוקט און מיר מקנא געווען, וואָס איך האָב דאָס גליק צו פאָרן אין אזא גאָלדן לאנד. פארן אוועקלאָזן מיך, האָט מיין בעל־הבית מיך פעסט צוגעדריקט צו זיך, שטארק ארומגע־נומען און זיך הארציק געזעגנט מיט מיר.

„פיל יארן זיינען שוין פון דעמאלט אַוועק. איך האב זיך שוין, פאר דער דאזיקער צייט, אויסגעגרינט. כ׳בין שוין לאנג פארגעלבט גע־וואָרן אינעם גאָלדענעם לאנד. כ׳געפין זיך אין א יידישן בוך־געשעפט, אין יאהאנעסבורג. חדשים האב איך זיך ארומגעוואלגערט צווישן פאר־שיידענע פעקלעך און קעסטלעך, ביז מיין בעל־הבית האט מיך באפרייט. דער קבלת-פנים איז געווען א קאלטער, נישט געקוקט, וואס אפריקע איז א הייס לאנד... איך בין אוועקגעשטעלט געווארן אין א ווינקל פון דער פאָליצע, און פון יעמאָלט אָן שטיי איך אלץ אויפן זעלבן אָרט, נישט בארירלעך, ווי א ליימענער גולם. איך שטיי און קוק, ווי קיינער קוקט נישט אויף מיר. און מיינע שכנים, נעבן מיר, זיי איז אויך ניט בעסער, אויך זיי שטייען שטום און ווארטן. אויף וואָס מעןווארט, ווייסט איין גאָט!

„דער רוקן ברעכט זיך שוין פון שטיין אויף איין ארט, שטויב פאַלט אויף מיר, אז מען זעט שוין באלד מיין פנים ניט ארויס... מיינע חברים —ביכער—ווילצלען זיך, אז א יידיש בוך, דא, האט קיין פנים נישט... מיינט איר אפשר, אז מיינע חברים, ברייט־בייכיקערע פון מיר, און

באַפּוצט מיט גאָלד און זילבער, זיינען מער לייט און האָבן מערער מזל פון מיר? האָט איר, במחילה, אַ טעות. אויך זייערע רוקנס זיינען שווין צעבויגן און מיד פון שטיין. מען איז דאָך שטאַרקער פון אײַזן, אַז מען האַלט עס אויס, און די אבֿרים צעשיטן זיך נישט!...

„ביי מיין פֿריערדיקן בעל־הבית בין איך געווען געוווינט צו זען, ווי מען האָט זיך „באַשעפּטיקט" אַרום מיר. מען האָט דאָך פּשוט מיך פון די הענט ניט אַרויסגעלאָזט, און דאָ איז פּונקט פאַרקערט: מען נעמט מיך נישט אין האַנט אַריין... אַלע פלעגן זיך מיט מיר פרייען, ריידן וועגן מיר, מיך אַרומטראָגן, געניאַנטשעט מיך ווי אַ פּיצל קינד— און דאָ? דאָ בין איך פאַר דער צייט געוואָרן אַ זקן... עס פעלן פון מיר שטיקער, ווי בלעטער פון אַן אָפּגעדאַרטן בוים! מיינע חברים־ביכער קייכן פון געלעכטער און האַלטן זיך ביי די זייטן פון עם היגן ביכער־מסחר. מען קויפט דאָ קרבן־מנחהס, סליחות, אַרבע־כּנפֿותן, מצות, פּסחדיקן וויין, חרוסת. אָט איז אַריין אַ יידענע און געבעטן אַ סגולה צו וואַנצן... היינט, אין דער פרי, קלאַפּט מיך אַ שכן פון לינקס אין רוקן, אַז כ׳זאָל זיך צוהערן: אַ חסידישער יונגערמאַן איז געקומען קויפן אַ פּראַשעק, וואָס ראַזירט אָן אַ גאָל־מעסער. כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וועל צעשאָטן פון געלעכטער!...

„אַנומעלטן איז אַריינגעקומען אַהער אַ מיידל, אַ יידיש מיידל, און זי האָט געפרעגט—צי זי קאָן קויפן אַ בוך. איך האָב אויסגעגלייכט דעם רוקן, געוואָרן אַ ביסל מונטערער און שטאָלצער, זיך דערמאָנט די אַלטע גוטע צייטן. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט ווי אַ לינאָטיפּ. אָבער כ׳האָב זיך אָפּגענאַרט. דאָס מיידל האָט געבעטן אַ טשעק־בוך!...

„מיינט איר אפשר, אַז נאָר מיט מעבר־לים ביכער גייט עס אַזוי שלימזלדיק דאָ, האָט איר ווידער, במחילה, אַ טעות. אָט שטייען העכער אַ ביסל פון מיר, אויף אַ צווייטער פּאָליצע, היגע ביכער, אַפריקאַנער פּראָדוקציע. אָט איז אַ פריילעך יידיש בוך: שטייט ער, נעבעך, אַזוי דערשלאָגן, אַזוי טרויעריק, טאָג און נאַכט, אַז ער וואַרפט אויף אונדז אָן אַ מרה־שחורה. אַ ביסל ווייטער, שטייט אַ צווייט בוך, אַ היסטאָריש ווערק—האָט מען זיך נאָך צו אים נישט צוגערירט. מיר אַמפּערן זיך שטענדיק, צווישן זיך, וועגן אָט דעם בוך, אַז דאָס איז נישט קיין היסטאָריע, נאָר אַ היסטעריע. אַ ביסל נידעריקער פון אונדז שטייט אַ בוך לידער, רופט מען עס—„לידער"...

„אַנומעלטן האָט מיר דער בעל־הבית אַרונטערגענומען פון דער פּאָליצע. איך האָב זיך דערפרייט, פרייער אָפּגעאָטעמט, געוואָרן פול מיט האָפענונג. די שמחה איז אין מיר געוואַקסן, אַז באַלד, באַלד וועל

איך ארויס פונעם געפענגעניש, באלד וועל איך אנקוקן א וועלט מיט מענטשן, מער נישט דארפן טראגן אויף זיך די שווערע לאסט פונעם שטויב. דער רוקן מיינער האט זיך פון הנאה אזש אויסגעגלייכט. אבער פלוצלינג האב איך דערפילט א שלײדער מיט אזא קראפט, אזא רציחה, אז כ׳בין געבליבן מיט א צעבראכענעם רוקן און צעשעדיקטע זייטן. מיט פחד און ווייטאג האב איך זיך אויפגעכאַפּט אונטערן טיש. מיין בעל־הבית האָט זיך נאָך אַלץ געבייזערט און געמורמלט: בעת איך זוך א „צאינה וראינה" אדער עפּעס אנדערש, שטופּט ער זיך מיר אלעמאל אין וועג!...

„אין א יאהאנעסבורגער יידיש בוך־געשעפט איז א יידיש בוך אן אומגליקלעך באשעפעניש—און ס׳איז, לגמרי, נישטא וואס אים מקנא צו זיין"...

שרייבער און לייענער

ווי איר ווייסט, בין איך א יידישער שרייבער, און צו זיין א יידישער שרייבער, איז גאר נישט פון די גרינגע זאכן. הלוואי וואלט איך געווען א באקסער, אן אטלעט, צי אן אנדער טשעמפיאן—אדער גאר א קאָמאַשנמאַכער—וואלט מיר פיל בעסער געווען, ווי צו זיין א שרייבער—דערצו, א יידישער שרייבער.

עס איז גאר נישטא וואס מקנא זיין א יידישן שרייבער. אויבן-אויף, דאכט זיך, איז שרייבעריי א לייכטע ארבעט, א גרינגער פאַך—איינטונקען די פען און „געפאַרן" איבערן פאַפיר, אבער אין דער אמתן איז עס נאך ערגער, ווי האקן האלץ...

נאכן אפארבעטן, כ'מיין נאכן אנשרייבן—הייבן זיך ערשט אן די צרות ביים יידישן שרייבער. באזונדער גרויס זיינען די צרות פון א יידישן שרייבער, וואס שרייבט אין יידישע צייטונגען. דער רעדאַקטער שמעקט מיט דער נאז און קרימט זיך, אז דאס געפעלט אים נישט, דאס איז צו שוואך און דאס איז צו שטארק, דאס קלינגט אים נישט און דאס גרילצט אים, דאס איז באַנאַל און דאס איז פלאַגיאַט, דאס איז קוואַטש און דאס—וואסער, דאס איז פלוידעריי און דאס איז נודנע—צום חלשן...

און אז דער אויבערשטער העלפט און מען איז שוין נושא־חן ביים רעדאקטער און ער גיט א „וויזע" צום דרוק, איז מען שוין, דאכט זיך, אין זיבעטן הימל—און אלץ איז שוין אין ארדענונג, הייבן זיך ערשט איצט אן די צרות: עס קומען די לייענער און דרייען מיט די נעזער, אז עס געפעלט זיי נישט דאס שרייבן, עס איז פלאפלעריי, שטותים, קליאטשקע, שטרוי. עס געפעלט זיי נישט, עס איבלט... לייענען זיי דאס יא, מאכן זיי דעם אנשטעל, אז זיי טוען מיר א בערישע טובה, זיי מאכן מיך גליקלעך. ווען ניט זיי וואלט איך גאר קיין שרייבער נישט געווען. ווען ניט זיי, ווער וואלט מיך געלייענט...

איך האב לייענער נודניקעס, לייענער מיט טענות, לייענער וואס מאטערן מיך, לייענער וואָס טוען מיר א טובה מיטן לייענען, און

לייענער, וואָס סטראשען מיך מיטן קולאק... אויך דעם מין לייענער האָב איך...

האָט צו מיר אמאָל געהאט א ייד א טענה, אז כ׳האָב אים באליידיקט מיט מיין שרייבן, אָנרופנדיק אים „פוסטער" און „טרוקע־נער" ייד. דער ייד האָט מיך דערקלערט, אז ער איז ניט קיין „פוסטער" און „טרוקענער" ייד. ערשטנס איז ער א „דזשאָקי" און „בקי", דער בעסטער אויפן געיעג־פלאץ, מען איז זיך אפט מיט אים שואל־עצה אין הלכות־געיעגן, און צווייטענס, האט ער אייגענע הינט, וואס לויפן יעדן פרייטאָג־צו־נאכט אויף די הינט־געיעגן. און אז עס קומט צו א „לחיים", קאן מען זיך אויך מיט אים נישט פארשעמען... איז ווי אזוי קאָן איך אים דאס אנרופן „פוסטער און טרוקענער" ייד? פארלאנגט ער דעריבער, אז איך זאל זיך פאר אים אַנטשולדיקן אין א צייטונג, אז ניט וועט ער מיך מאכן אויס שרייבער...

א צווייטער ייד איז אמאל צו מיר געקומען מיט א טענה, פארוואס כ׳שרייב נאָר הומאָרעסקעס מיט וויצן. עס איז, האָט ער געזאָגט, אזוי אויך גענוג טרויעריק און איך דארף ניט צעשמעלצן. אז איך וואָלט געווען א לייט, האָט יענער געטענהט, וואָלט איך געדארפט גאָר שרייבן פריילעכערע זאכן, ווי הומאָרעסקעס...

איינע, א פרוי, האָט מיר אמאָל געמאכט א שווארץ־שבת אין מיטן גאָס, הלמאי איך האָב באשריבן אין א בלאט איר „לינקע" ליבע. איר מאַן, זאגט זי, איז שטאַרק אייפערזיכטיק און עס טוט זיך חושך. כ׳האב איר אנגעמאכט א גאנצן גיהנום! אויב איך וועל ניט פארריכטן, וואָס כ׳האָב קאליע געמאכט, האָט מיך יענע געוואָרנט — האָט זי א ברודער אן אדוואקאט, וועט ער מיר שוין געבן א „לעסאן"...

א יונגערמאַן האָט מיר צוגעשריבן א רעגיסטרירט ווארענונג־בריוול און מיך געבעטן, אז כ׳זאָל אים צושיקן מיין בילד. ער וויל בייטיק האָבן מיין בילד. ער וויל זיך באקענען מיט מיין פיזאָנאמיע, ווייל ער וויל נישט מאכן קיין טעות. ער וויל וויסן גענוי, ווי איך זע אויס. ער קלייבט זיך מיט א וויזיט אין רעדאקציע, וויל ער מיך קאָנען. ער וויל נישט, אז א צווייטער זאָל דורך מיר ליידן, ער זאָל, חלילה, אן אנדערן ניט צעברעכן האַלדז און נאַקן...

פון א סאָסייטי האָט מען מיר צוגעשיקט א וואָרענונג, אז זייער „טשערמאַן" פילט זיך מאראליש שטאַרק באליידיקט מיט מיין שרייבן. ער איז דעריבער גרייט צו רעזיגנירן פון זיין „טשער" אלס טשערמאַן, און אויב כ׳וועל דעם אינצידענט ניט צורעכטמאַכן, דאן זאל איך זיך

בעסער אפגעזעגענען מיט מיינע ביינער, מיט לייב און לעבן און אפזאגן ווידוי...

איך האָב, אָבער, אויך גוטע לייענער, וואָס לויבן און רימען מיין שרייבן. אָט, אנומעלטן, האָט מיר א ייד צוגעשריבן א בריוו און אויס-געדריקט זיין צופרידנקייט, וואס מיין שרייבן האט פאר אים געטאָן. ער לײדט פון שלאפלאזיקייט. ער האט שוין אלץ געטאן: אויסגענומען כלערליי רפואות און מיטלען צום שלאָפן, אָבער ס'האָט נישט גע־האָלפן, האָט ער נאָר גענומען לייענען מיינע הומאָרעסקעס, האָבן זיי געווירקט. ער איז גלייך איינגעשלאָפן...

נאך א ייד האט אויך געלויבט מיין שרייבן: נישט נאר בין איך א גוטער שרייבער, נאר ממש א דאקטער, א פראפעסאר בין איך! שוין יאָרן לאנג ווי יענער ייד האָט געהאט א פליך, ער האָט געטאָן אלץ אין דער וועלט, געווען ביי די גרעסטע דאקטוירים און פראפעסארן, וואס האבן אים געגעבן פארשיידענע רפואות און סגולות כדי דער פליך זיינער זאל זיך באדעקן מיט האר, נאר געהאלפן האט עס, ווי א טויטן— קוגל. אבער ווי נאר ער האט גענומען לייענען מיין שרייבעכץ, האט עס געווירקט און געהאלפן! —דער ייד האט באקומען וואסער אין קאפ, און זיינע האר האבן אים גענומען וואקסן...

גאט צו דאַנקען!... עס זיינען נאך פאראן לייענער, וואס דאַנקען...

אַ רענדל — אַ שמייכל

איך האָב אַמאָל אָנגעשריבן אַ הומאָרעסקע, וואָס האָט אויס־געזען צו זיין איינע פון מיינע בעסטע הומאָרעסקעס . . . כ׳האָב געהאַט דעם איינדרוק און מיינונג, אַז די הומאָרעסקע וועט אַרויסרופן דאָס גרעסטע געלעכטער—מען וועט לאַכן, אַז די זייטן זאָלן אַזש וויי טאָן לאַכנדיק. אַזוי האָב איך געטראַכט . . .

אַז איך האָב אויסגעפּאַרטיקט די הומאָרעסקע, האָב איך עס אַליין, פאַר זיך, אפשר אַ האַלבן טוץ מאָל איבערגעלייענט און געהאַט פון דעם גרויס הנאה. פון יעדער קאָמישער סיטואַציע האָב איך געלאַכט, אַז איך בין שיעור נישט צעשאָטן געוואָרן . . .

האָב איך באַקומען אַ גרויסן חשק—איידער די הומאָרעסקע גייט צום דרוק—זי פאַרצולייענען פאַר אַנדערע, פאַר מיינע פריינד און משפחה, הערן זייער מיינונג, און זאָלן זיי אויך הנאה האָבן און לאַכן.

צוערשט האָב איך אַריינגערופן מיין ווייב פון קיך, און איר דער־ציילט, אַז כ׳האָב נאָר־וואָס פאַרטיק געמאַכט אַ הומאָרעסקע מיט וויץ און הומאָר, מיט אַלץ. זי וועט דאָרטן אַלץ געפינען.

—ניט מיין געשמאַק—האָט מיין ווייב קורץ אָפּגעענטפערט און געזאָגט, אַז זי איז מיר מוחל מיינע הומאָרעסקעס מיטן הומאָר, מיט די וויצן, זי וועט מערער זיין צופרידן, אַז כ׳וועל איר געבן מער פּראַקטישע ענינים, ווי הומאָרעסקעס—אַז איך זאָל איר געבן פּרנסה.

האָב איך באַשלאָסן, אַז כ׳וועל פאַר מיין שוואָגער פאָרלייענען מיין הומאָרעסקע—זאָל ער האָבן פאַרגעניגן און זאָל ער זיך גוט אָנלאַכן. ער, מיין שוואָגער, נעבעך, איז שטענדיק אַן אומעטיקער מענטש, דאָס ווייב פירט אַן מיט אים, און מיט דער פּרנסה גייט אים אויך נישט אַזוי, איי־איי. האָב איך מיר געטראַכט, אַז מיין הומאָרעסקע וועט אים אַ ביסל פריילעכער מאַכן, ער וועט זיך אַ ביסל דורכלאַכן און אויפלעבן . . .

האָט מיר מיין שוואָגער געענטפערט, אַז כ׳טאָר פאַר אים בכלל קיין הומאָרעסקעס נישט לייענען, מחמת ער טאָר נישט לאַכן. אַז ער זאָל, חלילה, איצט לאַכן, קאָן אויסברעכן דער גרעסטער סקאַנדאַל

ביי אים אין הויז. ער האט זיך נאר־וואס צעקריגט מיט זיין ווייב, איז ער ערנסט, און קאן נישט הערן מיין הומאריסטישע מעשה . . .

בין איך אוועק פון מיין שוואגער און באשלאסן זיך אריבערצוכאַפּן צו מיין פלימעניק און פאר אים פארלייענען מיין הומאַרעסקע. זאל ער הנאה האבן פון מיין הומאר און וויץ, און זאל ער לאכן . . . אבער מיין פלימעניק האט מיך אויך פארווערט צו לייענען פאר אים מיין הומאַ־רעסקע—באשר ער לאכט נישט פון הומארעסקעס, ער לאכט פון דער וועלט, ער לאכט פון מיר, ער לאכט פון אלעמען און דארף נישט קיין הומארעסקעס . . .

בין איך אוועק צו מיינעם א לאנדסמאן און אים דערציילט, אז כ׳האָב אָנגעשריבן א פריילעכע זאך, א הומאַרעסקע, וואָס מאכט לאכן און איך בין דאס געקומען אים פארלייענען די דאזיקע הומארעסקע און ער וועט לאכן, אז די זייטן וועלן אים ווי טאָן לאכנדיק. האָט מיר מיין לאנדסמאן געזאָגט, אז אויב כ׳האָב אזא גוטע הומאָרעסקע, וואָס קאָן מאַכן לאכן, אז די זייטן זאָלן ווי טאָן, איז ער מיר מוחל די טובה, זאָל איך בעסער די הומאָרעסקע פאָרלייענען פאר זיין שוויגער, נישט פאר אים, מחמת ער האָט שוואכע זייטן...

בין איך אוועק מיט מיין הומארעסקע צו א צווייטן לאנדסמאן. איך האָב אים דערציילט צוליב וואָס כ׳בין געקומען און אים געוויזן די הומאָרעסקע. האָט יענער, געלאסן, אויסגעהערט און געזאָגט, א שאָד די צייט צו פטרן אויף הערן הומארעסקעס, ער וועט בעסער שפּילן א פאר „געזימס״ פאקער, אדער אויספרעסן זיך די הויזן און כ׳זאל אים צורו לאזן מיט מיין הומארעסקע . . .

בין איך אוועק פון אים צו א דריטן לאנדסמאן און אים דערציילט, אז כ׳וויל אים פריילעך מאכן, אז כ׳האב נאר־וואס אנגעשריבן א הו־מאָרעסקע, עפּעס אזוינס און אזעלכעס, מיט הומאָר און וויץ, וואָס וועט אים מאכן לאכן. ער וועט זיך קאטשען פון געלעכטער. ער וועט לאכן און לאָכן אָן אָן אויפהער, עס וועט אים צוקומען א שטיק געזונט.

האט מיר דער דריטער לאנדסמאן געזאגט, אז ער האלט, פשוט, נישט פון קיין הומארעסקעס און פון לאכן. ער איז נישט דער מענטש דערצו. אויב איך זוך אַזאַ איינעם צו לאכן, זאָל איך זיך מטריח זיין צו זיין שכן, יענער איז א מענטש וואָס לאכט, פאר אים וועט זיין א סחורה מיין הומאָרעסקע. ער וועט באשטימט לאכן. נישט נאָר פון הומארעסקעס לאכט ער, אפילו פון גמילות־חסדים, לאכט ער . . . ער האט פון אים גענומען א גמילות־חסד, איז שוין דער פינפטער חודש, ווי ער לאכט . . .

פארשטייט זיך, אז צום רעקאמענדירטן שכן בין איך נישט געגאנגען. אוועק בין איך צו א באקענטן, א גוטן באקענטן מיינעם. כ׳האָב אים דערציילט, אז כ׳האָב אָנגעשריבן א פריילעכע זאך, א הומארעסקע, וועל איך זי אים פארלייענען און ער וועט האבן גרויס הנאה, ער וועט לאכן ביז טרערן. האט מיין באקענטער באוויליקט צו פאָרלייענען אים די פריילעכע זאך. כ׳בין געווען זייער צופרידן און האָב געלייענט מיט האַרץ, מיט נשמה, און געווארט, אז מיין באקענטער זאל ענטפערן מיט לאכן. האט זיך אבער

יענער פאַר׳עקשנט און נישט געוואָלט לאַכן. אזא גזלן! איך לייען, מאַך קליינע פויזעס ביי יעדער קאמישער סיטואציע, כ׳ווארט אויף א לאַך, איך קוק אים אין פנים אריין, ווארט וואס פאר א מינע ער וועט מאכן, קוק אים אין די אויגן, איך לייען מיט טעמפעראמענט, שפּיץ אָן מיינע אויערן, קוק אויס נאָך א פרייער מינע, א שמייכל, נאָר יענער איז אייז־קאַלט, רירט זיך נישט פון אָרט, טוט נישט קיין שמייכל אפילו, אזא באַנדיט פון א יידן . . .

אז איך האב געענדיקט לייענען, האט מיין באקענטער צו מיר זיך אָפּגערופן:—אויב כ׳וויל מען זאָל הערן מיין הומאָרעסקע, און מען זאָל טאַקע לאכן אויך דערביי, זאָל איך אריבערגיין איבערן וועג . . . דארט וווינט א ייד, וואס וועט מיך געוויס פארשטיין. איך זאל פאר יענעם איבערלייענען מיין הומארעסקע, יענער האט א חוש פאר הומאר, כ׳וועל דארט האבן דערפאלג.

האב איך געפאלגט מיין באקענטן און אריבערגעגאנגען—איבערן וועג—צום פרעמדן יידן און אים דערציילט, אז מיין באקענטער, זיין שכן איבערן וועג, האט מיך צו אים געשיקט און מיר געזאגט, אז ער האט א חוש פאר הומאר, לכן וויל איך פארלייענען פאר אים מיין הומארעסקע. האט מיר יענער אונטערגעטראגן א בענקל צו זעצן זיך — און כ׳האב גענומען פארלייענען . . .

ווי איך האב נאר אנגעהייבן צו לייענען, האט יענער גלייך גענומען לאכן. איידער כ׳האב נאר באוויזן ענדיקן דעם ערשטן זאַץ, האט יענער שוין אויסגעשאסן מיט געלעכטער, געלאכט אזש מיט ספּאַזמעס, געהירזשעט ווי א פערד, געהאלטן זיך פאר די זייטן, געשפרונגען איבער די בענקלעך, אויסגעצויגן זיך אויפן דיל—און געלאכט! דער ייד האט געלאכט מיט אזא געזונטן געלעכטער, מיט אזוי פיל כוח. כ׳האב שיעור געוואָלט אים אויסקושן יעדן אבר. כ׳האָב זיך געטראכט, אז ער איז דער ריכטיקער מענטש וואָס פארשטייט הומאָר. אט פאר אזעלכע יידן דארפן יידישע שרייבער, הומאריסטן, שרייבן . . .

מיט א פּאָר טעג שפּעטער בין איך, ווידער, אוועק צום זעלבן יידן פארלייענען אים א נייע הומארעסקע, האב אים אבער נישט געטראָפן. איך בין געוואר געוואָרן, אז דער פריינדלעכער ייד, וואָס האט מיר געשאנקען אזוי פיל אויפמערקזאמקייט מיט זיין געזונטן לאכן ביים פאָרלייענען אים מיין הומאָרעסקע, איז, מיט א טאָג פריער, אפּגעפירט געווארן אין א סאנאטאריום פאר גייסטיק־קראנקע . . .

אַ ליטעראַרישע שאַפונג

מיין פריינד שמערל לעשפּאַפּיר, אַ יידישער שרייבער, באַקלאָגט זיך פאַר מיר, אַז ווען ער שרייבט אַמאָל אַן אַ זאַך, איז אַן אומגליק. דער רעדאַקטאָר וויל דאָס נישט דרוקן. ער זאָגט אים, אַז ער האָט נישט קיין געדולד צו לייענען זיינע שאַפונגען. שמערל לעשפּאַפּיר וויל אָבער שטאַרק פאַרעפנטלעכן זיינע זאַכן, עס גייט אים ממש אויס דאָס חיות. ער וויל, אַז יידן זאָלן אים לייענען און האָבן הנאה. אָבער דער רעדאַקטאָר איז אַ מערדער, אַ רוצח, אַ גזלן, אַ קאַלטער לונג־און־לעבער, ער וויל נישט דרוקן און טוט אים עפּעס.

האָט מיין פריינד געזוכט פאַרשיידענע וועגן—ווי אַזוי זיינע זאַכן זאָלן געלייענט אָדער געהערט ווערן. האָט ער באַשלאָסן: ער וועט מאַכן אַ ליטעראַרישן אָוונט און וועט דאָרט פאָרלייענען זיינע אָנגעשריבענע זאַכן—און זאָלן יידן הנאה האָבן. האָט ער ערגעץ געדונגען אַ קליינעם לאָקאַל און געמאָלדן, אַז אין דעם און דעם אָוונט וועט ער לייענען זיינע געשריבענע ווערק, און געבעטן, העפלעך, דעם עולם צו קומען. אַריינטריט—אָן אַ פּרוטה געלט.

מיט גרויס אינטערעס און ברען האָט זיך מיין פריינד געגרייט צום אָוונט. ער האָט צוגעגרייט פון זיינע בעסטע אָנגעשריבענע זאַכן, און געוואַרט, אַז עס זאָל קומען אַ גרויסער עולם—קיין געלט האָט ער דאָך נישט פאַרלאַנגט.

אין דעם גליקלעכן אָוונט זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע פריינד—די גאַנצע משפּחה פונעם שרייבער און נאָך עפּעס אַ פּאָר ליידיקגייער זיינען געקומען. און ווען דער שרייבער, נעבעך, האָט גענומען פאָרלייענען, האָבן זיך די געציילטע מענטשן שטיל אַרויסגערוקט פונעם צימער, און זיינע אייגענע—די משפּחה—האָבן שטאַרק געכראָפּעט און געשנאָרכעט אויפן קול, אַז עס האָט דעם שרייבער צעשטערט זיין ליטעראַרישן אָוונט.

איז נאָכדעם מיין פריינד אַרומגעגאַנגען אַ צייט אַן אַנגעוויטאַגטער, אַן אויפגערעגטער און פאַרביטערטער, געשריען און געקלאָגט, אַז עס איז ניטאָ פאַר וועמען פאָרצולייענען אַ יידיש וואָרט, ניטאָ קיין קולטור־

מענטשן ביי אונדז, עס איז א שאַנדע און א חרפּה מיט עגמת־נפש באַנאַנד!...

איינמאל האט מיין פריינד, שמערל לעשפּאַפּיר, פארגעלייגט זיינע לאַנדסלייט, זיינע פריינד, אז ער וויל מאכן אַן אָוונט פאר זיי — א ליטעראַרישן אָוונט, ווו ער וועט פאַרלייענען זיינע ליטעראַרישע זאכן — אָן א פּרוטה, אָן געלט, גלאט אזוי זיך, זאָלן זיי הנאה האָבן... זיי האבן דאס פארדינט!... האט מען אים אפּגעזאגט: מען איז אים מוחל די טובה, מען דארף נישט, נישט נייטיק, ער וויל פארטרייבן די פאר לאַנדסלייט, וויל ער...

האט שמערל לעשפּאַפּיר זיך געבעטן ביי אלעמען: לאזט מיך איבערלייענען פאר אייך א נייע אנגעשריבענע שאפונג, א פּערל, אַ ליטעראַרישע ארבעט, וואָס עס קומט מיר באמת א פּרעמיע פאר דעם... אבער קיינער וויל אים נישט הערן, קיינער לאזט אים ניט לייענען, קיינער נישט... פארדארבענע מענטשן!

איינמאל האט שמערל אנגעטראפן א צווייטן יידישן שרייבער, האט ער פאר אים אויסגעגאָסן זיין ביטער הארץ. האט אים יענער געטרייסט און דערציילט, אז אויך ער האט דעם זעלבן אומגליק, אויך ער שרייבט שוין עטלעכע יאָר און קיינער וויל עס נישט לייענען. איינעם האט ער געצוואונגען צו לייענען זיינס א ראמאן, האט אים יענער דערפאר אויסגעהאַקט צוויי באַקציינער. האט זיך שמערל לעשפּאַפּיר שטאַרק דערשראָקן און אויפגעהערט בעטן, אז מען זאל אים לאזן פאַרלייענען זיינע שאפונגען.

א צווייטער שרייבער, ווידער, האט שוין שמערלען צוגעזאגט צו לייענען זיינע זאכן, בתנאי, אז ער זאל אים אויך טאָן אַ טובה: ער זאל לייענען זיינע לידער. יענער שרייבט פּאָעזיע. האט שמערל גענומען לייענען יענעמס לידער, די פּאָעזיע, איז ער נעבעך גאר איינגעשלאפן, ווי אין א הינער־פּלעט, אז מען האט באדארפט ארויסרופן דאקטוירים, און דער צווייטער שרייבער האט, לייענענדיק שמערלס שאַפונגען, באַקומען א נערוון־דערשיטערונג און געלעגן דריי חדשים אין שפּיטאל...

לעצטנס האָט מיך שמערל לעשפּאַפּיר אָנגעכאַפּט: כ׳בין דאָך אַן אייגענער יאָט, מוז איך אויסהערן זיין לעצטע שאַפונג, אַ ליטעראַרישע שאפונג, וואָס ווען ער זאָל דאָס האָבן אָנגעשריבן ביי די אומות־העולם, וואלט מען אים דערפאר אפּגעגליקט, אנגעשאטן, נאר ביי יידן, ווייסט איר דאָך? יידן זיינען נישט קיין פארגינערס, האבן נישט קיין

איינזען, קיין פארשטענדעניש, קיין ברעקל מענטשלעכקייט פאר א ייִדישן שרייבער!...

האב איך באקומען גרויס רחמנות אויף מיין פריינד, שמערל לעשפּאָפּיר, און אים דערלויבט פארצולייענען פאר מיר זיין לעצטע ליטעראַרישע שאפונג, וואס האט זיך גערופן: „ווי אזוי א קוקורוזע איז געווארן מעוברת״. מיין פריינד האט געלייענט מיט גרויס היץ און ברען — און מיך האט עס געווארפן אין קדחת... איך ווייס נישט ווי לאנג ער האט געלייענט און ווי גוט זיין ליטעראַרישע שאַפונג איז געווען. איך ווייס נאָר, אז ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאפּט, איז נעבן מיר געשטאנען א קראנקן־שוועסטער און מיר געלייגט נאסע קאָמ־פּרעסן צום קאָפּ און געהאַלטן מיין פּולס...

ליטעראַרישע קריטיק

איך האָב אַמאָל געוויזן פּאָר צווי פּען־חברים אַן אָנגעשריבענע זאַך, אײדער כ׳בין עס געגאַנגען אָפּשיקן צום דרוק. געוואָלט האָב איך הערן זייער מיינונג. די שאַפונג האָט זיך גערופן: „אַ פּאַרליבט פּאַרל״. איך האָב עס פּאָר זיי פאָרגעלייענט און זיי האָבן מיט אינטערעס זיך צוגעהערט: —

„און פּיזול האָט זײַן געליבטע געקושט מיט שטאַרקער ליידנ־שאַפט!״—

—וואַרט אַ ביסל, הערשל,—האָט זיך אָפּגערופן איין פּען-חבר —וואַרף אַרויס דעם זאַץ „מיט שטאַרקער ליידנשאַפט״. עס איז גענוג, אַז „פּיזול האָט זײַן געליבטע געקושט!״

האָב איך אויסגעשטראָכן — „מיט שטאַרקער ליידנשאַפט״.

האָט זיך באַלד אָנגערופן דער צווייטער חבר:

—מעגסט אויך אַרויסוואַרפן, אַז „פּיזול האָט זײַן געליבטע גע־קושט״, אַ מציאה מיט איר, צו וואָס אין מיטן דאָס קושן זיך?!!

האָב איך אויך אויסגעשטראָכן—„פּיזול האָט זײַן געליבטע גע־קושט״, און געלייענט ווייטער:

„ווען פּיזול האָט זײַן געליבטע אַרומגענומען, האָט ער זיך דערפילט יינגער און אַ היץ האָט אים אַרומגענומען״ —

דאַ האָט מײַן ערשטער פּען־חבר מיך אָפּגעהאַלטן:

—ווי גאָט איז דיר ליב, וואַרף אַרויס דעם זאַץ: „האָט ער זיך דערפילט יינגער און אַ היץ האָט אים אַרומגענומען״, עס איז גענוג!

—און וואַרף אויך אַרויס: „ווען פּיזול האָט זײַן געליבטע אַרומ־גענומען״, האָט זיך אָפּגערופן דער צווייטער פּען־חבר—אַ מציאה מיט אים און אַ מציאה מיט איר, און מיט זייער אַרומנעמען זיך!

האָב איך אויך אויסגעשטראָכן דעם לעצטן זאַץ און געלייענט ווייטער:

„ער האָט זײַן געליבטע אַרײַנגעקוקט טיף אין די אויגן און געשמייכלט פון תענוג״.

—סטאפ!—האט זיך אפגערופן איינער פון די חברים,—ווארף ארויס דעם גאנצן זאץ, מען דארף אים נישט, פונקט ווי מען דארף נישט קיין הויקער!...

האב איך מיט ציטערדיקע הענט אויך ארויסגעווארפן דעם לעצטן זאץ, און שטיל געבעטן צו גאט, אז עס זאל נאך עפעס איבערבלייבן פון מיין אנגעשריבענער זאך, און—אן מוט—געלייענט ווייטער:

„טייערע, אייביק וועל איך דיך ליבן, אייביק וועסטו מיר זיין!"

—דאס איז קוואטש! שאבלאן! זייפנבלאז!

—ווארף ארויס! ווארף ארויס!—האבן זיךביידע צעשריען.

האב איך באין ברירה אויך אויסגעשטראכן דעם זאץ און געלייענט ווייטער:—

„ווי ליב איך האב דיך, פייגעל, דו ביסט צוקער־זיס, טייערער!"

—ווארף ארויס דעם „צוקער־זיס", אויסגעדראשענע רייד זיינען דאס!—האט זיך אפגערופן איין פען־חבר.

—און ווארף ארויס „ווי ליב איך האב דיך, פייגעל", ווער דארף דאס וויסן?! ווענעמס עסק?! ווארף ארויס, הערשל!—האט זיך אפגערופן דער צווייטער פען־חבר.

האב איך אויסגעשטראכן דעם „צוקער־זיס" מיטן „ווי ליב איך האב דיך, פייגעל", און געהאפט, אז די איבעריקע שורות וועלן כאטש בלייבן גאנצע, און געלייענט ווייטער:

„איך וועל דיר אייביק זיין געטריי, פייגעל, א גוטע פרוי און מוטער צו די קינדער, וואס מיר וועלן, אם ירצה השם, האבן!"..

—דער זאץ איז איבעריק, מען ווייסט שוין די געטריישאפט, מען ווייסט שוין די צוזאגענישן פון די פארליבטע מענטשן. ווארף ארויס! ארויס!

—און „א גוטע מוטער צו די קינדער, וואס זיי וועלן אם ירצה השם האבן", דארף מען נישט, נישט וויכטיק!—האט זיך צעווארעמט דער צווייטער חבר—פון וואנעט ווייסט זי, אז זי וועט האבן קינדער?— און ווער דארף איר האבן מיט אירע קינדער?! דער גאנצער זאץ איז אן איבעריקער! . . .

האב איך אויך ארויסגעווארפן „איך וועל דיר אייביק זיין געטריי, פייגעל—א גוטע פרוי און א מוטער צו די קינדער, וואס מיר וועלן האבן"—און, דערשלאגן, געלייענט ווייטער מיט א פארטריקנטן קול:

„און אין א מזלדיקער שעה האט דאס געליבטע פארל געשטעלט א חופה".

—גענוג, גענוג! האבן זיך מיט אמאל צעשריען מיינע חברים,— ווארף ארויס! ווארף ארויס! נישט וויכטיק!

האב איך אויך ארויסגעווארפן די לעצטע פאר שורות און מיט דעם צוליב געטאָן מיינע חברים... כ׳וועל דאָך נישט צוליב א פּאָר שורות זיך איינרייסן און פארלירן חברים . . .

און אָט אַזוי, ווארפנדיק שורה נאָך שורה, איז עס דערגאנגען אזוי, וויט, אז כ׳בין געבליבן בלויז ביים קעפּל פון מיין אנגעשריבענער שאפונג, — „א פארליבט פּאָרל״, — און נישט מער! . . .

פארשטייט זיך, אז צום דרוק האט שוין מיין הומארעסקע ניט זוכה געווען. מיינע פען־חברים—מיט זייער מבינות—האָבן אלץ קאליע געמאכט . . .

כ׳וועל עס גוט געדענקען.

אַז לאַכן, זאָל זיין געלאַכט

נישט אַלעמאָל שרייב איך הומאָרעסקעס. איך שרייב אויך ערנסטע זאַכן: פעליעטאָנען, עסייען און אַנדערע. נישט אַלעמאָל איז מיר אַזוי גוט אויפן האַרצן, אַז עס ווילט זיך מיר שרייבן הומאָרעסקעס. למען האמת, אַפילו ווען איך שרייב הומאָרעסקעס, איז מיר אויך נישט אַזוי גוט אויפן האַרצן און עס איז גאָר נישטאָ וואָס מיר מקנא צו זיין...

פאַראַן אָבער לייענער, אַזעלכע, וואָס ווילן נאָר, אַז אַלץ וואָס איך שרייב, זאָל זיין מיט הומאָר, זאָל זיין צום לאַכן, זאָל זיין פריילעך און זיי מאַכן לוסטיק. נישט אַלע טעמעס מיינע זיינען אָבער שטענדיק פריילעכע. פאַראַן אויך אומעטיקע טעמעס, ערנסטע זאַכן—אָן הומאָר—וואָס איך שרייב—און, דעמאָלט טאַקע, פעלן מיר קיין צרות נישט פון לייענער גודניקעס . . .

איך האָב אויך אַזעלכע לייענער, וואָס ווילן פון מיין שרייבן נאָר לאַכן, און אויב כ׳שרייב זיי נישט קיין אַרטיקלען מיט הומאָר צום לאַכן, לאַכן זיי פון מיר, אַז כ׳בין נישט קיין שרייבער. מעג איך שרייבן די טרויעריקסטע זאַך, שילדערן ערנסטע אָפּהאַנדלונגען און אומעטיקע געשעענישן, ווילן יענע קיין זאַך נישט וויסן, זיי ווילן הומאָר, זיי ווילן לאַכן . . .

אָט, אַנומעלטן, כאַפּט מיך אַ ייד אַ גודניק אין מיטן גאַס און באַשיט מיך מיט טענות און מיט פּרעטענזיעס, אַז אין דעם אַרטיקל וואָס איך האָב געווידמעט די קדושים פון דער אַלטער היים, איז נישט געווען קיין ברעקל הומאָר, קיין פּיצל וויץ, אַפילו נישט קיין איין שמייכל . . .

אין איין פעליעטאָן, וווּ איך האָב געשילדערט די גרויע און טרויעריקע לאַגע אין דער וועלט, און ספּעציעל ביי יידן, איז דאָס אויך אַ האַר נישט געפעלן געוואָרן דעם דערמאָנטן יידן, דעם גודניק, באַשר עס האָט דאָרטן געפעלט הומאָר. יענער גלייבט, אַז אַלץ וואָס איך שרייב מוז האָבן הומאָר, מוז אים מאַכן לאַכן, אויב נישט טויג עס נישט . . .

און דער ייד, דער גודניק, האט זיך צעשריען אויף מיר, אז אויב כ׳וועל מער נישט שרייבן ארטיקלען מיט א פריילעכן אונטערשלאק, וועט ער זיי מער נישט לייענען און נישט לאכן, ער וועט פון מיר וויכן ווי פון א פעסט . . .

האב איך יענעם אויפגעקלערט, אז ווען איך שרייב הומארעסקעס, באמי איך זיך צו ברענגען שטאף, וואס זאל ארויסרופן א שמייכל, אבער נישט ווען איך שרייב ערנסטע ארטיקלען, אומעטיקע אפהאַנד־לונגען וועגן טרויעריקע געשעענישן.

דער ייד, דער גודניק, אבער, האט עס נישט געוואלט וויסן און האט זיך צע׳דבר׳ט מיט אזא כוח־הדיבור, אז איך בין שיעור נישט פאר־טויבט געווארן:

—איך וויל קיין זאך נישט וויסן,—האט ער גע׳טענה׳עט,—כ׳וויל הומאר, כ׳וויל לאכן, אפילו ווען איר שרייבט נישט קיין פריילעכס, מוזט איר עס אויך מאכן, אז מען זאל לאכן!

—אבער,—האב איך, געלאַסן, זיך אפגערופן צום יידן,—ווען איך שרייב נישט קיין הומארעסקע, נאר אן ערנסטע זאך, ווי קאן איך אייך געבן הומאר?

—האַקט נישט קיין טשייניק—רופט זיך יענער אָפּ — מען קאָן שרייבן ערנסטע זאכן, וואָס זאָלן דעם לייענער מאכן לאכן!

זע איך דאך שוין מיט וועמען איך האב דא צו טאן, האב איך צוגעזאגט דעם יידן, אז איך וועל שוין להבא שרייבן ערנסטע זאכן מיט א פריילעכן אינהאלט, מיט א סך הומאר און וויצן . . .

האט זיך יענער שטאַרק דערפרייט און איז געווארן מלא שמחה און זיך צערעדט, ווי א גראמאפאן־פליטע:

—לאנג לעבן זאלט איר, לאנגע יארן אייך! איר זאלט שרייבן פריילעכע זאכן—מיט פריילעכן אינהאלט, מיט פריילעכען הומאָר—און מיט א סך וויצן, אַז עס זאָל זיין צום לאכן, מען זאָל לאכן אָן א סוף, מען זאָל לאכן, אז די קישקעס אין בויך זאָלן זיך איבערדרייען... מען זאל לאכן, אז דאס הארץ זאל צאַפּלען, צאַנקען, פלאַצן, אַבי הומאר! הומאר איז געזונט—אפילו, אז מען ווערט קראנק, לאכנדיק. שרייבט, אז מען זאָל לאכן. עס איז געזונט!... אפילו, אז מען פארקייכט זיך פון לאכן, קומט צו א שטיק געזונט! איך זאג אייך, אז הומאר איז א היילונג פארן מענטשן, פאר דער נשמה, פארן גוף און די גלידער! עס איז די בעסטע מעדיצין אפילו יעמאלט, ווען לייענענדיק דעם הומאר און לאכנדיק, באקומט מען א נערוון־אויפטרייסלונג. דאס מאכט נישט אויס, אבי לאכן און טאקע לאכן, אז עס זאל זיין געלאכט. לאכן איז

געזונט, אזוי האט געזאגט שלום־עליכם ע״ה, אזוי זאגן אויך די דאקטוירים—און אזוי זאג איך טאַקע אויך! אז איך לאַך, פיל איך זיך אַן אנדער מענטש, שטיקער געזונט קומען מיר צו, מיינע ווייטאגן אין די פלייצעס, אין קאָפּ און מיין רעומאטיזם לאָזן מיך אָפּ. איר הערט—איר דארפט שרייבן, אז מען זאָל לאַכן, לאַכן, אז דער אָטעם זאָל פארכאפּן, דאָס חיות זאָל אויסגיין, אַז מען זאָל די פּאפּלעקסיע באַקומען, אז לאַכן, זאָל זיין געלאכט, אַז, אַז . . .

* * *

מער האָב איך שוין נישט געהערט, וואס דער ייד, דער נודניק, האט גערעדט. כ׳האב זיך גיך אפגעטראגן פון אים, מיט א חשד, אז דאָס מוז זיין א קאנדידאט אין א משוגעים־הויז . . .

מכוח ליטעראַטן

פאַראַן שרייבער, וואָס שרייבן מיט דער כּוונה, אַז זיי זאָלן אַליין האָבן וואָס צו לייענען. פאַראַן שרייבער, וואָס שרייבן, אַז ווייב, קינדער און משפּחה זאָלן זיי אָננעמען פאַר שרייבער. פאַראַן שרייבער, וואָס שרייבן, אַז זיי זאָלן האָבן וואָס פאַרצולייענען. פאַראַן שרייבער, וואָס זיינען אויסן, אַז מען זאָל זיי דרוקן. פאַראַן שרייבער, וואָס שרייבן פאַר צייטונגען, און פאַראַן שרייבער, וואָס שרייבן פאַרן אייגענעם געברויך, פאַרן טיש־קעסטל אָדער פאַר די מייז, זאָלן האָבן וואָס צו גריזשען . . .

פאַראַן שרייבער, וואָס שרייבן צוליב קאַליע מאַכן פּאַפּיר. פאַראַן שרייבער, וואָס שרייבן, אַז די לייענער זאָלן האָבן פון וואָס צו נודען, פון וואָס גענעצן און קאַנען איינשלאָפן. פאַראַן שרייבער, וואָס ייער שרייבן רופט אַרויס גריזאַטע אָדער חלשות . . .

פאַראַן שרייבער, וואָס מיט זייער שרייבן ברענגען זיי גרויסע נוצן—דעמאָלט—ווען זיי שרייבן נישט . . . פאַראַן שרייבער, וואָס מיט זייער שרייבן שאַפן זיי זיך איין פריינד, און פאַראַן שרייבער, וואָס מיט זייער שרייבן באַקומען זיי פיינד.

פאַראַן שרייבער, וואָס פאַר זייער שרייבן באַקומען זיי באַצאָלט, און פאַראַן שרייבער, וואָס פאַר זייער שרייבן באַקומען זיי אונטערגעהאַקט די זייטן אָדער אויסגעשלאָגן די ציינער . . .

פאַראַן שרייבער, וואָס שרייבן לשמה, און פאַראַן שרייבער, וואָס לעבן זיך אויס נאָר פון שרייבן—הונגערן זייער גאַנץ לעבן . . .

פאַראַן שרייבער, וואָס שרייבן צום גראַם, אָבער דאָס לעבן, אויף צו להכעיס, גראַמט זיך זיי נישט און האָט נישט קיין טעם.

פאַראַן שרייבער, וואָס זיינען אַזוי אַריינגעטאָן אין שרייבן, אַז זיי קלערן, אַז אָן זייער שרייבן, וועט, חלילה, די וועלט אונטערגיין — און באַמערקן גאַרנישט, ווי זיי אַליין גייען דערווייל אונטער . . .

פאַראַן שרייבער, וואָס שרייבן בכדי אויסצונוצן זייער פען, וואָס זיי האָבן געקריגן אַלס מתנה און בכדי מענטשן זאָלן זאָגן, אַז זיי זיינען שרייבער . . .

פאראַן שרייבער, וואָס זיינען נישט קיין אויסקלייבער, וואָס שרייבן פון אַלץ, וואָס מאַכן פון בלאַטע—גאָלד, און פון גאָלד—בלאַטע . . .

פאַראַן שרייבער, וואָס וואָלטן געווען פעיקע קברנים: זיי באַ־גראָבן אַ טעמע, ווי דער בעסטער קברן, און פאַראַן שרייבער, וואָס קאָנען שרייבן, נאָר האָבן נישט פון וואָס צו שרייבן . . .

פאַראַן שרייבערס שלימזלס, וואָס שרייבן אַן גוטע אַרטיקלען, וואָס ווערן נישט געדרוקט, און פאַראַן שרייבער, גליקלעכע, וואָס שרייבן אַן שלעכטע אַרטיקלען, קליאַטשעס, וואָס ווערן יאָ געדרוקט . . .

פאַראַן שרייבער, וואָס זאָגן, אַז שרייבן צוליבן דרוקן דאַרף מען נישט זיין קיין גוטער שרייבער, נאָר אַ דרוקער . . . דער ערגסטער דרוקער האָט אַ בעסערן שאַנס צום דרוק, ווי דער בעסטער שרייבער...

פאַראַן שרייבער, וואָס זיינען אויך דרוקער, טאָמער דרוקט מען זיי נישט, דרוקן זיי זיך אַליין . . . פאַראַן שרייבער געדריקטע, אָבער נישט געדרוקטע . . .

פאַראַן שרייבער, וואָס שרייבן פאַר דער צוקונפט, אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט מען זיי לייענען און גוטע שבחים זיי זאָגן, אָבער דעם גרעסטן טייל זיינען פאַראַן שרייבער אָן אַ צוקונפט . . .

פאַראַן שרייבער, וואָס שרייבן איז ביי זיי אַ קונסט אין לעבן—און זיי באַוווּנדערן אַליין די קונסט—ווי אַזוי זיי מאַכן אַ לעבן . . .

פאַראַן שרייבער, וואָס לעבן דורכויס פון שרייבן, זיי שרייבן בריוו צו זייערע קרובים—וועגן שטיצע . .

פאַראַן שרייבער, וואָס שרייבן צוליב צייט־פאַרטרייב, דערווייל פאַרטרייבן זיי מיט זייער שרייבן נישט נאָר די צייט, נאָר אויך די מענטשן אַרום זיך . . .

פאַראַן שרייבער, וואָס שרייבן בכדי זיך אַרויפצואַרבעטן אויף אַ יובילעאום, און פאַראַן שרייבער, וואָס אַ פּאָר שיך איז ביי זיי חשובער פון אַ יובילעאום . . .

פאַראַן שרייבער, וואָס זייער גאַנצער שרייבערישער פאַרמעג איז דער גרויסער קאָפּ האָר . . . מיט דעם אויסגעבונדענעם שלייף אַרום דעם האַלדז, און פאַראַן שרייבער, וואָס טראָגן ניט קיין אויסגעבונדענע שלייפן און האָבן נישט קיין גרויסע האָר—און נישט קיין קאָפּ . . .

פאַראַן אַזעלכע שרייבער אויך! . . .

צווישן פען־מענטשן

זיינען אמאל געזעסן צוויי יונגע ידישע שרייבער אין רעדאקציע־צימער און געוואַרט, אז דער רעדאקטער זאָל זיי אויפנעמען. ביידע יונגע שרייבערס האבן מיט זיך געהאט העפטלעך אנגעשריבענע כתבים. דאס האבן זיי געבראכט אין רעדאקציע אריין צו ווייזן דעם רעדאקטער, הערן זיין מבינות, זיין אפשאַצונג און אויך דאס אפצו־דרוקן אין זיין צייטונג.

ביידע יונגע שרייבער זיינען געווען אויסגעפוצטע, ווי צום טאַנץ. זייערע לאנגע געדיכטע טשופרינעס האָר זיינען געווען פיין אויס־געקעמט מיט שרינטן אויף דער זייט, געטראגן שיינע אויסגעבונדענע קאלירטע קראוואטן, מיט געפרעסטע הויזן. ביידע זיינען זיי געזעסן, און געוואַרט אויפן רעדאקטער אין א געהייבענער שטימונג.

ביידע האבן זיי, די שרייבער, אריינגעקוקט מיט גרויס הנאה אין זייערע אנגעשריבענע כתבים, געווען אין זיי פארטיפט מיט באזונדערער באגייסטערונג. יעדער איינער פון זיי האט, בגנבה, אריינגעבליקט אינעם אנדערנס געשריבענע מאנוסקריפטן און געווארן אומגעדולדיק, נערוועז.

רופט זיך אָפּ איינער פון די צוויי יונגע שרייבערס:

—ווי לאנג כ׳וואַרט שוין דאָ, שוין באלד האלב נאָך צען, און מען זעט נישט דעם רעדאקטער!

רופט זיך אָפּ דער צווייטער שרייבער:

—מסתמא ערגעץ פארנומען מיט וויכטיקע אנגעלעגנהייטן פאר דער צייטונג. מיין נאָמען איז פישל פישיויך!

—מיין נאמען איז זלמן שקאַרפעטקע!

—זייער אנגענעם! אוודאי אויך געקומען זען דעם רעדאקטער?!

—געוויס, חבר פישל פישיויך. איך האב דא מיינע כתבים צו ווייזן דעם רעדאקטער!

—שוין דאס זיבעטע מאל ברענג איך מיינע מאנוסקריפטן דא. די פריערדיקע זעקס מאָל, האָט ער, דער רעדאקטער, אלץ גע׳טענהט,

אז מיין שרייבן איז שוואך, האט נישט קיין בלוט, קיין לעבן, קיין אטעם, קיין קלאנג, קיין טעם! אינטערעסאנט, וואס ער וועט היינט זאגן!

—דאס זעלבע האט אויך אמאל פאסירט מיט מיר. גארניט צו פארשטיין זיי, די רעדאקטארן. זיי זוכן אינעם שרייבן—לעבן, בלוט, טעם, פונקט ווי עס וואלט געווען עפעס א מאכל צום עסן! . . .

—אט, נאַט אייך מיינע לידער און לייענט זיי ספעציעל איבער, חבר פישיוויך!

—נאַט אייך אויך מיינע דערציילונגען און זאגט אייער קריטיק, חבר זלמן שקארפעטקע!

ביידע יונגע שרייבער האבן זיך פלייסיק גענומען צום לייענען איינער דעם צווייטנס מאנוסקריפטן.

נאכן איבערלייענען, רופט זיך אפּ איינער פון די צוויי שרייבער:

—די לידער, אייערע, זיינען זייער פיין און גלאטיק אנגעשריבן, אזוי גלאַטיק, ווי אַ פאלירטער טיש!

רופט זיך אפּ דער צווייטער שרייבער:

—און אייערע דערציילונגען זיינען קינסטלעריש געשריבן, געשריבן מיט געפיל און גרויסער פארשטענדעניש!

—אייערע לידער האבן ריטם, קלאנג, לעבן און א סך בלוט!

—אייערע דערציילונגען זיינען געזונט און קינסטלעריש אויס־געהאַמערט, ווי א שיינע מצבה פון שענסטן מאַרמאר!

—אזעלכע לידער, ווי אייערע, דארף מען פארשטיין, דארף מען שטודירן און זיין א מבין אויף זיי!

—וואס מער מען לייענט אייערע דערציילונגען, מער וויל מען זיי לייענען!

—יעדער אטעם־צוג פון אייערע לידער—איז א וועלט פאר זיך!

—די העלדן אין אייערע דערציילונגען שטייען, ווי לעבעדיקע, פאר די אויגן!

—די גראמען זיינען זייער אריגינעלע ביי אייך!

—די פאן, די האנדלונג איז זייער רעאליסטיש אין אייער שרייבן!

—איר זייט דער ריכטיקער דיכטער פאר לידער שרייבן!

—אייערע העלדן אין די דערציילונגען זיינען זייער אריגינעלע!

—איר שרייבט ניט ווי א געוויינטלעכער שרייבער, נאר זינגט פשוט אויס יעדע ווארט, ווי זיסע מוזיק!

—אויפריכטיקע קריטיקער וועלן נישט קאנען פארשוויגן אייער טאַלענט, ווען זיי וועלן לייענען אייערע דערציילונגען!

—הגם אייערע לידער וואלטן נאך בעסער געווען, ווען איר זאלט האבן א ביסל מער בילדונג אין זיי!

—און אייערע דערציילונגען וואלטן געווען מערער אינטערעסאנט, ווען אייערע העלדן זאָלן האָבן מער לעבן!

—דער קלאנג אין אייערע לידער איז טויב!

—די העלדן אין אייערע דערציילונגען זיינען שטום!

—איר שרייבט אן לעבן!

—איר שרייבט אן טעם!

—נישט קיין וונדער, וואָס דער רעדאקטער דרוקט אייך נישט!

—און אייך וויל ער דאך אפילו נישט לייענען!

—גראמען־פלעכטער!!

—גראפאָמאן!!!

—איך גיב באלד דעם טינטער אין קאפ אריין!

—מיינע הענט זיינען אויך נישט אין קימפעט!...

* * *

ווען דער רעדאקטער איז אריינגעקומען אין רעדאקציע, האט ער געטראפן אן איבערקערעניש, אוןביידע העלדן, די צוויי יונגע שרייבער, האבן מיט זיך פארגעשטעלט א שרעקלעך בילד: ביידע זיינען זיי געווען איינער אין צווייטן איינגעביסן, זייערע האר צעשויבערט און ווילד, זייערע פנימער צעדראָפּעט און צעבלוטיקט, ארונטערגעריסן זייערע קראוואטן און קאלנערס. דער רעדאקטער האָט, פארוואונדערט, געקוקט אויף דער דאזיקער סצענע און נישט פארשטאַנען וואס דא האט פאַסירט . . .

אַ אַנדערש מאָל...

עס האָט מיר אמאל א ייד געזאָגט, אז אויב איר האַלט ביים אויפרעגן זיך, לייגט עס אָפּ אויף א צווייטן מאָל; טוט עס נישט באַלד איר וועט זען, אז איר וועט דערפון האָבן גרויסע נוצן.

האָב איך זיך פאַרטראַכט וועגן דעם יידנס עצה—אָפּלייגן מיין אויפרעגונג אויף אַן אַנדערש מאָל—און כ'האָב זיך איבערצייגט, אז דאָס איז גאָר א גענילאַלער איינפאַל. עס איז פּראַקטיש, פיין, גוט און געזונט.

מענטשן וואָלטן זיך געדאַרפט באַנוצן מיט אָט דעם איינפאַל, מיטן אָפּלייגן זייער אויפרעגונג אויף אַן אַנדערש מאָל. און פאַראַן א סך, א סך זאַכן אין אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן, וואָס איז זייער געזונט, טאַקע, אָפּצולייגן אויף א צווייטן מאָל.

א שטייגער, ווען א יונגערמאַן דערזעט א בילד שיין מיידל, דאַרף ער נישט באַלד ווערן אין איר פאַרליבט, עס ברענט נישט! ער דאַרף זיין פאַרזיכטיק—און דאָס פאַרליבן זיך—אָפּלייגן אויף אַן אַנדערש מאָל...

די וועלט זאָגט א ווערטל: פון אײַלעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס. א ליבע ענדיקט זיך אָפט מיט א חתונה, און א חתונה ענדיקט זיך— ווייסט איר דאָך שוין מיט וואָס...

איז דעריבער די בעסטע זאַך—נישט אײַלן זיך און אָפּלייגן אויף אַן אַנדערש מאָל...

אז מאַן און ווייב ווילן זיך א ביסל דורכקריגן, ווי דער שטייגער פון מאַן און ווייב, דאַרפן זיי באַלד אויף אַן אָרט באַשטימען אָפּצולייגן עס אויף אַן אַנדערש מאָל. וואָס איז דאָ די יאָגעניש? עס וועט איינער פון צווייטן אַזוי גיך נישט אַנטלויפן. עס וועלן נאָך, אם ירצה השם, זיין גענוג געלעגנהייטן אויף קריגן זיך...

אז א כלל־טוער רייסט זיך מיט כוח אַריינצובאַקומען אין א חברה, אַן אינסטיטוציע, א פאַראיין, איז איידער ער שטעלט אַרויס זיין קאַנ־דידאַטור, דאַרף ער פריער, פאַרזיכטיק, איבערטראַכטן, גוט איבער־קלערן, און דאָס אָפּלייגן אויף אַן אַנדערש מאָל. דאָס איז אויך א סגולה אויף נישט דורכצופאַלן...

אז א יידישער רעדנער ביי אונדז וויל געבן א „ספיטש" אויף א חתונה, א בר־מצווה אָדער אנדערע יידישע שמחות, איז, איידער ער גייט דערלאנגען דעם „ספיטש", איז געוווּנטשן, אַז ער זאָל באשטימען די דרשה אָפּצולייגן אויף אַן אַנדערש מאָל . . . מען וועט אים דערפאר שטאַרק דאנקבאר זיין.

אונדזערע יידישע דיכטער, וועלכע דיכטן זייערע דיכטונגען אינעם נוסח אקראבאטן וואָס מען דארף זיך שטעלן אויפן קאָפּ, אז מען זאָל זיי פארשטיין, וואלטן מעגן נעמען א משל פון יענעם יידן, און איידער זיי נעמען זיך צו דער „מלאכה" פון קריכן אויף די גלייכע ווענט, באשטימען דאס אפצולייגן אויף אן אנדערש מאל . . . אונדזערע נערוון וואלטן פיל געזינטער זיין.

דיפּלאָמאַטן, שטאַטסלייט, איידער זיי גיבען זייערע רעדעס און פארזיכערונגען דער וועלט וועגן שלום און פרידן, וואלטן באדארפט זיין פארזיכטיקער און נישט איילן זיך, און דאס אפלייגן אויף אן אנדערש מאָל... און מיר וואָלטן אויסגעמידן מלחמות...

און אז מענער וואָלטן געהאט שכל, האָבן זיי געדארפט—דאָס זאָגן קאָמפּלימענטן זייערע אייגענע ווייבער—אָפּליגן אויף אן אנדערש מאָל, עס וואָלטן זייערע ווייבער זיי ניט חושד געווען, אז זיי האָבן אַנדערע געליבטע . . .

ביי אונדז אין אפריקע, ווען אונדזערע יידן וואלטן אפגעלייגט די בר־מצווהס פון זייערע קינדער אויף אן אנדערש מאל און בעסער געלערנט זייערע קינדער צו זיין יידן, וואלטן מיר געהאט פיל מערער יידן, ווי מיר האבן . . .

אוי, אן אנדערש מאל, אן אנדערש מאל, ווי שיין דאס קלינגט, אבער נישט אלעמאל צאלט זיך עס.

ווען איך האָב געוואָלט איינעם פאַרלייענען מיינעם א פעליעטאָן, האט ער מיך געראַטן דאס אפצולייגן אויף אן אנדערש מאל...—עס נודיעט אים געגנוג אן מיין פעליטאן—האט ער מיר געענטפערט...

און ווען איך האב געבעטן מיינעם א לאנדסמאן, אז ער זאל באצאלן פאר א בוך, וואס ער קומט מיר שוין פון לאנג, האט ער זיך אויף מיר געבייזערט: וואָס איז די יאָגעניש, איר קאָנט ווארטן אויף אן אנדערש מאל ! . . .

איז שוין היפשע יארן, אז כ'ווארט אויף אן אנדערש מאל...

אפריקאַנער גליקן

די שער־מגפה

עס איז געווען א צייט, ווען אינעם גאָלדענעם לאנד — אַפריטשקע, — האָבן יונג און אלט, קינד און קייט זיך געיאָגט צו ווערן רייך. מע האָט געהאלטן, אז דערצו איז דאָ איין מיטל: גיין אויף דער בערזע און קויפן סחורה, איינהאנדלען זיך „שערס״. און דורכדעם האָט מען געהאָפּט צו ווערן גבירים, מיליאָנערן . . .

ווייבער און מענער האָבן זיך געלאָזט אויף דער בערזע צו האנדלען און קויפן „שערס״. אלע האָבן געקויפט! מע האָט געצאָלט מזומנים און מע האָט גענומען אויף קרעדיט. מען האָט געקויפט גראָב... מען האָט נאָר געהערט פון קויפן „שערס״ און נישט פון פארקויפן . . .

און די „שערס״ האָבן זיך געהויבן יעדן טאָג אלץ העכער און העכער, געוואקסן אין הימל אריין. יעדער איינער האָט גע׳חשבונט און געציילט וויפיל ער האָט שוין געמאכט פארדינסטן פון זיינע „שערס״, און וויפיל ריוח ער וועט נאָך, אים ירצה השם, האָבן, אויב ער וועט אונטערהאלטן אביסל די סחורה.

דער עולם איז געוואָרן שטארק פארכאַפּט פון דעם טומלדיקן און גליקלעכן האנדל מיט די „שערס״, וואָס איז אזא מין גוטע סחורה, אז איבער־נאכט קאָן מען ווערן רייך אויף א לייכטן אופן, אָן קאָפּ־דרייעניש, אָן זאָרגן, אָן יאָגעניש. מען דארף נאָר איינהאנדלען אביסל „שערס״ און האָבן געדולד צו וואַרטן... דאַן ווערט מען שוין א גביר . . .

און יידן זיינען געוואָרן אזוי פארכאַפּט פון דער אויסגעשפרייטער מגפה מיט די „שערס״ און פונעם חשק צו ווערן גבירים, אז מען האָט געלאָזט האַק און פּאַק, און זיך אוועקגעלאָזט אויף דער בערזע, אויפן „שער־מארקעט״.

בעלי־מלאכות האָבן געוואָרפן זייערע ווארשטאַטן, שניידערס האָבן געלאָזט שער און אייזן, שוסטערס — די נאָל, סטאָלערס — די הובלעס, באַרבערס — די גאָל־מעסערס און אלע זיינען אוועק האַנדלען אויף דער בערזע, און האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאר גאנצע בקיאים אינעם נייעם פאַך...

אפילו דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן און בוכהאלטערס, רעדאקטאָרן, גבאים און שמשים, זינגערס און שפּרינגערס — און אַנדערע לא יוצלחס זיינען געוואָרן גאנצע קנאַקערס און ווייסערס, האָבן פארנומען א וויכטיקן פּלאַץ, געהאַט

גרויס אָנזען אויף דער בערזע און אַרויסגעזאָגט זייערע מבינות און נביאות וואָס איז גוט צו קויפן, און וואָס עס טויג נישט, וואָס וועט אַרויף אין פּרייז, און וואָס עס וועט אראָפּ, וועלכע „שערס" האָבן גוטע פּערספּעקטיוון און וועלן וואַקסן ביזן זיבעטן הימל, און וועלכע „שערס" וועלן זינקען אין דער אדמה אריין . . .

דער מסחר מיט די „שערס" איז אזוי ווייט אוועק, אז עס האָט זיך ארום אים גענומען דרייען דאָס גאנצע לעבן מיט אלע מענטשן — מיט אלע קעפּ...

ווייבער האָבן אויך געוואָלט ארויסווייזן, אז זיי זיינען נישט ערגער פון די מענער, זיינען זיי אויך אוועק אויף דער בערזע און גענומען קויפן „שערס". די ווייבער האָבן געלאָזט זייערע הייזער מיט די בעל־הבתישקייטן, מיט די קינדער אין די וויגן, און גענומען זיך אומדרייען אויפן „שער־מארקעט", זיך צוגעהערט צום גאנג פונעם „שער"־מסחר . . .

די שער־מגפה האָט זיך שטארק צעוואַקסן און אלץ מער קרבנות איינגעשלונגען... די מענטשן זיינען אזוי פארכאַפּט געוואָרן פונעם חשק און לוסט צו ווערן רייך, אז מען האָט פארקויפט און פארזעצט הייזער מיט געלד, כדי צו איינהאנדלען וואָס מער „שערס", ווייל וואָס מער מען קויפט איין, איז דאָ א גרעסערער שאַנס צו ווערן גיך רייך . . . אַזוי האָט מען גערעדט . . .

מענטשן האָבן אויסגעמאָלט זייערע פאנטאזיעס — איינע שענער פון דער אַנדערער. מען האָט זיך שוין נישט געזען אלס בעלי־מלאכות, ארבעטער און געוויינטלעכע מענטשן. די בערזע מיט די שערס האָבן געהאַט אזא מין קראַפט, אזא כוח, וואָס האָבן אירע אַנהענגערס אָנגערעגט צו טראַכטן און חלומען רק פון ווערן מיליאָנערן . . .

מיינער א באקענטער האָט דאן פון מיר אפּגעלאַכט:

— הערשל, וואָס גייסטו נישט אויף דער בערזע, פאַרוואָס קויפסטו נישט קיין שערס? ווילסטו שוין אייביק פארבלייבן אַן אָרעמאַן, א שלעפּער?

— אַן אַנדערער האָט מיך געראַטן, אז איך זאָל אלץ פארקויפן און פאַר־משכונען, פארזעצן אפילו דעם דלות — און קויפן „שערס". אז איך וועל קויפן שערס, וועל איך וויסן פון א לעבן, פון א וועלט, און כ'וועל נישט דאַרפן ארבעטן און זאָרגן.

א דריטער האָט מיר דערציילט זיינע גליקן, וויפיל שערס ער האָט זיך איינגעהאַנדלט אויף דער בערזע, וויפיל „סטאָק" ער האָט און וויפיל ער האָט נאָך בדעה צו קויפן, און אז עס וועט אים גליקן, און עס וועט אזוי אָנהאַלטן און אזוי גיין, ווי עס גייט איצט, וועט ער גאָר בקרוב, ווערן א גרויסער גביר. ער וועט זיך איינהאנדלען די שענסטע ווילע אין דער רייכסטער געגנט. ער וועט דאָך לעבן א טאָג . . .

אָט אַזוי האָבן מענטשן געטרוימט און זייערע זיסע פאנטאזיעס האָבן זיך צעבליט אין די שענסטע פארבן. זיי זיינען געוואקסן ביז די סאמע הויכן. געוועזן זיינען אויך מענטשן, וואָס האָבן שוין געבלאָזן פון זיך, שטארק זיך געריממט, וואָס די „שערס" וועלן זיי ברענגען . . .

אָבער די וועלט זאָגט א ווערטל: „דער מענטש טראכט און גאָט לאַכט" !... וואס־זשע טוט דער רבונו של עולם ? האט ער פארטראכט א גאנצע איבערקערעניש, אַז אַלע זיסע פאַנטאַזיעס פון די שער־מענטשן, וואָס האָבן זיך געבויט פאַנטאַסטישע פאַלאצן מיט ווילעס אין דער לופט, אין די

הימלשע הייכן, זאָלן זיך דערפילן גאָר נידעריק... מאַכט ער אַ בלבול המוחות אין די געדאנקען און אין די מוחות פון די גרויסע קנאקערס, די פינאַנסירער, באַנקירער און פאַרפירער... און מיטאַמאָל די בערזע קראַכט... די „שערס" פאַלן, ווי שטיינער פון הימל, אין די קעפּ פון די נאַיווע טרוימער, וואָס האָבן געוואָלט ווערן מיליאָנערן . . .

און די שניידערלעך, סטאָלערלעך, סוחרימלעך און אַנדערע זיינען אַרומגעגאַנגען מיט זייערע איינגעהאַנדלטע שערס, מיט די שיר־המעלותן. דערשלאָגענע, מיט פאַרקרימטע פּנימער, לאַנגע נעזער און מיט אויסגעלייערדיקטע טייסטערס . . .

פון אַלע גרויסע גליקן, האָט זיך דער עולם גענומען שטיקן . . .

מיין לאנדסמאנס גליקן

קומט אמאָל צו מיר צוגיין ברייטלעך—מיינער א לאנדסמאן, אין מויל פארשטעקט א גראָבער סיגאר. אויף זיינע קליינע גרינע שטענדיק־שלעפע־ריקע אויגן האָט ער געטראָגן א פּאָר גרויסע שווארצע זון־גלעזער, אָנגעטאָן אין א קורץ געקעסטלט רעקל, און געווען איז ער אין א גוטער צופרידענער שטימונג.

מיין לאנדסמאן האָט מיט זיין צופרידנקייט און גוטער שטימונג ביי מיר ארויסגערופן גרויס חידוש. עס האט אויף מיר געמאכט דעם איינדרוק, אז ער האָט געוויס געכאפּט דאָס גרויסע געווינס, אָדער סתם באגליקט געוואָרן. פון אלעמאָל האָב איך מיין לאנדסמאן געקאָנט פאר א גרויסן קבצן. ער האָט אַלעמאָל זיך גענייטיקט אין א גמילת חסד.

קוק איך אויף אים און וווּנדער זיך:

—זלמנקע, קוקסט מיך אויס עפּעס גאר א ניי מענטשל, אַן אנדערער. עס האָט דיך אוודאי עפּעס באגליקט, — רוף איך זיך אָפּ.

טוט מיין לאנדסמאן, זלמנקע, א שטארקן פארצי זיין גראָבן סיגאר און ער לאזט ארויס א גרויסן רויך, אז ער האט זיך קוים ארויסגעזעצן.. נאָכדעם נעמט ער געלאסן ארונטער זיינע שווארצע זון־גלעזער, ווישט זיי אויס, זעצט זיי צוריק געלאסן ארויף אויפן נאז, און רופט זיך אפּ צו מיר:

— וואָס שייך באגליקט? מען קאָן זאָגן — יאָ. ווייסט דאָך הערשל, און אז מען פארמאָגט שוין א פּופציק טויזנט פונט, מיינסטו שוין, אַז מען איז גליקלעך אָדער א מיליאנער? עט, מען איז אָלרייט, אָבער נאָך נישט, ווי מענטשן טראכטן!

— וואָס טראכטן מענטשן, זלמנקע?

— אָט, מענטשן האָבן א טבע אביסל איבערצוטראכטן, אביסל איבער־צושאַצן אָדער אונטערצושאַצן. אז איינער איז רייך, שאַצט מען אים שוין, אז ער איז א גביר, א מיליאָנער, א ראָקפעלער — און פארקערט, אז איינער איז אַן אָרעמאַן, זאָגט מען שוין אויף אים, אז ער איז אַן אביון, האָט נישט קיין שטיקל ברויט אפצועסן, נעבעך א רחמנות אויף אים און מען איז שוין גרייט פאר אים צו גיין קלייבן . . .

— וואס זשע מיינסטו דערמיט אויסצוברענגען, זלמנקע?

— גאָרנישט. איך ליב נישט, ווען מענטשן טרייבן איבער!
— וואָס טרייבן מענטשן איבער? — האָב איך מיין לאַנדסמאַן געפרעגט.
— אָט, מיט דעם וואָס מען זאָגט, אז איך האָב געקויפט צוויי מילן, דריי גרויסע פאַבריקעס און ווייך-פּלאַנטאַציעס!
— און וואָס זאָגסטו? — האָב איך ווידער געפרעגט מיין לאַנדסמאַן.
— וועגן די צוויי מילן, — האָט זיך אָפּגערופן מיין לאַנדסמאַן — איז די זאַך אַזעלכע. מענטשן טרייבן איבער, עס איז נישט ריכטיק, אז איך האָב געקויפט צוויי מילן. איך האַלט נישט פון קויפן גרייטע זאַכן, קויפן דאָס, וואָס יענער האָט איבערגעפירט, אָדער וויל פון דעם פּטור ווערן. איך האַלט פון אַליין בויען, פון אַליין צוזאַמענשטעלן. ווי זאָגט מען עס: דאָס, וואָס מען שאַפט אַליין, איז מיט מזל-ברכה. מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו שאַרן . . .
— איז, וואָס איז דאָ דער חילוק, — זאָג איך צו מיין לאַנדסמאַן, — האָסט אוודאי אַליין זיך געבויט די מילן?
— טאַקע געטראָפן. אַליין געבויט. ווי אַנדערש? נאָר נישט אַזוי גיך כאַפּט זיך עס און עס בויען זיך מילן. וואָס מיינסטו, עס איז אויסרויכערן א פּאַפּיראָס? עפּעס א קלייניקייט בויען א מיל? און נישט נאָר איין מיל, נאָר גאַנצע צוויי מילן דערצו! וואָס פאַרא צרות, וואָס פאַרא קלאַפּאָטן, אידער כ׳האָב געפונען דעם גרונט. עס איז דאָך נישט עפּעס א שטיקל גרונט, א קרקע, מען מוז דאָך האָבן אויף דעם אַ פּאָר אַקער ערד — און דער בנין? די פּלענער? דער אַרכיטעקט אַליין האָט געאַרבעט אויף די פּלענער צוועלף מיט א האַלבער וואָך און נאָך געמוזט צונעמען צוויי באַהעלפערס צו זיך...
— נו, האָסטו אויפגעשטעלט די מילן?
— ניין. איך האָב זיך אַרומגעקוקט, אז עס איז פאַר מיר נישט קיין געשעפט. וואָס בין איך עפּעס א מילנער? ווי קום איך צו מילן?
— טא וואָס זשע דרייסטו א קאָפּ מיט מילן?
— איך דריי א קאָפּ מיט מילן? דאָס דרייסטו דאָך א קאָפּ! איך האָב דיר עפּעס געזאָגט וועגן מילן? דו האָסט מיך פאַרטשעפּעט, האָב איך דיר בלויז געזאָגט, אז מענטשן זאָגן, אז איך האָב זיך געקויפט צוויי מילן!
— אַזוי, און וואָס איז מיט די דריי גרויסע פאַבריקעס דיינע? — האָב איך געפרעגט מיין לאַנדסמאַן.
—אָ, זעסטו וועגן די פאַבריקעס, איז גאָר אַן אַנדער ענין. ווייסט דאָך, אז מיט פאַבריקעס, ווייס איך ווי אַנצוגייען, עס איז מיר נאָענט, מיין געביט, מיין פאַך! געאַרבעט 17 יאָר אין א גלאָז-פאַבריק, געפּאַקט גלעזער. האָב איך מיר געטראַכט: נישקשה, איך קאָן זיך איינהאַנדלען א גלאָז-פאַבריק. און פאַרוואָס טאַקע נישט דריי? וואָס? עס פּאַסט מיר נישט? די זעלבע

טרחה, די זעלבע טראָבל, ווען איך מיר שוין האָבן דריי פּאַבריקעס. איין פּאַבריק פון גאָלז, איין פּאַבריק פון פּאַפּיראָסן און איין פּאַבריק פון כעמישע אויסארבעטונגען!

— נו, נו, — האָב איך איבערגעשלאָגן מיין לאַנדסמאַן, — ווי גייסטו אָן מיט זיי, מאַכסטו אוודאי גראָבן?

— ווער מיר פּאַבריקעס, וואָס מיר פּאַבריקעס?! וואָס מיינסטו, אז איך בין פון זינען אַראָפּ. איך האָב שוין מער גאָרנישט וואָס צו טאָן, נאָר צו פאַר־דרייען זיך אַ קאָפּ מיט פּאַבריקעס, נאָך מיט גאַנצע דריי פּאַבריקעס! מענטשן האָבן גענוג צרות מיט איין פּאַבריק, ווען איך אָנהייבן מיט גאַנצע דריי... געהערט אַ משוגעת פון אַ מענטשן, דריי פּאַבריקעס!

— וואָס רעגסטו זיך אויף, זלמנקע. דו אליין האָסט דאָך געזאָגט דריי פּאַבריקעס!

— יאָ, דריי פּאַבריקעס און צוויי מילן!

— האָסט עס אליין געזאָגט!

— נישט איך האָב געזאָגט און נישט איך האָב געוואָלט זאָגן! איך האָב נאָר געזאָגט, אַז מענטשן זאָגן, מענטשן, מענטשן, מענטשן, נישט איך!

זע איך שוין, אז מיין לאַנדסמאַן רעגט זיך שטאַרק אויף, פאַרענטפער איך זיך פאַר אים גאַנץ איידל. און שטילערהייט טו איך אים אַ פרעג:

— זלמנקע, און וואָס הערט זיך מיט דיינע וויין־פּלאַנטאַציעס?

דאָ האָט מיין לאַנדסמאַן זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטן, ווי ער וואָלט געגאַנגען אַפּטאָן עפּעס אַ גנבה און זיך שטיל צו מיר אָפּגערופן:

— וועגן די וויין־פּלאַנטאַציעס, הערשל, האָב איך אליין אויסגעטראַכט. איך האָב נישט קיין וויין־פּלאַנטאַציעס. עס הייבט זיך נישט אָן! נישט איך האָב געהאַט וויין־פּלאַנטאַציעס און נישט איך ווען האָבן. נאָר אַז מענטשן האָבן געקאָנט מאַכן מיר אַזאַ שם, אַז איך האָב צוויי מילן מיט דריי פּאַבריקעס, איז אויף צופּיקעניש זיי, האָב איך געמאַכט רעקלאַמע, אַז איך האָב וויין־פּלאַנטאַציעס. נאָר עס הייבט זיך נישט אָן!

* * *

שפּעטער האָט זיך מיין לאַנדסמאַן פאַר מיר פאַרטרויט, אַז די זון־גלעזער טראָגט ער, צוליב דעם וואָס איינער אַ בעל חוב האָט אים אונטערגעשלאָגן די אויגן, שעמט ער זיך פאַר מענטשן צו ווייזן מיט די צעביילטע בלויע אויגן, טראָגט ער דערפאַר די זון־גלעזער. דעם געקעסטלטן רעקל האָט אים אויסגעבארגט אַ צווייטער לאַנדסמאַן, מחמת אַן אנדערער, אַ בעל־חוב האָט ארונטערגעצויגן פון אים זיין רעקל אינמיטן גאַס. ער איז געווען שולדיק, שוין אַכצן חדשים, דריי פונט... דעם סיגאַר וואָס ער רויכערט האָט ער געפונען אין טראַמוויי. צום סוף האָט מיין לאַנדסמאַן מיך געבעטן, אַז איך זאָל אים באָרגן אַ פּאָר שילינג אויף אָוונט ברויט . . .

דער נומער 18

ביי יידן איז דער ציפער 18 א גוטער סימבאלישער צייכן: אכצן באטרעפט חי — לעבן. פונדעסטוועגן האט חיים ציבעלע געהאלטן, אז פאר אים איז דער דאָזיקער ציפער 18 זייער שלימזלדיק, פונקט ווי דער ציפער 13, וואָס איז דורך אלע מענטשן אנגענומען פאר א שלעכטן און אומגליקלעכן.

חיים האָט שוין פיל מאָל געהאָט דורכפאלן מיט דעם שלימזלדיקן ציפער 18. ער האָט אַמאָל געוווינט אין א הויז, האָט עס געהאט דעם נומער 18, איז דאָס הויז אָפּגעברענט געוואָרן אויף קויל. ער האָט זיך קוים געראטעוועט מיטן לעבן.

חיים ציבעלע האָט זיך אמאָל באקענט מיט א שיינער מיידל פון אכצן יאָר, האָט ער זיך אין איר פארליבט ביז איבער די אויערן און יענע איז געוואָרן זיין ווייב, וואָס האָט פון איִם געמאַכט שינדן די הויט לעבעדיקער־הייט. דאס לעבן אין שטוב איז ביי אים געווארן א גיהנום...

חיים האָט געארבעט אין יענער צייט אין אַ פאַבריק און באקומען שכירות 18 פונט א חודש. האָט ער זיך געבעטן ביים בעל הבית, אז ער זאָל אים דערלייגן א פונט און צאָלן 19, אָדער ארונטערנעמען א פונט אויף 17, ווייל ער האָלט נישט פון קיין אכצן. אַכצן איז פאר אים שלימזדיק, אומגליקלעך. האָט דער בעל הבית אים דערקלערט, אז ער קאָן גאָרנישט העלפן. ער קאָן אים נישט צאָלן מער, און אויך נישט ווייניקער. 18 פונט איז זיין לוין. אזוי איז דאָס געזעץ.

האָט חיים אָפּגענומען די אַכצן פונט יעדן חודש פאר זיין ארבעט און זעלטן זיי געבראכט אין הויז. אָדער ער האָט זיי פארלאָרן, אָדער מען האָט פון אים אוועקגעגנבעט. אויב נישט דאָס, האָבן גוטע ברידער חיימען אוועקגעשלעפּט אין ביר־שענק, אָדער אויף די פערד און הינט־געיעגן, ווו חיים האָט גע׳פּטרט זיינע 18 פונט.

עס האָט אמאָל פאסירט, אז חיים ציבעלע האָט געדארפט פאָרן אויף א חתונה צו פריינד. האָט ער געדונגען א טאקסי, ווייל גיין צופוס, אָדער פאָרן מיטן טראמוויי, פאַסט דאָך נישט. האָט גראד געטראָפן, אז די טאקסי זאָל אָרויף אויף א טעלעגראפן־סלופּ און זיך איבערקערן. חיים איז דערביי

פארוואונדט געוואָרן אין קאָפּ און אויסגעלינקט זיין רעכטן פוס. שפּעטער האָט זיך אונדזער העלד געכאַפּט, אַז די טאַקסי האָט געהאַט דעם נומער 18.

פאַרשטייט זיך, אַז צו דער חתונה איז שוין חיים נישט געפאָרן. ער איז אַפּגעפירט געוואָרן אין שטאַטישן שפּיטאָל, וווּ ער איז געלעגן אין גרויסע און געהאַקטע ווונדן און ניט געוווּסט וואָס מיט אים קומט פאָר.

ווען חיים איז אַביסל צו זיך געקומען, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער געפינט זיך אין שפּיטאָל. האָט ער צוערשט אַ בליק געטאָן וואָס פאַר אַ נומער זיין בעטל האָט — און חיים האָט דאָ ווידער געהאַט אַ סורפּריז: דאָס בעטל זיינס האָט געהאַט דעם נומער 18. אַז חיים האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך מיט אַלע כוחות אַרונטערגעריסן פונעם בעטל און זיך אויסגעצויגן אויפן דיל. אַז די שוועסטער פון שפּיטאָל האָט דאָס דערזען, האָט זי געטראַכט, אַז חיים איז אַראָפּ פון זינען. איז זי צו אים צוגעגאַנגען און גענומען שלעפּן צוריק צום בעט. חיים ציבעלע איז געווען ביים פולן געדאַנק, און האָט דערקלערט דער שוועסטער, אַז אין דער זעלבער בעט וועט ער נישט גיין, ווען מען זאָל אים אַפילו שיסן, ווייל עס האָט דעם אומגליקלעכן נומער 18. ער וויל אַן אַנדער בעט. האָט די שוועסטער צוגעשטימט און באַוויליקט חיים׳ס פאַרלאַנג, און אים איבערגעטראָגן אין בעט 15, און דעם קראַנקן פון בעט 15—איבערגעטראָגן אין בעט 18. חיים איז שוין געווען גליקלעך און צופרידן.

האָט אָבער געדאַרפט פּאַסירן אַ טרויעריקע מיספאַרשטייעניש: דער קראַנקער פון בעט 15, וואָס איז איבערגעטראָגן געוואָרן אין בעט 18, האָט באַדאַרפט האָבן אַן אָפּעראַציע אויף אַ פּענדיק, און אַזוי ווי אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט פאַר יענעם און די פונעם אָפּעראַציע־שטיבל האָבן גאָרנישט געוווּסט וואָס עס איז דאָ פאָרגעקומען — אַז חיים ציבעלע איז איבערגעטראָגן געוואָרן פון זיין בעטל אין אַ צווייטן — האָבן די מענטשן מיט די ווייסע גאַזע־מאַסקעס גאָרנישט געטראַכט און גאָרנישט געקלערט. פלינק האָבן זיי אַ כאַפּ געטאָן חימען אויף זייער טראָג־בעטל און מיט אים אַנטלאָפן. חיים האָט זיך געוואָרט, געשריען, געוואָלט עפּעס זאָגן, אויפ־ווייזן דעם טעות, אַז ער דאַרף נישט קיין אָפּעראַציע. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. איידער וואָס־ווען, איז ער שוין געלעגן פאַרשלעפערט פונעם כלאָראָפאָרם. — — —

ווען חיים ציבעלע איז מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער צו זיך געקומען, האָט ער דאָס ערשטע געכאַפּט אַ בליק אויפן נומער פון זיין בעטל. אַז ער האָט דערזען דעם נומער 15, האָט ער געמאַכט אַ צופרידענע מינע. ער האָט אָבער באַלד דערפילט די דורכגעמאַכטע אָפּעראַציע אויף אַ פּענדיק, אויף וואָס ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געליטן, האָט ער פאַרביסן

מיט די ליפּן . . . ווען חיים זאָל נישט געווען אריבער פון זיין בעטל 18 צום בעטל 15, וואָלט געווען נאָך ערגער, ווייל ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דער מאַן וואָס איז איבערגעגאַנגען צו זיין פריערדיקן בעטל 18 — איז געשטאָרבן.

דאָ האָט זיך טאַקע חיים ציבעלע נאָך אַמאָל איבערצייגט אין זיין גלייבן, אַז דער נומער 18 איז שלימזלדיק, אומגליקלעך, וואָס ברענגט נאָר צרות, און אויך דעם טויט...

אַ נודניק

עס זיינען פאַראַן יידן נודניקעס, וואָס פאַרמאַטערן מיט זייערע רייד ביז חלשות. די נודניקעס האָבן אַ טבע, וואָס זיי קלעפּן זיך נאָר צו פּען־מענטשן, צו יידישע שרייבערס. אָט האָט מיך אַמאָל, אין אַ באַן, אָנגעטראָפן אַ יידל און פאַרנודיעט מיט אַט דער פלאַפּלעריי:

ווי איר קוקט מיך אָן, — האָט זיך צו מיר אָפּגערופן דאָס יידל — האָב איך קיינמאָל נישט אויף וואָס צו קלאָגן זיך: עס איז מיר אַלעמאָל געווען גוט און עס איז מיר גוט! איך ווייס נישט פאַרוואָס מענטשן האָבן אַ טבע רק צו קלאָגן און רק צו אויקען—שלעכט, שלעכט! איך בין דער היפּוך פון יענע מענטשן. כ׳זאָג אַלע מאָל — גוט, גוט גוט! הלמאי זאָל איך לייקענען, עס איז מיר טאַקע גוט! וואָס שייך גוט, אַז בעסער קאָן גאָרנישט זיין. כ׳בין זיך פאַר אייך מודה, אַז מיר איז, ברוך השם, אַלע מאָל געווען גוט. עס איז מיר היינט, נישט צו פאַרזינדיקן, אויך נישט שלעכט. אַלע מיינע יאָרן האָב איך זיך אויסגעלעבט גוט, פון מיין קינדהייט ביז מיין גרויער באָרד אַריין, איז מיר אַלעמאָל געווען גוט. פאַרוואָס טאַקע, כ׳בעט אייך, זאָל מיר חלילה נישט גיין גוט?!

געבאָרן געוואָרן בין איך באַלד אין אַ גוטער שעה, אַ גוטער שלימזל, ביי גוטע טאַטע־מאַמע, גוטע אָרעמעלייט, טאַקע ביי די אמתע אביונים! האָב איך באַלד געכאַפּט אַ גוטע פאַרקילונג, וואָס כ׳האָב זיך דערמיט געהאַלטן אַ היפּשע שטיקל צייט. נאָר גאָט צו דאַנקען, גוט אָפּגעשניטן. אַז כ׳בין געוואָרן אַ דערוואַקסענער יינגל, איז מיר געגאַנגען גוט. כ׳האָב געלערנט אין חדר און גוט געהונגערט. צו אַכצן יאָר האָב איך גוט חתונה געהאַט, געטראָפן אַ גוטן שידוך, אַ גוטן מחותן מיט אַ גוטן נדן, און צו אַלעמען האָט מען מיר צוגעגעבן אַ ווייב, אַ גוטע ארורה! צוויי יאָר נאָך דער חתונה, האָב איך געהאַט אַ גוטע צייט, ממש אַ גאָלדענע צייט, וואָס וועט מיר גוט בלייבן אין זכרון. געהאַט צו עסן פון שענסטן און פון בעסטן, געהאַט דאָס אמתע גוטע לעבן, ווי עס זאָגט מיין פעטער זלמן: עסן — בגדי מלכות. . . נאָך די צוויי גוטע יאָרן, האָט מיר אָנגעהויבן צו גיין גוט מיט דער פוטער אַראָפּ, עס האָט זיך פאַר מיר געשטעלט אַ גוטע ביטערע צייט. דערווייל, בינו לבינו, נישט מיר, נישט דיר, האָט די יידענע מיינע

מיר געבראכט אויף דער וועלט צוויי מוידן, גוטע שרייערקעס, וואָס האָבן מיך גוט געלעכערט דעם קאָפּ, און מיין ווייב, ווי איר ווייסט שוין, איז דאָך פון דער נאַטור א גוטע ארורה, מאכט זי מיר גוט דעם טויט, רק גיב איר אויף פרנסה, עס וואָלט געפּאַסט, אז כ׳זאָל דאָס האָבן אין ווערטל־קעשענע. הכלל עס האָט זיך פאר מיר געשטעלט א גוטע צייט, מיט גוטע געברענטע צרות! . . .

האָבן מיר דאָך אָבער א גוטן בורא עולם, וואָס זאָרגט פאר אלע באַשעפענישן. וואס זשע טוט ער? מאַכט ער, אז די צייט זאָל פליען. פליען אוועק יאָרן און מען ווערט עלטער. היינט בין איך שוין, אָן עין הרע, א זיידע, האָב א טוץ אייניקלעך, גוטע לאָבוזעס. איך האָב צוויי שניר און פיר איידעמס. הלמאי זאָל איך זיך קאָלגן? די שניר זיינען גוט און די איידעמס זיינען אויך נישט שלעכט. איין שנור האָב איך, איז זי א גוטע פלאַנדערקע, א גוטע טויגעניכטס און דערגייט גוט די יאָרן איר מאַן — מיין זון, בענטשע הייסט ער! די צווייטע שנור, איז אויך א שלעכטס און אַ גוטע רכילות׳ניצע, מאכט זי יעדן טאָג אָן א גוטן קריג. דערפאר זיינען מיינע איידעמס גוטע קינדער. איין איידעם האָב איך, איז ער אַ גוטער קאָרטנ־שפּילער, אז וויפיל ער פארדינט, פארשפּילט ער עס אין קאָרטן און מיין טאָכטער, זיין ווייב, גיט ער א גוטע קרענק. דער צווייטער איידעם מיינער איז א גוטער פארדינער, א גוטער בעל מלאכה און א גוטער שיכור. מיין דריטער איידעם איז דער היפוך פון די ערשטע צוויי איידעמס. ער איז פון דער נאַטור א גוטער מענטש, ממש א דימענט! איז ער אָבער א גוטער ארעמאַן, אַן אָרעמאַן מיט דער פלאָמבע! — און מיין פערטער איידעם, פאר אים האָב איך גוט מורא א וואָרט אַרויסצוריידן, ווייל ער איז א באָקסער און ער מאכט גוטע בלויע אויגן! פונדעסטוועגן האָב איך זיך נישט וואָס צו קלאָגן, כאָטש איך בין שוין היינט א ייד א זקן און א גוטער אָרעמאַן, איז מיר נאָך אַלץ גוט. אָט האָב איך אַ גוטן הוסט, בין גוט קראַנק און מאַטער זיך גוט —און צו דעם אלעם איז מיר א קאַפּעטשקע אויך גוט שלעכט, נאָר איך— — — — — — — — — — — — — — — — —

פּלוצלינג האָט דער באַן־קאָנדוקטאָר אויסגערופן א סטאַנציע. איך האָב געכאַפּט האַק און פּאַק און בין אַנטלאָפן. ווען נישט אָט דער צופאל, ווער ווייס אויב איך וואָלט דאָרט ניט אוועקגעחלשט...

„סאַמפּעלס“

יאָסל זויערזאַלץ האָט געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג אויסצונוצן אַלע סאָרטן רעקלאַמעס וואָס זיינען געגעבן געוואָרן פון פאַרשיידענע פירמעס פאַרן ברייטן עולם פריי אָן געלט. יאָסל איז אין דעם געווען געוואַלדיק אַריינגעטאָן. ווי נאָר עס האָט זיך דערטראָגן צו יאָסל זויערזאַלצן, אַז מען „גיט“, אָן אונטערשייד, וועלכע ס'איז סחורה, איז ער גלייך אוועקגעלאָפן אויפן אָנגעגעבענעם פּלאַץ אויסצונוצן די געלעגנהייט און צו באַקומען די אומזיסטע מתנות.

פאַרשטייט זיך, אַז קיין צו־גרויסע ווערטפולע מתנות האָט מען נישט געגעבן בחינם. מען האָט נאָר געגעבן פאַרשיידענע „סאַמפּעלס“ פון כלערליי סחורות, מתנות — אין מיניאַטור, וואָס די גרויסע פירמעס האָבן רעקלאַמירט — און פאַר יאָסל זויערזאַלץ איז דאָס געווען גענוג. אַז יאָסל האָט נאָר דערהערט, אַז מען „גיט“, האָט ער געוואָרפן האַק און פּאַק און היידאַ. אַוועק באַקומען די געטיילטע פרייע „סאַמפּעלס“.

נישט וויכטיק וואָס מען האָט געטיילט. עס האָבן געקאָנט זיין „סאַמפּעלס“ פון מעדיקאַמענטן, מיטלען צו היגיענער־אויגן, אָדער מיטלען צו רייניקן מעסער, גאָפּל און לעפל, צי גאָר פּאַסטע צו פּוצן דילן, אָדער „סאַמפּעלס“ ווי צו פאַרהיטן זיך פון גרויע האָר, פון קנייטשן אויפן פנים. פאַר יאָסל זויערזאַלצן איז אַלץ געווען אַ סחורה. ער האָט נישט בראַקירט. נישט געווען קיין איבערקלייבער — וואָס מ'האָט געגעבן האָט ער גענומען.

אויב יאָסל איז געווען פון דער נאַטור אַ קאַרגער, איז שווער צו זאָגן. ער האָט קיינמאָל זיך נישט אַרויסגעוויזן אַלס קאַרגער טיפּ. יאָסל האָט זיך געלאָזט קאָסטן אָפּט אַ פּאָר שילינג אין גאַס און אין געזעלשאַפט. נאָר די שוואַכקייט זיינע צו געניסן פון דער אומזיסטער פרייער רעקלאַמע „סאַמפּעלס“ איז ביי יאָסלען געוואָרן אַ שטאַרקע חולאת, נאָך מער ווי אַ געוווינהייט. ס'איז געווען ביי אים, רחמנא ליצלן, אַ קראַנקייט.

יאָסל זויערזאַלץ איז אָבער נישט געווען פון דעם סאָרט מענטשן, וואָס נעמט איין „סאַמפּל“ און האָט שוין גענוג. ניין, פאַר יאָסלען איז געווען וויניק איין „סאַמפּל“. זיין אַפּעטיט צו די „סאַמפּעלס“ איז געווען זייער גרויס. פלעגט ער דעריבער אָפט בעטן נאָך צו עטלעכע,

און אז מען האָט אים געגעבן עטלעכע, האָט ער געבעטן נאָך. פאַר יאָסלען איז נישט געווען קיין גענוג. ער איז באַלד געקומען און געבעטן נאָך „סאַמפּעלס", און אַביסל שפּעטער — ווידער געקומען און ווידער געבעטן. אָט אַזוי האָט ער, יאָסל זויערזאַלץ, גענומען די „סאַמפּעלס", גענומען וויפיל עס האָט זיך נאָר געלאָזט. עס איז קיינמאָל נישט געווען צופיל אָדער גענוג. אָט אַזאַ מענטש איז געווען יאָסל.

האָט מען ערגעצווו געטיילט „סאַמפּלס" ווי אַזוי צו באַזייטיקן הינער־אויגן, איז יאָסל אַוועק און גענומען. גענומען אויף זיין שטייגער — איינמאָל און ווידער אַמאָל. דאָס האָט שוין יענעם אַרויסגעבראַכט פון די כלים און יאָסלען אַריינגעזאָגט, אַז פאַר אַזוי פיל נעמען די „סאַמפּעלס" צו די הינער־אויגן, קאָן נאָך, חלילה, גאַרנישט בלייבן פון אים, פון יאָסלען, אויב ער זאָל זיי אויסנוצן . . .

אָבער יאָסל איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט זיך וועגן דעם נישט וויסנדיק געמאַכט און נישט גענומען ערנסט, וואָס די „סאַמפּעלס"־פּאַרטיילער פלעגן זאָגן, און זיך אָנגעגאַנגען מיט זיין אַרבעט, מיטן נעמען די „סאַמפּעלס". אַז יאָסל איז דורכגעגאַנגען אַ געשעפט ווו מען האָט רעקלאַמירט פריי טרינקען קאַווע, מינעראַלס, קאַקאַ־קאָלא, האָט יאָסל קיין סך נישט געטראַכט און אַריין אינעווייניק — און באַלד געזופט איין טעפּל, אָדער גלעזל, נאָכן אַנדערן, גאַרנישט מיד ווערנדיק . . .

עס פלעגט אָפּט פּאַסירן, אַז מען האָט פון יאָסלען געלאַכט, אָבער יאָסל האָט זיך דערפון ווייניק געקימערט און אָנגעהאַלטן זיין טראַדיציע, געיאָגט זיך נאָך די „סאַמפּעלס".

איינמאָל האָט יאָסל זויערזאַלץ זיך דערוווסט, אַז מען טיילט „סאַמפּעלס" פון טשאַקאַלאַדקעס, איז ער, ווי זיין טבע אַוועק אויפן אָרט און גענומען די „סאַמפּלס"־טשאַקאַלאַדקעס. יאָסל האָט געבעטן נאָך און נאָך טשאַקאַ־לאַדקעס. ער האָט זיך געטראַכט, אַז דאָס איז אַ סחורה—בפרט נאָך, ווען ער האָט געהאַט — אויף ביינאַכט — אַן אָפּגערעדטע ראַנדעווו מיט אַ לאַנדסמאַנס אַ טאָכטער, אַ שיינע, געראָטענע בת־יחידה. יאָסל האָט זיך געקלערט, אַז די טשאַקאַלאַדקעס וועלן אים גאַרניט שלעכט צוניץ קומען, און ער איז אַזוי גיך נישט אַוועקגעגאַנגען פון די פולע קאַסטנס מיט די „סאַמפּלס"־טשאַקאַלאַדקעס. יאָסל האָט זיי געפּאַקט אין אַלע קעשענעס, און מענטשן אַרום האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט בליקן און געשמייכלט....

* * *

די באַשטימטע צייט פון יאָסלס ראַנדעווו מיטן לאַנדסמאַנס בת־יחידה האָט זיך אָנגערוקט. דעם לאַנדסמאַנס טאָכטער איז געקומען אַן אויסגעפּוצטע. אויך יאָסל איז געווען אויסגעפּוצט אין עסיק און האָניק. אינעם פּאַרק האָט זיך דאָס פּאָרל צוגעזעצט אויף אַ זייטיקער באַנק — און יאָסל

האָט מכבד געווען זיין פּאַרטנערקע מיט די אָנגענומענע „סאמפּעלס"־טשאַקאַלאַדקעס. יאָסל און דאָס מיידל האָבן געשלונגען איין טשאַקאַלאַדקע נאָך דער צווייטער, מיט אַן אַפּעטיט, ווי נאָך אַ תענית, ביז די טשאַקאַלאַדקעס האָבן זיך אויסגעלאָזט. נאָכדעם האָט יאָסל פאַרבעטן זיין פּאַרטנערקע אויף אַ שפּאַציר — און אַביסל שפּעטער זיינען זיי אוועק אין אַ טאַנץ־זאַל אַביסל זיך פאַרברענגען, זיך דורכטאַנצן . . .

יאָסל מיטן לאַנדסמאַנס טאָכטער האָבן געטאַנצט און זיך נישט שלעכט אַמוזירט. אינמיטן טאַנצן אָבער, האָט דאָס פּאָרל עפּעס נישט באַקוועם זיך דערפילט... יאָסל האָט דערפילט, אַז אין אים קומט עפּעס פאָר... ער האָט זיך געשטאַרקט און נישט איבערגעריסן טאַנצן. אויך דאָס מיידל האָט זיך דערפילט נישט איבעריק באַקוועם... זי האָט זיך דערפילט ווי איינגעדרייט און מאַכטלאָז, אָבער זי האָט אויך נישט געהאַט מוט איבערצורייסן דאָס טאַנצן . — — —

יאָסל האָט זיך געכאַפּט, אַז די נישט באַקוועמלעכקייט וואָס ער דערפילט און דריקט אים אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, קומט פון די אויפגעגעסענע טשאַקאַלאַדקעס. ער האָט זיך דערמאָנט אַז דער מאַן, וואָס האָט געטיילט די „סאמפּעלס", האָט זיי רעקלאַמירט— אַלס אַן אָפּפיר־מיטל . . . — —

דער אָרקעסטער האָט געזעצט אויף דער גאַנצער פּאַרע אָבער יאָסל זויער־זאַלץ מיט זיין לאַנדסמאַנס בת־יחידקע, האָבן זיך נעבעך ניט געקאָנט רירן פון די ערטער... זיי זיינען נעבעך געבליבן, ווי געליימטע . . .

דער פערד — אַ וועג־ווייזער...

ווען חיימקע שפיץ איז אָנגעקומען אין גאָלדענעם לאַנד — אפריקע, האָט ער באַלד אויפן צווייטן טאָג גענומען זוכן ארבעט. קיין פאַכמאַן איז ער, חיימקע, אין דער אַלטער היים קיינמאָל נישט געווען. אינעם שטעטל פון וואַנעט חיימקע איז געקומען, האָט ער זומער־צייט געהאַלטן סעדער און דאָס אויבס פאַרקויפט צו די פרוכט-הענדלער אין שטעטל. פון דעם האָט חיימקע שפיץ געצויגן זיין חיונה.

ווען חיימקע האָט חתונה געהאַט, האָט זיין ווייב ריווע, געעפנט אַ געוועלבל פון מילכוואַרג, פאַרקויפט דאָרטן פוטער מיט קעז, מיט זויער־מילך און אַנדערע מילך פּראָדוקטן. חיימקע האָט געהאָלפן אין געוועלבל, זומער איז ער געווען פאַרנומען אין די סעדער, און ווינטער האָט חיימקע צוגעהאָלפן זיין ווייבל ביים מילכיקן מסחר.

חיימקע האָט געמאַכט אַ גאַנץ פיין און בעל־הבתיש לעבן, ווי דער שטייגער, אין יענע צייטן, אין די היימישע שטעטלעך. אָבער איינמאָל האָט חיימקע געוואָרפן אַן אומחן אויף אַלץ, אויפן שטעטל און אויף זיין פּרנסה. ער האָט באַשטימט אויסצוואַנדערן אין דער וועלט און אויסצובעסערן דאָס לעבן פאַר זיך און זיין פאַמיליע.

חיימקע שפיץ האָט געהאַט אַ קרוב אין אפריקע. האָט ער זיך מיט אים פאַרשטענדיקט וועגן זיין פּלאַן. האָט אים יענער געהאָלפן, ארויסגעשיקט אים פאַפירן, און מיט מזל איז חיימקע אָנגעקומען אין גאָלדענעם לאַנד.

דאָ האָט ער נישט געקאָנט רוען. ער האָט דאָך געלאָזן אַ ווייב מיט קינדער אין דער היים, וואָס האָבן אויסגעקוקט אויף זיין שטיצע. האָט ער דעריבער באַלד אויפן צווייטן טאָג פון באַטרעטן אפריקעס גאָלדענע ערד, גענומען זוכן באַשעפטיקונג. אַזוי ווי חיימקע איז קיין בעל מלאכה נישט געווען, האָבן אים לאַנדסלייט אויסגעזוכט אַ שטעלע אין אַ „דיירע״ פונאַנדערצופירן מילך פאַר יאָהאַנעסבורגער בעל־הבית׳טעס.

ווען חיימקע האָט זיך דעם ערשטן טאָג געשטעלט ארבעטן, האָט מען אים מלביש־ערומים געווען אין אַ לאַנגן, ווייסן כאַלאַט. האָבן זיך זיינע לאַנדסלייט איבער אים געוויצלט:

— ער קוקט דאָך אויס פונקט ווי אונדזער שטעטלדיקער אַפטייקער!

חיימקע האָט זיך אביסל פאררויטלט און געשוויגן.

די ערשטע צוויי טעג, ווען חיימקע איז אַרויסגעפאָרן פארטיילן די מילך, איז מיט אים מיטגעפאָרן אן עלטערער יידל, וואָס האָט אים אַנגעוויזן, ווי אָנצוגיין מיט דער ארבעט, ווו צו פארטיילן די מילך. חיימקע האָט געהאלטן די לייצעס און אָנגעטריבן מיטן פערדל. דאָס איז אים נישט געווען אינגאנצן פרעמד. אויך אין דער אלטער היים, האָט ער אנגעטריבן פערד, ווען ער פלעגט פונאַנדערפירן אויבס צו די קרעמער. דערפאר די שפראך און די מענטשן, מיטן גאנצן ארום, איז חיימקען אָבער



געווען זייער פרעמד און ווייט און האט אויסגעקוקט אויסטערליש און מאדנע אין זיינע אויגן.

אויפן דריטן טאָג האָט דער בעל הבית דערקלערט חיימקען, אַז ער וועט מוזן אליין שוין פאַרן פארטיילן די מילך. עס איז שוין צייט צו זיין אויסגעגרינט. חיימקע האָט געפּרוווט דערקלערן זיין בעל הבית, אַז ער ווייס נאָך נישט גוט, ווי אַנצוגיין מיטן פארטיילן מילך. אים איז נאָך פרעמד די שטאָט מיט די פארשיידענע געגנטן און גאסן, אָבער דער בעל הבית האט חיימקען דערקלערט, אַז עס איז נישט קיין גרויסע קונסט דאָס פארטיילן די מילך, אַז דאָס פערדל וועט אים שוין ווייזן דעם וועג און די ערטער פון די „קאסטימערס". נישקשה, דאָס פערדל גייט שוין מיט די מילך יעדן טאָג, שוין שיינע יאָרן, און ווייסט שוין אלע קאסטימערס זיינע, אלע ערטער ווו צו געבן מילך.

אָבער אַז חיימקע האָט אַלץ נישט פארשטאַנען און זיך געשראָקן פירן אליין די מילך, האָט דער בעל הבית זיך אויפגערעגט און אָנגעשריען אויף אים:

— זיי נישט קיין גרינער. דו וועסט שוין מוזן וויסן. דער פערד ווייסט אלע קאסטימער! ווו דער פערד וועט זיך אָפּשטעלן, זאָלסטו אריינטראָגן מילך! אזא גרינער!

חיימקע האָט שוין מורא געהאט אויסצורייידן א וואָרט, דער בעל הבית זאָל אים נישט אָפּזאָגן פון דער אַרבעט. האָט ער נעבעך פארביסן מיט די ציינער, אַרויפגעזעצט זיך אויפן וואָגן און געלאָזט אַלץ צום פערד.

חיימקען האָבן געקלונגען אין די אויערן די ווערטער פון בעל הבית:

— זיי נישט קיין גרינער, וועסט שוין מוזן וויסן! דער פערד ווייסט אלע קאָסטימערס! ווו דער פערד וועט זיך אָפּשטעלן, זאָלסטו אריינטראָגן מילך! אזא גרינער!

און חיימקע האָט געלייגט די גאנצע האָפענונג אויפן פערד. דער פערד האָט באדארפט ווערן זיין וועג־ווייזער אין אפריקע, זיין ברויט־געבער, זיין ציל אין לעבן, און נישט נאָר פאר אים אליין, נאָר אויך פאר זיין ווייב און קינדער, וואָס ער האָט געלאָזט אין דער אלטער היים.

האָט חיימקע נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון פערד, אָנגעשטרענגט זיך אינעם גאנצן פערדישן וועזן—און ווו דער פערד האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט ער אריינגעטראָגן מילך. אזוי האָט ער זיך געפירט און פונאַנ־דערגעפירט מילך, ווי עס איז געווען דער ווונטש פון זיין בעל הבית...

שפּעטער, ווען חיימקעס בעל הבית איז אַרויס מאָנען דאָס געלט פון זיינע קאסטימערס פאר די מילך, האָבן אלע געצויגן מיט די אקסלען, געמאכט אים שטארקע פארוווּרפן פאר דער העזה צו מאָנען געלט, ווען זיי האָבן זיין מילך צומאל נישט אנגעזען אין די אויגן...

ארויסגעוויזן האָט זיך, אַז חיימקע האָט טאַקע זיין בעל הבית געהערט, געטאָן ווי ער האָט אים געהייסן און אָנגעוויזן, אריינגעטראָגן מילך אומעטום ווו דער פערד האָט זיך אָפּגעשטעלט . . . אַ פערד, איז דאָך אָבער אויך אַ לעבעדיקע באַשעפעניש . . . און פאַר זיינע פערדישע באַדערפנישן, מוז ער זיך דאָך אָפּשטעלן... און יעדע מאָל ווען דער פערד איז „געצוווּנגען" געוואָרן זיך אָפּצושטעלן, האָט חיימקע איבערגעלאָזט מילך אין דערבייאיקן הויז . . .

אַ גוטער מאַן...

באַרימט זיך אַ יידענע פאַר אַ צווייטער:

„האָב איך אַ מאַן, איז אויסצופאָרן אַ וועלט! אַזאַ גוטער, אַזאַ איידעלער, אַזאַ פיינער, קיין הויך וואָרט, קיין קרום וואָרט, הערט מען נישט פון אים. אַ כשרע נשמה איז ער! מיר האָבן זיך נאָך נישט איבערגערעדט קיין איין מאָל נישט. אויף אַלץ וואָס איך זאָג, שטימט ער איין, אַזאַ מאַן האָב איך!

„ער איז אַ בריליאַנט, אַ דימענט, אַ שטיק אוצר! וואָס איך וויל, וואָס איך גלוסט, איז ער צופרידן, אַז איך זאָל דאָס האָבן. ער זאָגט נישט קיין קרום וואָרט, ער איז נישט קיינמאָל קעגן מיינע פאַרלאַנגען. אַזאַ מענטש איז ער, מיין מאַן!

„אַז איך זאָל וועלן קויפן די טייערסטע זאַכן, די בעסטע לוקסוסן, וועט ער נישט זאָגן: ניין! פאַרקערט, ער איז נאָך צופרידן. נישט ווי אַנדערע מענער, אַז זייערע פרויען ווילן קויפן עפּעס, דאַרפן זיי מיט טרערן אין די אויגן זיך בעטן. מיין מאַן איז, אין דעם פּרט, אַן אויסנעם. ער וועט קיינמאָל נישט זאָגן ניין. אַז ער זעט, אַז איך האָב חשק צו עפּעס, מיר געפעלט עפּעס אַ זאַך, וועט ער מיר אַלעמאָל זאָגן: אַז דיר געפעלט, טייערינקע, קויף זיך מיט פאַרגעניגן!

„אַז איך דערזע דאָס שענסטע צירונגען אין אַ שוי-פענצטער, דאָס בעסטע פוטערוואַרג, די שענסטע קליידער, די שענסטע היט, שיך — און אַז איך וועל נאָר גלוסטן צו זיי, כ׳וועל זיי באַגערן קויפן, וועט מיין מאַן מיך קיינמאָל נישט אָפּהאַלטן, וועט קיינמאָל נישט זאָגן קיין קרום וואָרט. ער וועט נאָך אַרויסווייזן די גרעסטע צופרידקייט און גרייטקייט דערצו. אָט אַזאַ מענטש איז מיין מאַן!

„און אַז כ׳וויל קויפן פרישע מעבל פאַרן הויז, די מאָדערנע קונסט־מעבל שטיק, די בעסטע אויל־בילדער, די בעסטע טעפּיכער, די שענסטע זשיראַנדאָלן מיט די בעסטע קריסטאַל־גלאָזן, וועט מיך מיין מאַן קיינמאָל נישט אָפּהאַלטן, וועט ער נישט זאָגן, אַז כ׳זאָל נישט צעטאַכלעווען און צעטרענצלען דאָס געלט. ניין, ער איז נישט ווי אַנדערע מענער, ער איז אַן אויסנעם!

„אַז אַנומעלטן האָב איך געזען אַ שיינע, גרויסע הויז, אַ ווילע איז דאָס, נישט קיין הויז: מיט שיינע גרויסע גרינע לאָנקעס מיט בלומען, מיט פּאַלמעס און מיט וועראַנדעס און באַלקאָנען פון אלע זייטן — מיט אלע באַקוועמלעכקייטן, אין אַ שיינער געגנט, האָט מיך מיין מאַן נישט אָפּגעאַלטן, נישט אָפּגערעדט, אַז כ׳זאָל נישט קויפן די ווילע. אויב איך האָב נאָר חשק און וויל קויפן, וועט ער זיין גליקלעך און צופרידן, אַזאַ מענטש איז ער.

„און אַז כ׳וויל שיקן מיינע קינדער אין די הויך־שולן, אין די אוניווערסיטעטן, שטערט מיך אויך נישט מיין מאַן. עס איז נישט זיין כאַראַקטער צו זיין קעגן מיינע פאַרלאַנגען. ניין, עס איז נישט זיין עסק! איך קאָן טאָן און זיך קויפן פון דאָס שענסטע און בעסטע, וואָס נאָר מיין הארץ גלוסט. ער איז נישט ווי אַנדערע מענער, וואָס זאָגן גלייך דעות און שטערן. ער איז גאָר אַנדערש!

„און אַז כ׳וויל מאַכן בעלער, פּאַרטיעס און פאַרבעטן מענטשן, וועט ער זיך קיין קרים נישט טאָן, וועט ער נישט שטערן. איך קאָן איינלאַדן אפילו 50 מענטשן אויף אמאָל, וועט ער נישט זאָגן אַ שלעכטן וואָרט. אַז איך זאָל מכבד זיין עמעצן מיט שאַמפּאַניער, מיט די בעסטע זאַכן, וועט ער נישט זיין קעגן, ניין, אַזאַ איז ער!

„איך קאָן פאָרן אויף „האָלידייס" צוויי מאָל אַ יאָר און מער אויך. איך קאָן פאָרן צום ים, כ׳קאָן פאָרן אין די וואַרעמע בעדער, אין די ווילדער־נישן, צו די וואַסער־פאַלן, אפילו אין אויסלאַנד, אַז איך זאָל נאָר וועלן פאָרן, וועט מיר מיין מאַן נישט שטערן. עס איז נישט זיין טבע. אזא מענטש איז ער!

„און פאַר די קינדער איז ער נישט קיין טאַטע, נאָר אַ בריליאַנט! אַזעלכע טאַטעס זיינען נישטאָ! וואָס די קינדער ווילן, וועט ער קיינמאָל נישט זאָגן—ניין. וויל איך קויפן פאַר די קינדער אַ קלאַוויר, שטערט ער נישט. וויל איך קויפן פאַר זיי פיינע מלבושים, איז ער גליקלעך. וויל איך קויפן פאַר זיי שפּילערייען, באַשערייען—וואָס נישט?! קיינמאָל וועט ער נישט זאָגן קיין שלעכטן וואָרט, קיינמאָל נישט זיין קעגן. אָט אַזאַ מאַן, האָב איך!

„נאָר איין זאַך איז נישט באַקוועם און נישט גוט מיט מיין מאַן. ער האָט אַ גוטע הארץ, אַ גוטן כאַראַקטער, אַ גוטע נשמה — אָבער ער איז נישט קיין גוטער פאַרדינער,—און קיין שלעכטער פאַרדינער אויך נישט! זינט מיר האָבן חתונה געהאַט, שוין דאָס דרייצענטע יאָר, האָט ער נאָך גאָרנישט פאַרדינט, קיין פּרוטה פּרנסה ניט אריינגעבראַכט אפילו פאַר אַ פּעני די ווערט! איך אַרבעט פונעם טאָג, וואָס מיר זיינען אונטער דער חופּה געשטאַנען. איך האַלט אויס די הויז־ווירטשאַפט, זאָרג פאַר די

קינדער און גיב אים, מיין מאַן, עסן. איך קריג זיך אָבער נישט מיט אים איבער דעם. ער איז צו איידל, ער פאַרטראָגט נישט קיין קריגערייען! . . .

„איך קאָן שרייען, טומלען, קריגן זיך מיט אים, טרייבן אים, אָבער ער איז צו איידל צו פירן מיט מיר קריג—און דערפאַר טאַקע איז ער אזוי גוט צו מיר און גיט מיר נאָך אלע ווילטאַגן, וואָס איך וויל. ער לאָזט מיר קויפן אלע לוקסוסן. ער שטערט נישט, א גוטער כאַראַקטער. קיין קרום וואָרט האָט ער מיר נאָך נישט געזאָגט. אַזאַ מענטש איז ער, מיין מאַן!...“

אַ בינטל בלומען

איך בין אמאָל ארומגעלאָפן איבער יאָהאנעסבורגער גאסן—גאס איין, גאס אויס. כ׳האָב געהאט צו ערליידיקן פארשיידענע ענינים. עס איז געווען אין א שיינעם אפריקאַנער פרילינג־טאָג. די זון האָט געשטראלט מיט טויזענטער חנ׳ען און געווארעמט, ווי א היימישע מאַמע. איבער די גאסן האָבן זיך באַוועגט הונדערטער מענטשן. אויף די ווינקלען זענען געשטאַנען אינדוסן און נעגערס און האָבן אָנגעבאָטן די פארבייגייערס פרישע פרילינג־בלומען, וואס זיי האבן צעשטעלט איבער די טראָטוארן, ווי אויף מאַרק־פלעצער.

כ׳בין געלאָפן אין גרויסער איילעניש. כ׳האָב געהאט א סך צו ערליידיקן. כמעט אויף יעדן ווינקל־גאס, האָט מיך א צווייטער בלומען־פארקויפער אָפגעהאלטן, פאָרלייגנדיק צו קויפן פון אים א בינטל בלומען. כ׳האָב זיך אָבער געמוזט אָפזאָגן, ווייל כ׳בין געווען שטארק פארנומען און געדארפט נאָך גיין אין פארשיידענע פלעצער, אין פארשיידענע גאסן און געגנטן.

אויף אַ פאר גאַסן איז מיר נאכגעלאפן אן אפגעריסענער, בארוועסער נעגער־יינגל, נאכגעטראגן א בינטל בלומען און זיך געבעטן:

— פליז, סער, א שילינג אָנלי!

האָב איך רחמנות געקריגן אויפן באָרוועסן נעגער־יינגל און פון אים געקויפט די בלומען. כ׳בין געלאָפן גאס איין, גאַס אויס מיט די בלומען אונטערן ארעם און מיט א פאָר איינגעהאנדלטע פעקלעך אונטערן צווייטן ארעם. אויפן וועג האָב איך אָנגעטראָפן באקענטע, וועלכע איך האָב באגריסט און וואָס האָבן מיט אַ באַהאַלטענעם חשד מיך נאָכגעקוקט.

א קאָרגע דריי שעה בין איך אזוי ארומגעלאָפן פון גאס־צו־גאס, פון געשעפט־צו־געשעפט, געווען אין בענק־הייזער, אין געזעלשאפטן, אין פאבריקעס — און אומעטום מיט זיך געטראָגן די בלומען, וואָס האָבן זיך אזוי שווער ארייגעפאסט אין מיינע הענט און האָבן אַרויסגערופן די אויפמערקזאמקייט ביי די מענטשן.

די זון האָט שטארקער גענומען ווארעמען. מיינע הענט זיינען אלע מאָל פולער געוואָרן מיט פעקלעך און פאקעטן. א קלעפיקער שווייס האָט מיך גענומען פייניקן. כ׳האָב געזוכט א וועג, ווי נאָך זיך לייכטער צו מאכן,

האָב איך געוואָרפן מיינע אויגן אויף די בלומען, וואָס זיינען מיר געווען ווי א שווערע משא. כ׳האָב געטראכט, אז מען דארף זיך פון זיי באַפרייען. כ׳האָב שוין געזוכט א פּלאַץ, ווו זיי אוועקצוואַרפן, אָבער עס איז נישט געווען. כ׳בין געגאַנגען פון אָרט־צו־אָרט און נישט געקאָנט געפינען קיין פּאסיקן פּלאַץ, ווו די בלומען צו לאָזן. אומעטום ווו איך בין צוגעקומען און געוואָלט זיי אוועקוואַרפן, זיינען אויסגעוואַקסן מענטשן, וואָס האָבן אויף מיר געקוקט מיט גרויסן פארדאכט, פּונקט ווי איך וואָלט וועלן אָפּטאָן א גנבה, ווי כ׳וואָלט וועלן אונטערוואַרפן א טריפהנע זאַך, א ממזר.

האָב איך זיך, בלית ברירה, געשלעפּט ווייטער איבער די גאַסן מיט די בלומען.

מיטאַמאָל איז מיר אונטערגעקומען א געדאַנק, אז כ׳זאָל די בלומען נישט אוועקוואַרפן, נאָר כ׳זאָל זיי א היים ברענגען פאַר מיין ליבער פרוי. עס וועט זיין ביי איר א באשיידענע מתנה, אן אויסדריק פון ליבע און איבערגעבנקייט צו איר. זי וועט די בלומען פון מיר מיט גרויס פרייד צונעמען און מיך מיט קושן אָפּדאַנקען. עס איז מיר געוואָרן לייכטער. כ׳האָב אָנגעהייבן שפּאַנען האסטיקער און מער נישט געפילט דאָס ברענען פון דער זון און די מידקייט אין די הענט פון די פּעקלעך און דאָס ברעכעניש פון די פיס.

ווען איך בין צוגעקומען צו מיין הויז און א דריק געטאָן דאָס עלעקטרישע גלעקל ביי דער טיר, האָב איך דערהערט מיין פרויס טריט. זי איז געלאָפן האסטיק עפענען די טיר. אָבער אנשטאט מיך אויפצונעמען מיט פרייד און ליבע, ווי כ׳האָב דאָס דערוואַרט, האָט זי גאָר, א ברוגזע, אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון מיר און בייז ארויסגעמורמלט:

— נו, עפּעס א פיינע ראַנדעוו געווען?

איך האָב נישט פארשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר און וואָס מיין פרוי טראכט, און איידער כ׳האָב באוויזן עפּעס ארויסצוריידן, האָט מיין פרוי אין א סארקאַסטישן טאָן צוגעגעבן:

— אַרומגעלאָפן, ווי א חתן בחור מיט בלומען פאַר דער געליבטע!

דאָ האָב איך שוין פארשטאַנען, אז פון די באַקענטע, וואָס האָבן מיך אָנגעטראָפן אין גאַס און מיך געזען מיט די בלומען טראָגן, האָט ווער פון זיי אָפּגעטראָגן צו מיין פרוי גרונטלאָזע רכילותן . . .

און וויפיל איך האָב געוואָלט דערקלערן דעם אמת וועגן די בלומען, האָט עס גאָרנישט געהאָלפן. א קאַרגע וואָך האָט מיין פרוי צו מיר נישט געוואָלט ארויסריידן קיין וואָרט און עס איז ביי איר געבליבן, עד־היום, אז די בלומען האָב איך געקויפט נישט פאַר איר, נאָר פאַר א געליבטער...

נעהערט אַ העזה?!

דערציילט איין מיידל פאר דער אַנדערער:

„האָב איך אָנגעטראָפן א יינגל, שיין ווי א מלאך. הויך, שלאנק, געזונט און אינטערעסאנט. אויפן ערשטן אויגנבליק האָט ער זיך אין מיר פארליבט! וואָס הייסט פארליבט? ער טרעט פון מיר נישט אָפּ אויף א רגע. ער מאטערט מיך, אַז איך זאָל אים נאָר זאָגן דאָס וואָרט — יאָ! אָט דאָס איינציקע וואָרט, וועט ער שוין זיין גליקלעך און אין זיבעטן הימל!

בין איך דאָך א מיידל, נישט פון יענע מיידלעך, וואָס איינס און צוויי וועל איך טאָן כאַפּ־לאַפּ און איינשטימען, און זאָגן: יא! אמת טאַקע, אַז ער איז אַ שיינער בחור, וואָס זעלטן, אז מען טרעפט אָן אזעלכן, —און איך זע, ווי ער איז אין מיר פארליבט, ביז איבער די אויערן. אָבער איך כאַפּ נישט, איך יאָג זיך נישט, איך שטים נאָך נישט צו צו זיינע זיסע רייד און פאַרשלאגן אזוי גיךן!

איך זע, ווי דער יונג האלט עס נישט אויס. ער רוט נישט, ער גייט אויס נאָך מיר. מיינע חבר׳טעס זיינען מקנא, און זאָגן, אז אַזאַ בחור לאָזט מען נישט אָפּ. אָבער איך בין אייז־קאַלט, ווי נישט מיך מיינט מען . . . ער באַשיט מיך מיט קאָמפלימענטן און ווייסט גאָרנישט וואָס פאר מיר צו טאָן. ער לויבט און ליבט מיך, רופט מיך מיט די שענסטע נעמען! זיין איינציקער ווונטש איז נאָר, אז כ׳זאָל אים צוזאָגן, פארשפרעכן, אז איך וועל מיט אים חתונה האָבן, אז כ׳וועל זיין זיינע, אים נאָר זאָגן דאָס גליקלעכע וואָרט — יאָ!

איך בין אָבער פון דער נאטור א געלאסענע. איך אייל זיך נישט. איך ווייס, אז פון איילעניש, קומט קיין גוטס נישט אַרויס. איך אייל זיך נישט, מאַך נישט קיינע הבטחות און קיינע צוזאָגענישן, איך האָב צייט!

דערווייל גייען מיר ארויס צוזאמען, מיר שפאצירן, מיר גייען אויף פארוויילונגען. איך דערלויב אים צו געבן מיר א קוש, און מער אויך. אָבער צוזאָגן חתונה צו האָבן, דאָס דערווייל נישט, אַזאַ נאר בין איך נישט...

איך ווייס ווי מען האַנדלט מיט יינגלעך. מען קען מיט זיי ארויסגיין, פארברענגען, פלירטעווען, אמוזירן זיך, קושן זיך אויך, אָבער נישט צוזאָגן חתונה צוהאָבן מיט זיי, דאָס נישט!

אָבער דער בחור לאָזט מיך נישט אָפּ, לאָזט מיך נישט רוען, נאָר כ׳זאל אים זאגן, אז איך בין זיינע, ניט אוועקשטעלן אים און אויסטוישן אויף אן אנדערן. איך זאָל אים נאָר זאָגן דאָס קורצע וואָרט — יאָ, און ער וועט שוין זיין רויק, גליקלעך און צופרידן.

בין איך אָבער נישט קיין נאַר. איך זאָג נישט קיין זאך צו. איך שטער אים נישט מיך ארויסצונעמען. איך שטער אים נישט מיך גלעטן, צערטלען און קושן, וויפיל זיין הארץ גלוסט. אָבער צוזאָגן, אז איך וועל מיט אים חתונה האָבן, מיט דעם בין איך זייער פאָרזיכטיק און יאָג זיך נישט!

איך קום אמאָל אין זיין צימער. מיר פאָרן ארויס אויף ווייטע שפאצירן, אויף שטילע שטעגן און וועגן. זיין הארץ גייט אויס פון ליבע צו מיר. ער פארזיכערט, אז ער וועט פאר מיר לויפן אין פייער און אין וואסער. ער וועט פאר מיר אַלץ טאָן. עס וועט קיין זאַך פאר אים נישט זיין שווער פאר מיר צו טאָן. איך זאָל אים נאָר צוזאָגן, מאכן אים גליקלעך מיטן איינציקן וואָרט — יאָ!

איך בין אָבער פאָרזיכטיק, אויסגערעכנט. איך כאַפּ נישט און זאָג נישט באַלד דעם בחור יאָ. נשקשה, ער קאָן ווארטן. כ׳האָב צייט, איך איל זיך נישט!

לעצטנס איז ער צו מיר צוגעשטאנען גאָר צודרינגלעך. ער לאָזט מיך נישט אָפּ, נאָר איך זאָל אים זאָגן יאָ. איך זאָל אים זאָגן—צי איך גיי מיט אים חתונה האָבן. ער קאָן לענגער נישט ווארטן, ער קען אָן מיר נישט לעבן. אָדער איך זאָג יאָ, אָדער ער באַגייט זעלבסטמאָרד.

האָב איך שוין געמוזט צושטימען. כ׳וויל נישט, אז א יונגער מענטש זאָל צוליב מיר זיך דער׳הרגענען. סיי ווי קושט ער מיך און מיר קאָנען זיך שוין גוט, קאָנען מיר שוין שטעלן א חופה אויך!"

— אָזוי? — האָט זיך אָפּגערופן דאָס צווייטע מיידל — קומט דאָך דיר א מזל טוב! ווען האָסטו דאָס מיט מזל חתונה געהאט, דאָרא?

— כאַפּ נישט. איך האָב נאָך נישט חתונה געהאט און ווינטש מיר נאָך נישט קיין מזל טוב! אזוי ווי כ׳האָב נאָר איינגעשטימט מיטן פאסקודניק חתונה צו האָבן, איז ער געווען זייער גליקלעך און צופרידן, און מיר געזאָגט, אז איצט זאל איך נאָך אויך זען צו פועלן ביי זיין ווייב, אז זי זאל אויך איינשטימען און אויך זאָגן יאָ. יעמאָלט וועלן מיר גלייך קאָנען שטעלן מיט מזל א חופה! געהערט א העזה ? ! . . .

אַ חלום פון אַ „גביר״

עס האָט זיך מיר געחלומט א זיסער חלום. עס האָט זיך מיר געחלומ׳ט, נישט מער און נישט ווייניקער, אז איך בין געוואָרן א גביר. איר הערט— א גביר! און נישט סתם א גביר, נאָר טאַקע דער אמתער גביר מיט דער פלאָמבע! כ׳בין געוואָרן א גביר, אַן עושר. כ׳בין באגליקט געוואָרן מיט אלדאָס גוטס, מיט אלפי אלפים, מיט טויזנטער און טויזנטער מיט אַן א שיעור עשירות און רייכטום.

דאָס ווערן א גביר איז פאר מיר געוואָרן א גרויס גליק. עפּעס א קלייניקייט צו זיין רייך, צו זיין א גביר, נישט דרייען מער דעם קאָפּ, ווו מע נעמט אויף מאָרגן, אויף איבערמאָרגן, אויף שפּעטער. עס איז מיר אראָפּ אַן עול פון זיך. כ׳דארף ניט קיין תירוצים פארן ווייב און פאר בעלי־חובות, אז כ׳האָב נישט, כ׳וועל געבן מאָרגן, שפּעטער, אַן אנדערש מאָל . . .

קודם כל, האָב איך אויפגעהערט שרייבן מיינע שרייבערייען, ווייל, ווי פּאסט עס פאר א ייד א גביר, אַן עושר צו שרייבן ארטיקלען פאר יידישע צייטונגען. איך האָב מיין פען גענומען ניצן פאר אַנדערע מיינע שרייבע־נישן — פאר שרייבן טשעקס, פאר חשבונען מיין עשירות, מיין פארמעגן, וויפיל פראָצענטער עס וואקסט און וויפיל עס וועט צוואקסן ביז הונדערט און צוואנציק יאָר . . .

ווי גוט עס איז, אז מען איז א גביר, נאָר גבירים וויסן דעם טעם. אז מען איז א גביר און מע האָט די ממתקים, איז ווייסט מען אַלץ, אפילו ווען מע ווייסט גאָרנישט, און מען איז גאָרנישט...

ווי איך בין נאָר געוואָרן א גביר, האָב איך מיר גלייך איינגעהאַנדלט דאָס שענסטע הויז, א ווילע אין דער רייכסטער געגנט, אין לאָוער־האטאַן און האָב עס איינגעריכטעט כיד המלך, מיטן שענסטן און בעסטן. מעשה גביר האָב איך פאראָרדענט, אז קיין קאָלעקטאָרס, קלייבערס און זאמלערס, זאָל מען נישט אריבערלאָזן איבער מיין שוועל. עס פּאסט נישט, אז אין מיין הויז זאָלן קומען שנאָרערס . . .

איך האָב זיך איינגעהאַנדלט דעם בעסטן אויטאָ—אַ ראַיאַל קרייזלער, דע־לאַקס־קאר, ווי עס פּאסט פאר אזא גביר ווי איך. כ׳האָב שוין גענוג געבעטן ביי אלעמען „ליפטס״ מיט „דרייווס״. איצט האָב איך מיין אייגענע

מאַשין. ס׳איז א פארגעניגן! „ליפטס“ גיב איך נישט קיינעם. עס פאסט נישט, איך ווייס גוט דעם טעם, ווי מען פילט זיך, נעמענדיק א ליפט אין יענעמס קאר. איך האַלט מער נישט פון קיין „ליפטס“, און בכדי אנדערע זאָלן זיך גוט פילן, זאָג איך אלעמען אָפּ, ווער עס בעט ביי מיר א ליפט . . .

מיין געלט האב איך אריינגעלייגט אין די בענק אויף א „פיקסד־דעפאָזיט“, זאָל עס ליגן געזונטערהייט. אויף קיין מסחרים דארף איך נישט, קיין חובות צו צאלן האב איך ניט און קיין גמילות־חסדים גיב איך נישט. איך בין נישט דער איינציקער גביר, וואָס גיב נישט קיין גמילות־חסדים.

ווי לאַנג איז דען, אַז איך אַליין בין ערשט אַרומגעלאָפן און נישט געקאָנט קריגן קיין גמילת־חסד? איך וואָלט אַפילו יאָ באַדאַרפט געבן מענטשן, וואָס בעטן אַ גמילת־חסדל. נאָר אַזוי ווי איך פֿיל נאָך גוט דעם טעם פֿון אָפּזאָלן צוריק, און ווילנדיק אַז יענעם זאָל ניט דרייען דער קאָפּ מיטן זאָרג, ווי דערנאָך אָפּצאָלן, האָב איך מיר אָפּגעמאַכט, אַז איך גיב נישט קיין גמילות־חסדים! . . .

צוליב דעם וואָס איך בין געוואָרן אַ גביר, האָט מען מיר פֿאַרגעלייגט, צו ווערן פּרעזידענט, טשערמאַן, גבאַי אין אַ פּאָר טוץ סאָסייעטיס, געזעל־שאַפֿטן, פֿאַראיינען און שולן, ווייס איך נישט וואָס איך זאָל טאָן. קיין געלט, אגב, דאַרף עס מיר נישט קאָסטן. מען האָט מיך פֿאַרזיכערט, אַז כ׳וועל נישט זיין דער איינציקער טשערמאַן אָדער גבאַי, וואָס וועט מיר גאָרנישט קאָסטן... איך דאַרף נאָר צוזאָגן, אַז כ׳וועל געבן און לאָזן זיך קאָסטן, אָבער טאָקע נישט מער ווי צוזאָגן . . . בין איך אָבער אַ מענטש מיט פּרינ־ציפּן, וואָס כ׳האָב פֿיינט צוצוזאָגן און נישט האַלטן וואָרט. איידער נישט האַלטן וואָרט, זאָג איך באַלד ניט צו...

מיין משפּחה, קרובים, לאַנדסלייט און פֿריינד האָב איך נישט אויסגע־זאָגט, אַז איך בין רייך געוואָרן, אַז איך בין אַ גביר געוואָרן. כ׳האָב באַרעכנט, אַז עס לוינט נישט. עס וועט זיך אָנהייבן אַ לויפֿעניש, אַ שטור־פּעניש, אַ בעטעניש, און אַ קרימעניש, אַז כ׳זאָל זיי העלפֿן, און אַז כ׳וועל זיי אָפּזאָגן, קאָנען זיי נאָך, חלילה, האָבן פֿאַרדראָס. האָב איך געמאַכט אַ שוויג און זיך געמאַכט גע׳פּגר׳ט, ווי נישט מיך מיינט מען. כ׳מוז דאָך אָנהאַלטן פּאַסאָן גלייך מיט אַנדערע גבירים, כ׳קאָן דאָך נישט זיין אַנדערש, אַ נישט קאָן מען דאָך נאָך מיך אויסשליסן פֿונעם גבירים־פּאַך . . .

אויף גוטע משכנות און הויכע פּראָצענטער האָב איך אויסגעבאָרגט צו אָרעמע יידן קליינע סומעס געלט. קיין גרויסע סומעס האָבן אָרעמע מענטשן נישט קיין חשק צו באָרגן, און טאָמער זיינען שוין צו מיר געקומען אַזעלכע, וואָס האָבן שוין געהאַט חשק צו לייען גרעסערע געלדער, האָב איך נישט געהאַט קיין חשק ! . . .

איך האָב זיך שוין געגרייט צו לערנען טאַנצן, אַ גאַנץ לעבן האָב איך געטאַנצט מיטן קאָפּ, איצט האָב איך זיך געוואָלט לערנען טאַנצן מיט די פֿיס — און אַז עס איז גוט אויפֿן האַרצן —טאַנצט זיך. מיינע פֿיס זיינען געגאַנגען, ווי ביים בעסטן טענצער, אַזוי פֿלינק און אַזוי גוט, ביז ביז — —

איך האָב דערפֿילט אַ פֿלאַמיקן פּאַטש אין באַק. אַז איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, איז מיין ווייב געשטאַנען אַ צעקאָכטע און געשריען:

— וואָס איז דאָס די גדולה אויף דיר, וואָס בריקעסטו און האָצקעסט זיך אין בעט? שוין צייט צו גיין אַרבעטן, דו טויגעניכטס איינער ! . .

ביי אונדז

כ׳וועל שוין קיין מענטש ניט זיין...

אז כ׳וועל שוין קיין מענטש נישט זיין, האלט מיך אין איין פארזי־כערן מיינער א באקענטער ביי יעדער געלעגנהייט, אויף טריט און שריט. צום ביישפיל — ווען ער זעט מיך לייענען א בוך, א צייטונג, ווארפט ער מיר גלייך פאַר, אז כ׳בין א לײדיקגייער, א גאַרנישט, א טויגעניכטס, א פוסט און פאסטניק און וועל שוין קיין מענטש, קיינמאַל, נישט זיין...

אַז איך גיי נישט צו קיין פערד־געיעגן, צו קיין הינט־געיעגן און אנ־דערע געיעגן, בין איך שוין קיין מענטש נישט, בין איך גאַרנישט ווערט, א שאָד וואָס די ערד טראָגט מיך. כ׳מאַך נאָר א תל פון אומשולדיק ברויט, כ׳בין אַן אוממענטש און כ׳וועל שוין קיין מענטש נישט זיין . . .

אז איך שפיל נישט קיין קאָרטן, קיין ראַמי, קיין פּאָקער, קיין סאָלאָ, קיין אקע, קיין בלאף, קיין שעמי און אנדערע געמבלעריען, איז צו וואס לעב איך אויף דער וועלט? כ׳לעב דאָך ווי א בהמה, ווי אן אייזל. עס איז נאָר אן עבירה, א גרויס שאָדן, וואָס כ׳דריי זיך ארום אויף דער וועלט. איך בין קיין מענטש נישט, און וועל שוין קיין מענטש נישט זיין . . .

אז איך האָב צייט און אינטערעס צו לייענען יידישע צייטונגען, זשורנאלן, האָב געדולד אָפּצוגעבן זיך מיט אזעלכע קליינלעכע זאכן, ווארפט מען מיר פאר, אז כ׳בין א פוסטער מענטש. עס איז א שאד מיט מיר אויס־צורײדן א וואָרט. מען דארף פון מיר וויכן, ווי פון א פעסט, מען דארף מיר אָנשפייען א פולן פנים. איך בין נישט ווערט דעם נאָמען מענטש, און וועל שוין טאָקע, קיינמאָל, קיין מענטש נישט זיין...

אז איך רייד נישט פון יענעם, באַרייד נישט יענעם, וויל נישט הערן קיין רכילות, קיין פליאטקעס, און וויל אליין אויך נישט ריידן קיין לשון הרע אויף קיינעם, איז א סימן, אז איך בין א גאַרנישט שבגאַרנישט און כ׳וועל שוין קיין מענטש גאַרנישט זיין...

אז איך שרייב ארטיקלען, פעליעטאָנען און אַנדערע שרייבערייען, ווארפט מען מיר פאַר, אז כ׳בין א לײדיקגייער, האָב א גרינגן קאָפּ און מען דארף מיר געבן קייען שטרוי, עסן טשאָלענטן, געמאכט פון וואַטע, און צו פארטרינקען מיט ריצנאייל, ווייל כ׳בין אן אידיאָט, א לונאטיק, א טויגע־ניכטס, און כ׳וועל שוין קיין מענטש נישט זיין . . .

אז איך זיץ אין הויז און פאַרברענג די פרייע צייט און אָוונטן מיט מיין הויז־געזינד, מיט ווייב און קינדער, אַז איך גיי נישט צו קיין פּאַרטיעס און „קאָקטיילס" מיט אנדערע גענג, בין איך נישט מאָדערן, בין איך נישט קיין לייט, נישט וועלטלעך, נישט עסטעטיש, נישט צו גאָט און נישט צו לייט, און כ׳וועל שוין קיין מענטש נישט זיין...

אז איך רייד ידיש, בין אן אָנהענגער פון ידיש, האָב דאָס ידישע לשון ליב מיט לייב און לעבן, פּונקט ווי כ׳האָב ליב דאָס ידישע פאָלק, ווארפט מען מיר פאָר, אז איך בין א טיפּש שבטיפשים, א גולם שבגולמים, אז עס פעלט מיר א קלעפּקע אין קאָפּ, אז א שרייפל איז מיר קאַליע גע־וואָרן, און כ׳וועל שוין קיין מענטש, קיינמאָל, נישט זיין . . .

אז כ׳גיי הערן א ידישע לעקציע, א ידישן רעפעראט, אָדער אן אנדערע ידישע אונטערנעמונג, לאכט מען אָפּ פון מיר אין די הויפנס, אז כ׳בין נישט ביי די קלאָרע געדאנקען, אַז מען דאַרף מיך אָפּשיקן אין א משוגעים־שפּיטאל, אין אן אויסבעסערונג־הויז, און אז כ׳טאר זיך נישט געפינען צווישן מענטשן, ווייל כ׳בין קיין מענטש נישט, און וועל קיין מענטש, קיינמאָל נישט זיין.

אז כ׳קום אריין אין ידישע הייזער, ווו מען שפּילט קאָרטן און איך זאָג זיך אָפּ צו נעמען א האנט, זידלט מען מיך, ווייזט מען מיר די טיר און מ׳זאָגט מיר, מער נישט צו ווייזן זיך דאָרטן, סיידן אויב איך וועל ווערן א מענטש, ווערן אויס לידיקגייער און נעמען א האנט ביים קאָרטן־שפּיל, ווערן א מענטש, נישט, ווי איך בין איצט . . .

אז איך קאָן נישט זאָגן קיין חניפה, קאָן נישט חנפענען און פוצן יענעמס הויקער, אז כ׳קאָן נישט יענעם אין די אויגן לעקן און גלעטן און אונטער די אויגן אַרויסשטעלן א צונג, אז כ׳קען נישט זאָגן אויף איינעם, אז ער איז צוקער־זיס, ווען ער איז ביטער ווי גאַל, ווען איך קאָן נישט די מלאכה פון בלאָפן און בין פשוט און ערלעך, טויג איך נישט—און בין שוין קיין מענטש נישט און כ׳וועל דאָס קיינמאָל נישט זיין...

ווער ווייסט צי כ׳וועל שוין אמאָל זיין אַ מענטש אין די אויגן פון מיין באַקענטן...

ווער ווייסט ? ! . . .

אַ חזן אויף די ימים נוראים...

די קאָמיטע פון דער לאַכמאַניקער סאָסייטי האָט באַשלאָסן אויף די ימים נוראים איינצואָרדענען אַ מנין. אַזוי ווי די סאָסייטי, די לאַכמאַניקער, ציילט אַן עין הרע אַ קאַרגע הונדערט מעמבערס, קאָן זי זיך דערלויבן צו האָבן דעם פאַרגעניגן צו איינאָרדענען אַן אייגענעם מנין. בפרט נאָך, אַז מען קען דערביי מאַכן אַ גאַנץ נישקשה׳דיקן ריוח אויך.

האָט די לאַכמאַניקער סאָסייטי געלאָזט אָפּדרוקן אַ מעלדונג אין צייטונג, אַז זי זוכט אַ חזן — און מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן זיך גענומען ווייזן חזנים, פּראָפעסיאָנעלע און סתם־יידן—קאַנדידאַטן אויף חזנים, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז זיי פאַרמעגן די ריכטיקע כלי און קאָנען דערלאַנגען די ריכטיקע סחורה, וואָס דער עולם וויל.

אפשר צוויי וואָכן צייט האָבן די קאַנדידאַטן־חזנים געמאַכט פּראָבע פאַר דער קאָמיטע פון דער לאַכמאַניקער סאָסייטי און מען האָט געקליבן און געקליבן... יעדער קאָמיטע־מעמבער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מבינות און בקיאות אין חזנות, אַז דער חזן איז אַזוי און אַזוי, און יענער חזן, ווידער, איז קאַפּויער. דער האָט אַ שוואַכע שטימע, און יענער האָט אַ שטאַרקע שטימע. דער פּישטשעט ווי אַ קימפּעט־קינד און יענער רעוועט ווי אַ בהמה . . .

אפשר אַ דרייסיק חזנים זיינען דורכגעגאַנגען מיט זייערע פּראָבעס פאַר דער קאָמיטע פון דער לאַכמאַניקער סאָסייטי, און קיינער האָט נישט נושא חן געווען. קיין איינער האָט נישט געטויגט פאַר זיי. קיינער האָט נישט קיין רעכטע שטימע, קיין קלאַנג, קיין חוש פאַר חזנות. אַזוי איז געווען די דיאַגנאָזע, וואָס די אָנגעפּרעסענע קאָמיטע־מעמבערס פון דער לאַכמאַניקער סאָסייטי האָבן אַרויסגעטראָגן.

זיינען געבעך אוועק די פאַרהערטע חזנים שטאַרק באַליידיקט, אויפ־גערעגט און דערצאָרנט. האָבן זיי דערפאַר באַשלאָסן, אַז זיי מוזן די אָנגעפּרעסענע פּופּיקעס פון דער לאַכמאַניקער סאָסייטי גוט אָנלערנען. האָבן די באַליידיקטע חזנים צוגעטראַכט אַ גוטן שפּיצל: מען וועט אונטער־שיקן איינעם אַ יידל, נישט קיין יאָלד, אַלס חזן־קאַנדידאַט, וואָס זאָל זיי גוט אָנפּייפן און זיי אַריינקריגן אין זאַק אַריין . . .

חברה באלידיקטע חזנים האָבן אויסגעזוכט איינעם א יונגן מאן, וואָס האָט געמאכט א פיינעם איינדרוק... ער האָט געהאט א געשליפן צינגל און געקאָנט גוט פאררידן די ציינער. די חזנים האָבן יענעם אלץ דערציילט און אים צוגעזאָגט גוט צו באַפרידיקן, ער זאָל גיין אויף פּראָבע אלס חזן פון דער לאכמאניקער סאָסייטי. אָבער אזוי ווי ער איז דאָך קיינמאָל אין זיין לעבן קיין חזן נישט געווען, זאָל ער זיך ארויסדרייען פון מאכן פּראָבע.

ער זאָל דערקלערן, אז ער איז נישט פון יענעם סאָרט ביליקע חזנים, וואָס באַווייזן זיך באַלד מיט די פּראָבעס און אין אמתן זיינען זיי קאַליקעס. ער, אָבער, איז דער ריכטיקער מאַן, דער געוווּנטשענער חזן, וואָס מען וועט פון אים גרויס הנאה האָבן. ער נייטיקט זיך נישט און זוכט נישט די פּוסטע רעקלאַמעס און ביליקע פּובליסיטי . . .

דער אונטערגעשיקטער יונגער מאַן אלס חזן־קאַנדידאַט איז אַוועק צו דער לאַכמאַניקער סאָסייטי און זיך פאָרגעשטעלט, ווי מען האָט אים געלערנט — און דער פּלאַן האָט זיך איינגעגעבן. די פעטע פּופּיקעס, די קאָמיטע־מעמבערס האָבן געגלייבט אין אַלץ, וואָס דער פּיפּיקער אונטער־געשטעלטער יונגער מאַן האָט זיי געזאָגט. מען האָט מיט אים געשלאָסן גלייך א שריפטלעכן אָפּמאַך, אז ער ווערט אָנגעשטעלט אלס חזן און באַקומט א הונדערטער פאַרן דאַוונען אין די ימים נוראים, און אים טאַקע באַלד געגעבן האַנט־געלט א פּופּציקער. מען האָט געטרונקען לחיים און זיך געווינטשעוועט . . .

נאָכן אנגאַזשירן דעם חזן האָט די לאַכמאַניקער סאָסייטי געדונגען אויף צו דאַוונען א גרויסן זאַל, ווו עס טאַנצן א גאַנצן יאָר יינגלעך מיט מיידלעך. די קאָמיטע האָט זיך ארויסגעלאָזט פאַרקויפן די בילעטן און באַקענט געמאַכט, אז עס וועט דאַוונען דער באַרימטער חזן, דער און דער...

א פּאָר טעג פאַר ראש השנה, די בילעטן זיינען שוין געווען אויספאַר־קויפט. דער זאַל אויסגעפּוצט און די פּאַדלאָגע אויסגעוואַשן פונעם וואַקס וואָס מען האָט געניצט א גאַנץ יאָר צום טאַנצן. די קאָמיטע פון דער לאַכמאַניקער סאָסייטי איז געווען אין זיבעטן הימל פון פריידּ, וואָס אַלץ האָט זיך אַזוי גוט איינגעגעבן מיט דערפּאָלג, נאָר פון חזן האָבן זיי אָבער נישט געהערט און אים נישט געזען, זיינען זיי, די קאָמיטע, געוואָרן מיטאַמאָל שטאַרק אומרויק: — אפשר איז ער דער חזן, חס וחלילה, נישט געזונט, ווער ווייסט. איז מען געלאָפן ארומזוכן דעם חזן. מען האָט אים געפונען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן א ביטערע ווירקלעכקייט; דער כלומרשטער חזן איז געווען פריש און געזונט. ער איז געזעסן און גענייט הויזן . . . יאָ, אַ הויזן־שניידער איז ער געווען . . .

אז די קאָמיטע פון דער לאַכמאַניקער סאָסייטי האָט דאָס דערזען, איז איר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. עס האָט זיך אויפגעהויבן א ויצעקו, זיי האָבן געפאָדערט צוריק דאָס געלט, דעם פּופּציקער, אז נישט וועלן זיי אים ארייננזעצן אין חד־גדיא. עס האָט זיי אָבער קנאַפּ געהאָלפן. דער חזן־הויזן־שניידער — האָט גאָר געהאַט א טענה, אז מען זאָל אים צוצאָלן זיין פּופּציקער, אנישט וועלן זיי טייער באַצאָלן. ער האָט א שריפטלעכן אָפּמאַך...

האָבן די חברה פון דער לאַכמאַניקער סאָסייטי זיך אַרומגעזען, אַז זיי זיינען מיאוס אַריינגעפאַלן. האָט דער טשערמאַן אַרויסגענומען אַ פּופּציקער און דערלאַנגט דעם הויזן־שניידער, דעם חזן־קאַנדידאַט, און אים געבעטן, אַז ער זאָל זיי אַרויסלאָזן פון געשעפט. האָט דער פּיפּיקער יונגערמאַן, דער הויזן־שניידער דערקלערט, אַז אָן „גודוויל“ וועט ער דאָס נישט טאָן. דער טשערמאַן האָט געמוזט דערלייגן נאָך אַ פינף און צוואַנציקער, אַז ער זאָל פון אים פּטור ווערן . . .

נאָכדעם האָט דער הויזן־שניידער געעצהט דעם טשערמאַן, אַז ער זאָל איבערבעטן די חזנים, וואָס ער האָט געהאַט אויף פּראָבע און זיי גוט באַצאָלן, אפשר וועלן זיי דאַווענען. אָבער די חזנים האָבן געלאַכט איז די פּויסטן, געהאַט הנאה פון זייער שפּיצל און די לאַכמאַניקער סאָסייטי איז נעבעך געבליבן אָן אַ חזן אויף די ימים נוראים . . .

נישט אַלעמאָל זיינען חזנים נאַראָנים . . .

פרייל‏עכע לוויות...

האָט אַן אלטער אפריקאַנער ייד אַמאָל, ביי אַ געלעגנהייט, מיר געזאָגט, פאַרוואָס ער גייט נישט דאָ צו קיין לוויות, פאַרוואָס ער האַלט נישט פון זיי... ער האַלט נישט פון זיי, האָט ער אונטערשטרייכט, ווייל ער האַלט נישט פון פאַרוויילונגען . . .

— פון ווען אָן, — האָב איך יענעם ייד געפרעגט, — זיינען לוויות פאַרוויילונגען? און ביי זיך האָב איך געטראַכט: — אוודאי נישט ביים קלאָרן זינען און פאַרשטאַנד — אָט דער ייד.

אָבער ניין! דער ייד איז אַ גאַנץ קלאָרער, אַ גאַנץ פאַרשטאַנדיקער און איז ביים פולן געדאַנק, מיט אַלע חושים.

נאָר צו קיין לוויות גייט ער דאָך נישט!

און אַז אַ ייד האָט זיך אַזוי פאַרעקשנט, מוז דאָך עפּעס זיין!

און דער ייד האָט מיר טאַקע, מיט טרערן אין די אויגן, אויפגעקלערט:

— איך האָב געזען לוויות גענוג אין מיין לעבן, לוויות אין דער פרעמד, אין דער גרויסער וועלט און אין דער אַלטער היים. גענוג לוויות שוין געזען! און אַלעמאָל האָבן לוויות אויף מיר אָנגעוואָרפן אימה, פחד, שרעק, טרויער און געמאַכט אויף מיר אַן אומהיימלעכן איינדרוק!

דאָ אָבער ביי אונדז, אין מדינת אפריקע, קוקן אַנדערש אויס די לוויות. לוויות ווערן דאָ געפייערט, במקום געטרויערט. זיי רופן נישט אַרויס יענע אומעטיקייט, יענע שרעק, אימה און טרויער, וואָס לוויות דאַרפן אַרויס־רופן.

ביי אונדז פאַרוואַנדלען זיך לוויות אין שטילע פאַראַדעלעך, אין קליינע, אַזוי צו זאָגן, פאַרוויילונגען; מען קומט זיך צוזאַמען אויסגעפּוצטע אויפן בית־עולם, מיט שיינע גאַרניטורן, מיט שיינע שיך און זאָקן, מיט רעגן־מאַנטלען, מיט שירעמס פאַר רעגן און זון. מע פאָרט צו אין די שיינע לוקסוס־אויטאָמאָבילן, מען איז פאַרפּוצט פון די פיס ביזן קאָפּ, טאַקע ביזן קאָפּ! . . . אָפט איז דאָך צו מערקן, אַז דער ראש, דער קאָפּ איז אַ נאַקעטער... ביי

מענער קאָן מען זען ווי די אפריקאנער זון שפיגלט זיך אינעם שיין פון זייערע ברילאנטירטע האָר, — ביים שיינעם מין, ביי די פרויען, שימערירן קעגן דער זון זייערע פריזורן מיט די צירונגען און ברילאנטן, וואָס זיי האָבן אויף זיך באהאנגען, פונקט ווי עס שטעלן מיט זיך פאָר די שוי־פענסטער פון יובעלירן . . .

עס קוקט אויס, אז די מענטשן זיינען דאָ אויפן בית־עולם געקומען פאראדירן, ווייזן זייער עשירות — און דער ענין לוויה, איז גאָר א טפל. און דער בר־מינן — אן איבעריקער . . .

אָפט איז צוזען אויף לוויות מענער אין אויסגעלייגטע אָפענע העמדער מיט העלע הויזן, מיט גראָבע סיגארן אָדער סיגארעטן, פארשטעקט אין די מיילער. אפשר איז דאָס א סגולה אויף צו פארשטעלן זייערע שמייכלען... ווידער איז צו זען פרויען מיט העל געבלימטע קליידער, מיט טיפע דעקאלטן. די שטימונג ארום איז נישט קיין פארזאָרגטע. עס מאכט נישט דעם איינ־דרוק, אז א לוויה קומט דאָ פאָר. עס מאכט מער דעם איינדרוק פון א פיקניק . . . שוין איינמאָל א פיקניק, אז אָפגעהיט זאָלן מיר ווערן פון אזעלכע פיקניקעס! . . .

עס איז אָפט צו טרעפן אויף לוויות, ווי גרופקעלעך מענער אָדער פרויען שטייען באַזונדער און ריידן, שמועסן לייכטע זאכן, לייכט ווי די פעדערס, וואָס פאלן אָבער שווער אויף די דערשלאָגענע און אומגליקלעכע אין טרויער. אנדערע שמייכלען, אָדער לאכן אין דער שטיל. איניקע ריידן וועגן ביזנעס, וועגן פלעצער און הייזער, וועגן „שערס" און האָלידייס . . .

און אז אַנדערע צווינגען שוין אַרויף אויף זיך א ביסל ערנסטקייט, אַ ביסל אומעטיקן אויסזען כדי צו געפינען סימפאטיע ביי דער אומגליקלעכער פאראבלטער משפחה, וואָס שטייען און קלאָגן אויף זייער אומגליק, קאָן מען אָבער דאָס לייכט זען, אז דאָס איז אַן אָנשטעל; א געמאכטער טרויער, פארמאסקירטער פנים, ארטיסטישע האלטונג—און נישט מער ! . . .

און ווען מע פירט דורך די קבורה, כאפן מענער שלעפן פון זייערע קעשענעס טאַשן־טיכלעך, נאָז־טיכלעך אויף צו פארדעקן זייערע גאלע קעפּ, און דער בייזער ווינט, אויפן עולם־האמת, איז אָן רחמנות און רייסט זיי אָפט ארונטער... ביי אזא צושטאנד לויפט מען אָפט נאָך די נאָז־טיכלעך און מען לאָזט דעם בר־מינן, נעבעך, אויף הפקר. ווען דער בר־מינן זאָל נישט זיין טויט און האָבן כוח צו לויפן, וואָלט ער מוחל געווען דעם צוגע־טיילטן כבוד און וואָלט אַנטלאָפן, אַנטלאָפן, ווו דער שווארצער פעפער וואקסט . . .

נאָר אזוי ווי דער בר־מינן איז מאַכטלאָז, האָט קיין ווערט, קיין קראפט און קיין כוח נישט, נעמט מען דערפאר ווייניק אין אכט אלע מנהגים

און טרויער־טראַדיציעס וואָס א טויטער פארדינט ביים אָפּגעבן אים דעם לעצטן כבוד. מען האָט אים אפנים טאקע אין דער ערד פארפאקט לעולם ועד . . .

— אָט דערפאר גיי איך נישט צו קיין לוויות, — האָט דער ייד פאר־ענדיקט זיין שמועס, — כ'האַלט נישט פון קיין פארוויילונגען, אויב איר וועט מיך פארשטיין, וועט איר צוגעבן, אז איך בין גערעכט, און אז אירווילט קאָנט איר עס אפילו באשרייבן אין די בלעטער, זאָלן יידן דערפון וויסן !

צי דער ייד איז אינגאנצן גערעכט, ווייס איך נישט, אָבער אינגאַנצן אומגערעכט, איז ער אויך נישט.

צוויי חברים

איך האב אַמאָל געהאַט צוויי חברים, צוויי גוטע ברידער מיינע, נאָר זיי זיינען געווען קאָנטראַסטן, מיט צוויי באַזונדערע כאַראַקטערן, באַזונ־דערע וועלטן. עס איז געווען אַן אונטערשייד פון איינעם צום צווייטן, ווי פון הימל צו ערד, פון טאָג און נאַכט. זיי זיינען ביידע געווען אַנדערע, געהאַט ספּעציפישע צוגאַנגען און מיינונגען וועגן דער וועלט און מענטשן — און דאָך זיינען זיי ביידע געווען מיינע ליבסטע חברים און פריינד.

מיין ערשטער חבר האָט זיך גערופן בערל. איז געווען אַ פּשוטער און ערלעכער יונג. ער האָט נישט געקאָנט זאָגן קיין ליגן, נישט געקאָנט פאַרליידן קיין עוולות. ער האָט געליבט דיווירקלעכקייט מיטן נאַקעטן אמת — און צוליבן אמת און ערלעכקייט, צוליב זיין פּשוטקייט און אויפריכטיקייט, האָט ער אַ סך געליטן און געשוויגן . . .

איך האָב ליב געהאַט מיין חבר, אָבער די וועלט מיט די מענטשן האָבן אים געהאַסט און פיינד געהאַט, פיינד געהאַט אים ביזן ביין, נאָר דערפאַר, ווייל ער איז געווען ערלעך און אויפריכטיק.

אַז מיין חבר בערל איז אַריינגעקומען אין אַ הויז, האָט ער אָן צערעמאָניעס, מיט פּראָסטער און איינפאַכער פּשוטקייט, געזאָגט וואָס ער האָט געזען, וואָס ער האָט געפילט, ווי דער אמת איז געווען. געזאָגט אָן סודות, אָן באַהעלטעניש, נישט איבערגעטריבן, געזאָגט דעם נאַקעטן אמת — און דאָס האָט אים באַגראָבן. ער האָט זיך דעריבער געשאַפן אַ וועלט מיט שונאים.

אַז מען האָט אים געפרעגט אַמאָל מבינות, צי דאָס מעבל אָדער מלבוש איז שיין, און אַז מיין חבר האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין באַגייס־טערונג, און האָט קאַלט געענטפערט:

— ס׳איז אַ מלבוש, ווי אַלע מלבושים, ס׳איז אַ שטיק מעבל, ווי אַלע מעבל!

אָט צוליב דעם ענטפער האָט זיך שוין מיין חבר איינגעהאַנדלט שונאים, און יענע מענטשן האָבן אים שוין אויסגעמידן.

איינמאָל האָט בערלס א פריינד אים פאַרגעשטעלט א מיידל און זי געלויבט אין טאָג אריין מיט איר שיינקייט, אז זי איז א קראַסאוויצע, אַ בילד־שיינע, אין אויסגעטאַקטע ליאַלקע און געוואָלט הערן בערלס מיינונג. האָט בערל אנגעמערקט — אַז ווען דאס מיידל זאל זיין מיט א פוס אַ־ער צוויי העכער, ווי זי איז, און האָבן א ביסל א קירצערע נאָז, וואָלט זי טאַקע געווען גאר א שיינקייט!

פאר אָט דער קליינער באמערקונג האָט יענער בערלען אויסגעקלאַפּט צוויי באַקציינער און אים געמאַכט א בלויע אויג...

איינמאָל איז בערל געקומען צו א געבורט־טאָג פון זיין לאנדסמאנס טאָכטער. עס זיינען געווען פארבעטן לאנדסלייט און באַקענטע. מען האָט געטרונקען און צוגעביסן, און געזאָגט גוטע שבחים דער בעל־שמחה׳טע, ווינטשנדיק איר לאַנגע גוטע יאָרן. אָבער ווען מיין חבר האָט אָנגע־מערקט, אז די דאָזיקע פייערונג הינקט א קאַפּעטשקע אונטער, אז מען האָט געמאכט א טעות אין חשבון, אז די בעל שמחה׳טע איז מיט דריי יאָר עלטער, האָט מען אים שיעור נישט געוואָלט דערפאר פארשטיינען און מיין חבר בערל האָט זיך פון דאָס ניי איינגעקויפט א כאַפּטע שונאים . . .

א מאמע האָט אמאָל געלויבט פאר מיין חבר איר איין און איינציק 9 יאָריק מיידעלע, אז זי איז אזוינס וואָס די וועלט האָט עס נישט: איר זינגען, איר טאנצן, איר שפּילן, איר מאָלן, איר לערנען זיך, עס איז גאָר נישטאָ קיין גלייכן צו איר. און אז מיין חבר בערל האָט דער גליקלעכער מאַמען אָנגעמערקט, אז זי טרייבט א קאַפּעטשקע איבער, עס איז נאָך נישט אזוי, ווי זי זאָגט, האָט אים יענע, די גליקלעכע מאמע, אזוי צעדראַפּעט דאָס פּנים, אז צוויי וואָכן האָט בערל זיך נישט געקאָנט ווייזן אין גאס . . .

עס האָט א לאנדסמאן געקויפט א בריליאַנטענעם רינג פאר זיין ווייב און צווישן לאנדסלייט דאָס געוויזן און זיך באַרימט, אז דער רינג איז אַ יקר־המציאות און דער בריליאנט איז א זעלטנהייט, וואָס מען זעט גאר־נישט. ער האָט פאר אים באצאָלט, מיט א טובה, פינף טויזנט פונט. און, אז אלע האָבן צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און בלויז מיין חבר האָט געהאַט מוט צו זאָגן, אז דער רינג האָט מער נישט די ווערט ווי איין טויזנטער, האָט אים יענער דערפאר שטארק באליידיקט און געוואָרפן א בענקל אין קאָפּ אריין.

ווען איינער האָט זיך אמאָל באַרימט, אז אים קאָסט אָפּ צדקה מער ווי אן אנדערנס פארמעגן, און אז מיין חבר בערל האָט יענעם אָנגעמערקט, אז ער האָט זיך אמאָל אָפּגעזאָגט צו צוטראָגן צו דער און דער אינסטיטוציע אַ קליינע באַשטייערונג, האָט אים יענער דערפאר שיעור נישט געוואָלט טויטן . . .

עס האָט אמאָל א לאנדסמאנס א פרוי זיך בארימט, אז איר מאַן איז דער געטרייסטער מאַן, און ער וועט פאר איר לויפן אין פייער און וואסער, און א פרעמדע פרוי, מעג זי זיין די שענסטע, עקלט אים. ער איז נישט קיין מאַן, נאָר א דימענט, א בריליאנט. און אז מיין חבר בערל האָט איר, בלויז געפרעגט, צי זי איז זיכער אין דעם, איז פאר אָט דער קליינער פשוטער פראגע האָט אים יענע מיאוס באלײדיקט און אים אָנגעשפּיגן א פולן פנים...

אָט אַזוי האָט מיין ערלעכער און אופריכטיקער חבר בערל זיך איינ־געשאפט אַ וועלט מיט שונאים פאר גאָרנישט, פאר זיין ערלעכקייט און אופריכטיקייט, פאר זאָגן דעם אמת.

דערפאר אבער, מיין צווייטער חבר שמערל, איז געווען א יונג—אַ כוואַט. אים איז געווען וואויל ווי די וועלט. אלע האָבן אים ליב געהאַט, אלע האָבן אים געשעצט. יעדער האָט אים באַגעגנט מיט א שמייכל. די וועלט מיט די מענטשן האָבן אלעמאָל צו אים געלאכט און געווען צופרידן פון אים.

ער, שמערל, האָט געוווּסט ווי זיך איינצוקויפן ליבע און פריינדשאפט ביי מענטשן. ער האָט געהאַט שכל. אים איז געווען וואויל ווי די וועלט. ער האָט געוווּסט ווי צו האנדלען מיט מענטשן, ווי זיי צו לעקן און שמעקן, ווי זיי צו גלעטן און חנפענען. זיינען דעריבער זיינע פריינד געוואַקסן מער און מער, ווי שוואמען נאָך א רעגן. עס איז אים געווען מקנא צו זיין.

אז מען האָט אים, שמערלען, געוויזן א מלבוש, מעבל אָדער צירונג, האָט ער עס געלויבט און געהויבן ביזן זיבעטן הימל, אז יענער האָט געשמאַק, ווייסט וואָס צו קויפן, איז א מבין, א זשעני אין אויסקלייבן זאכן. מענטשן האָבן אים דערפאר פארגעטערט. מען האָט אים געוווּנטשן דאָס אייביקע לעבן . . .

— ווי געפעלט איך, שמערל, מיין נייער אנצוג? — האָט אים אמאָל איינער געפרעגט.

— וואָס הייסט, ווי ער געפעלט מיר? — האָט זיך שמערל אָפּגערופן. דער אנצוג איז דאָך אויף איך, ווי אויסגעגאָסן, אָפּגעטאָקט, און די שטאָף, וווּ זעט מען אַזאַ שטאָף? אזא ארטיקל? עס איז דאָך אויף אַן אויסשטעלונג אַרויסצושטעלן! — און ביי זיך האָט שמערל געטראכט: א מלבוש איז דאָס? א זאק איז עס, א שמאַטע!

אָבער מענטשן האָבן געקוואָלן פון אים און אים ליב געהאַט אָן א גרענעץ.

איינמאָל האָט א לאנדסמאַן פאר מיין חבר שמערלען פארגעשטעלט א מיידל, וואָס ער קלייבט זיך מיט איר חתונה האָבן. א געלע מויד איז

עס געווען מיט א ברייטן פולן פנים, מיט זומער-שפרענקלעך צעגאסן, מיט פעטע ליפן, קורצע פיס ווי קלעצער, און א שטימע האָט זי געהאט א הייזע-ריקע וואָס האָט זיך זאַאיקעט. שמערל האָט די מויד געלויבט אין א טאָג אריין און זיך צום לאַנדסמאַן אָפּגערופן:

— האָסט געשמאַק, האָסט געמאַכט א גוטן אויסקלייב, ביסט א מבין, ווייל נישט אַלע טאָג קריגט מען אַזעלכע מיידלעך. זי איז א באַשיידענע שיינקייט, מאַכט א גוטן איינדרוק ביים ערשטן אויגנבליק, ביים ערשטן וואָרט. זי איז א געשמאַקע מיידל, זאָלסט זיך מיט איר עלטערן ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר!

דער לאַנדסמאַן האָט שמערלען דערפאַר אויסגעקושט יעדן אבר . . .

עס האָט א מאַמע פאַר שמערלען געלויבט איר זונדל, אַז ער אַז א פעיקער אין שול. ער לערנט זיך גוט, און גייט אין טאַטענס דרכים. די מאַמע האָט איר זונדל געלויבט און פון אים געקוואַלן. מיין חבר האָט איבערגעשטיגן מיטן לויבן איר זונדל, געמאַכט פון אים א גאַנצן צימעס, אַז ער וועט אויסוואַקסן, וועט די וועלט מיט אים קלינגען—און ביי זיך האָט ער געטראַכט: ער האָט דאָך אַזאַ פאַרשטאַפּטן קאָפּ ווי דער טאַטע זיינער... רופט זיך בערל אָפּ צו דער מאַמען:

— איר דאַרפט זיך שעצן גליקלעך צו זיין די מאַמע פון אַזא געראָטן קינד. ער וועט אויסוואַקסן א גרויסער מענטש!

די מאַמע איז שיעור נישט צעשמאָלצן געוואָרן פון תענוג און גליק, און געפילט אין מיין חבר דעם בעסטן פריינד...

עס האָט אַמאָל איינער געקויפט פאַר זיין ווייב א בריליאַנטענעם רינג, האָט ער עס געוויזן מיין חבר שמערלען. שמערל האָט דעם רינג באַטראַכט און אים געלויבט. ער האָט אָפּגעשאַצט זייער הויך און ביי זיך געטראַכט: אויך מיר א רינג, א שטיקל בלעך מיט א פּראָסטן גלעזל, וואָס כ'וואָלט אין האַנט נישט גענומען.

אָבער צו יענעם האָט ער געזאָגט:

— א פיינער רינג, קאָסט אוודאי שיינע פּאָר טויזענטער? נאָר אין א מוזעיום אריינצוגעבן!

יענער איז פון דעם געווען גליקלעך צו הערן און געכאַפּט שמערלען צו קושן . . .

אַט אַזוי האָט מיין צווייטער חבר שמערל געהאַט שכל, געוווסט ווי אָנצוגיין מיט דער וועלט. געוווסט, אַז מענטשן ווינטשן נישט צו הערן דעם אמת. מען דאַרף זיי חנפ'ענען, בלאָפן, לויבן, נישט זאָגן דעם אמת. מענטשן האָבן פיינד צו הערן דעם אמת. איז טאַקע מיין חבר שמערל

געוועז קלוג, געהאט שכל און עס איז אים געווען גוט און ווײל, געהאט אפשר א מיליאָן פריינד . . .

צוויי חברים האָב איך געהאט: בערל און שמערל האָבן זיי געהייסן. צוויי באַזונדערע וועלטן. איינער איז געווען אויפריכטיק, ערלעך, פשוט און געלעבט מיטן אמת, אָבער געווען פאַרהאַסט ביי אַלעמען און געליטן. דער צווייטער חבר מיינער, דער היפוך צום ערשטן, אים איז געווען גוט און ווײל. ער האָט נישט געהאַלטן פון אמת, ער האָט געבלאָפט, גע׳חנפעט אַלעמען און געהאט א וועלט מיט פריינד. עס איז אים דעריבער געווען גוט אויף דער וועלט . . .

אַן אַלטער בחור

איך האָב זיך מיט אים—דעם העלד פון מיין הומאָרעסקע,—באַקענט ערגעץ אין אַ געזעלשאַפט. אַן אַלט אַפריקאַנער ייד, שוין קרוב צו די זיבעציקער — אַ בחור איז ער געווען. אַזעלכע בחורים זיינען גאָרנישט קיין יקר־המציאות אין דער גאָלדענער אַפריקע.

איך האָב מיט אַט דעם באַיאָרנטן אַלטן בחור געשמועסט. ריכטי־קער איז, אַז ער האָט מיט מיר געשמועסט, און נישט איך מיט אים, ווייל יענער האָט פשוט מיך נישט געלאָזט קומען צום וואָרט . . . ווי איך האָב געוואָלט נאָר עפּעס אַרויסריידן, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אַז דאָס, וואָס איך וויל זאָגן, ווייסט ער שוין פון לאַנג . . .

וואָס איך האָב דעם העלד מיינעם, דעם אַלטן בחור געזאָגט, אָדער געפרעגט, האָט ער באַלד אָפּגעהאַקט און קורץ מיר געענטפערט:

— איך ווייס עס! כ׳ווייס אַלץ וואָס איר וועט מיר זאָגן אָדער פרעגן!

פרעג איך יענעם:

— האָט איר געליינט די היינטיקע צייטונג, וואָס זאָגט איר צו די נייעס?

ענטפערט ער מיר קאַלט אָפּ:

— איך לייען נישט קיין צייטונגען, וואָס קאָנען מיר די צייטונגען דערציילן? כ׳ווייס מער פון די צייטונגען מיט אייערע שרייבערס! נאַיווע מענטשן לייענען און גלייבן צייטונגען, נישט איך! כ׳ווייס אַלץ אָן די צייטונגען און אָן אייערע שרייבער!

— און ביכער לייענט איר? — פרעג איך יענעם.

— ביכער, כאַ, כאַ, כאַ! וואָס זיינען ביכער? ביכער זיינען גוט פאַר קליינע קינדער, פאַר יונגע פאַרליבטע מענטשן, פאַר מענטשן וואָס פעלט זיי אַ קלעפּקע אין קעפּל, אָבער נישט פאַר מיר. כ׳ווייס אַלץ, וואָס אין די ביכער איז באַשריבן, און וואָס מען וועט אין זיי באַשרייבן. אַלע מעשיות וואָס מען שרייבט אין די ביכער, זיינען פאַר מיר נישט ווערט קיין שמעק טאַבאַק. כ׳קאָן אָנשרייבן שענערע מעשיות... ווען כ׳זאָל זיך נישט פוילן, קאָן איך אָנשרייבן מער ביכער און שענערע, ווי אייערע שרייבערס! . . .

— קאָנט איר דאָך זיין א שרייבער! — זאָג איך.

— צו וואָס דארף איך זיין א שרייבער, שרייבעריי איז אַן ארבעט פאר לײדיקגייער, פאר מענטשן מיט גרינגע קעפּ, פאר פּוסט און פּאסטניקעס, פאר שארלאטאנעס און נישט פאר מיר. כ'האָב וויכטיקערע ארבעט צו טאָן ווי שרייבן!

— וואָס איז אייער ארבעט? וואָס טוט איר? וואָס איז אייער באַרוף?

— ארבעט? — שרייט יענער אויס פאר'חידושט, — צו וואָס זאָל איך ארבעטן? כ'ווייס גאַנץ גוט דעם סוף פון אַרבעטן. אַרבעטן איז נישט קיין תכלית פאר א באוווסטזיניקן מענטשן! כ'ארבעט נישט און האָב נישט קיין פּראָפעסיע, און אז איך וויל, ווייס איך מער פון אלע אַרבעטער מיט זייערע באַרופן!

— וואָס זשע טוט איר פאַרט?

— וואָס ווילט איר זאָל איך טאָן? וואָס איר אלע טוט, האָב איך שוין לאַנג געטאָן, און כ'ווייס וואָס איר האָט בדעה צו טאָן און וואָס עס וועט זיך אויסלאָזן מיט אלע אייערע ארבעטן! . . .

— ארבעטן, ארבעט איר נישט. קיין ביכער לייענט איר נישט. קיין צייטונגען אויך נישט. ריידן לאָזט איר נישט יענעם, ווייל איר זאָגט, אז אַלץ ווייסט איר, וואָס זשע טוט איר פאַרט, גייט איר אין א קינאָ, אין טעאטער? — פרעג איך שוין אביסל אויפגערעגט.

— איר רעדט דאָך טאקע ווי א יאַלד! איר ווילט, אז איך זאָל גיין אין קינאָ, אין טעאטער. ווי נאַיוו איר זיינט עס. דאס וואס מען וויזט דארט אין די קינאָס און אין די טעאטערס, ווייס איך דאָס פון לאַנג. כ'ווייס עס אַלץ, און טשעפּעט זיך אָפּ!

— און אויף פארלעזונגען, רעפעראטן גייט איר?

— אויך אויף פאַרלעזונגען און רעפעראטן גיי איך נישט! איך ווייס פריער אלץ וואָס די רעדנער וועלן זאָגן. וואָס מ'שטיינס געזאָגט קאָנען זיי מיר שוין זאָגן, אז איך ווייס אלץ!

— איר גייט, מן־הסתם, אין שול אריין. איר זיינט אוודאי א רעלי־גיעזער ייד?! — וויל איך טרעפן.

— אויך אין שול גיי איך נישט. וואָס האָב איך צו לערנען אין שול? וואָס מען וועט מיר זאָגן און לערנען, ווייס איך שוין לאַנג! . . .

— וואָס זשע טוט איר פאַרט? א מאָדנער ייד איר זיינט!

— איך בין נישט קיין מאָדנער ייד, כ'בין א ייד, ווי אלע יידן, און

רעדט מיך נישט איין, אז איך בין א מאָדנער, איר וועט עס מיך נישט איינריידן! . . .

* * *

איך האָב געשמועסט מיטן העלד פון מיין הומאָרעסקע, מיטן אלטן אפריקאנער בחור, אָבער צו קיין זאך זיך נישט דערשמועסט. אויף אַלץ האָט מיר יענער כסדר געענטפערט מיט זיין משונה׳דיקן ענטפער — אז אַלץ ווייסט ער.

ווען איך האָב אים געפרעגט צי האָט ער חתונה געהאט, האָט ער מיר געענטפערט, אז נישט. ער ווייסט וואָס חתונה האָבן באדייט — און א לעבן מאכט ער טאקע דערפון, וואָס אנדערע האָבן חתונה . . . ער איז א שדכן פאר די לעצטע 35 יאר. דאס איינציקע וואס ער ווייסט ניט, איז דעם טעם פון זיין פארהייראַט . . . ווייטער ווייסט ער אַלץ . . .

דער קרעמער ציפּקלאַפּ

איך האָב זיך אַמאָל אַריינגעצויגן אין אַ נייער געגנט, וואָס איז געווען באַוווינט פון יידן און קריסטן—מיט יידישע און קריסטלעכע קראָמען. אַלץ וואָס כ׳האָב באַדאַרפט פאַר זיך אָדער פאַרן הויז, האָב איך גענומען קויפן ביים יידישן קרעמער. ער איז געווען אַ פריינדלעכער מענטש, געטראָגט אַנטקעגן אַ ברייטן גוט מאָרגן, קיינמאָל נישט פאַרגעסן צו פרעגן, אַפּילו אין דער גרעסטער „ביזי״-צייט, וואָס ווייב און קינדער מאַכן. קורץ — אַ סימפּאַטיש מענטשל.

די ערשטע פאָר וואָכן האָב איך נישט געוווּסט דעם נאָמען פון מיין קרעמער. כ׳האָב אַגב קיינמאָל וועגן דעם זיך נישט געפרעגט, און עס האָט מיך ווייניק אימפּאָנירט צו וויסן זיין נאָמען. צופעליק האָב איך זיך דערוווּסט דעם קרעמערס נאָמען. — ציפּקלאַפּ האָט ער זיך גערופן. אַ גאַנץ אָריגינעלער נאָמען.

ציפּקלאַפּ דער קרעמער האָט אָבער געהאַט אַ מיאוסע טבע, וואָס כ׳האָב נישט געקאָנט פאַרטראָגן. ער האָט געהאַט אַ טבע צו שווערן זיך. ביי יעדער קלייניקייט, ביי יעדער געלעגנהייט, אויף טריט און שריט פלעגט ער זיך האַלטן אין איין שווערן—אויף רעכטס און לינקס, זיך געשוואָרן מיט ווייב און קינדער און מיט זיין הייסגעליבטער מוטער . . .

אַז אַ קונה האָט געפּרוּווט אַמאָל אַרונטערדינגען פונעם פּרייז, פון אַן אַרטיקל, וואָס דער פּרייז איז געווען אַביסל איבערגעזאַלצן, פלעגט מיסטער ציפּקלאַפּ גלייך אַרויס מיט לשון:

— כ׳קאָן נישט ביליקער, אסור אויב עמעצער וועט איך רעכענען ווייניקער ווי איך. עס קאָסט מיר אַליין טייערער, זאָל מיר אַזוי מיין טייערע מאַמע געזונט זיין!

פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב שוין נישט געהאַט קיין מוט צו דינגען זיך.

איינמאָל בין איך אַריינגעקומען צו ציפּקלאַפּן אין קראָם קויפן אַ פּאָר ספּינקעס, אַ פּאָר איינפאַכע ספּינקעס. האָט ער מיר אויפגעזוונגען אַ פּרייז אפשר פינף מאָל טייערער, ווי דאָס דאַרף קאָסטן. האָב איך אים דאָס גלייך געזאָגט און געמאַכט אַ שטיקל פאַרוואורף, אַז עס איז נישט שיין און נישט ריכטיק צו באַרייסן אַ שטענדיקן קונה.

האָט ציפּקלאַפּ מיר דערקלערט, אַז זיין סחורה איז אַ בעסערע און עס איז נישט קיין ביליקע קוואַליטעט. — ס׳פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט דערביי נישט געקאַרגט קיין שבועות מיט ווייב און קינדער און מיט זיין הייסגעליבטער מוטער.

האָב איך שוין קיין צווייט וואָרט נישט אויסגערעדט און באַצאָלט דעם פּרייז.

איינמאָל האָב איך געקויפט ביי ציפּקלאַפּן אַ קראַוואַט, אַ געוויינטלעכן שניפּס און באַצאָלט 12 שילינג. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער באַגעגן איך מיינעם אַ פריינד, וואָס האָט געטראָגן פּונקט דעם זעלבן קראַוואַט ווי מיינער: די זעלבע קוואַליטעט, די זעלבע פאַרב, די זעלבע שטרייפן, פּונקט ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט. ווערט מיר שוין אינטערעסאַנט צו פרעגן מיין פריינד, וויפיל ער האָט באַצאָלט פאַר זיין שניפּס. ענטפערט ער מיר, אַז זיין קראַוואַט האָט אים געקאָסט בלויז 5 שילינג. האָט מיך שוין דאָס פאַרדראָסן צו שטאַרק, און כ׳בין אַוועק פרעגן מיין קרעמער, פאַרוואָס באַהאַנדלט ער מיך אַזוי ניט אָרנטלעך.

האָט מיסטער ציפּקלאַפּ גענומען זיך שווערן מיט די שרעקלעכסטע שבועות — מיט ווייב און קינדער און מיט זיין הייסגעליבטער מוטער, אַז ער האָט מיך חלילה נישט באַריסן. ער האָט גענומען דעם ריכטיקן פּרייז. ער איז נישט, חלילה, קיין באַרייסער, דאָס איז נישט זיין טבע. ער טוט דאָס נישט. זיין ווייב און קינדער, מיט זיין מוטער, זיינען ביי אים טייערער, ווי זיינע ביזנעס און געלט. האָב איך טאַקע ציפּקלאַפּן מוחל געווען און אים איבערגעבעטן. אויפגעהערט טראַכטן, אַז ער באַרייסט מיך און אויפגעגעבן מיין גאַנצן חשד.

עטלעכע חדשים בין איך געקומען יעדן טאָג צו ציפּקלאַפּן אין קראָם און געקויפט אַלץ. נישט געלאָזט אים מער זיך שווערן און געצאָלט וויפיל ער האָט פאַרלאַנגט און וויפיל זיין כשר האַרץ האָט געגלוסט.

אַ שווער שטיקל ברויט האָט ער, נעבעך, געהאַט. כ׳האָב אים שטאַרק מיטגעפילט. חדשים לאַנג האָב איך אַלץ געקויפט אין זיין קראָם, געצאָלט וויפיל נאָר ער האָט פאַרלאַנגט, אַבי ער זאָל נישט שווערן מיט ווייב און קינדער און מיט זיין הייסגעליבטער מוטער.

מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער קרעמער ציפּקלאַפּ האָט נישט קיין ווייב און נישט קיין קינדער. ער איז נאָך געווען אַ בחור, ווי אַנדערע אַלטע אַפריקאַנער בחורים, און זיין הייס־געליבטע מוטער איז שוין טויט העכער 12 יאָר.

פון דעמאָלט אָן האָב איך מער נישט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון מיסטער ציפּקלאַפּס קראָם . . .

דער בעל־רחמנות...

זלמן אפסאַץ איז פון דער מלחמה געוואָרן א גביר. אַמאָל האָט ער זיך געמאַטערט אויף צו מאַכן חיונה. ער איז ארומגעפאָרן גאַנצע טעג מיט א וועגעלע פּרוכטן איבער די גאַסן און געשריען: „פּיטשעס, באַנאַנעס, באַנאַנעס!" די אַפריקאַנער זון האָט גע'שרפעט און זלמן האָט גערופן קונים. נאָך א טאָג ברענען זיך אונטער דער אַפריקאַנער זון און מיט א טרוקענעם האַלדז פון שרייען, פון רופן קונים, איז זלמן אפסאַץ געקו־מען א היים צו זיין ווייב מיט דעם ביסל צעפוילטער סחורה, וואָס ער האָט נישט געקאָנט אַפּליזן און מיט זאָרג, ווו מען נעמט אויף מאָרגן געלט איינצוהאַנדלען אויפן מאַרק אביסל פרישע סחורה. אזוי האָט זיך געפירט זיין לעבן יאָרן לאַנג ביז דער לעצטער מלחמה.

אז עס איז אויסגעבראָכן די לעצטע מלחמה, האָט א לאַנדסמאַן געעצהט זלמנען אוועקצוואַרפן זיין מסחר מיט די פּרוכטן, מיט די שאר־ירקות, ער זאָל אָפּגעבן דאָס וועגעלע מיטן געשפּאַן און זיך נעמען צו מענטשלעכע ביזנעס, צו עפּעס אַנדערש. זלמן האָט טאַקע געפאָלגט זיין לאַנדסמאַן, איינגעאָרדענט א פאַבריק פון קינדערשע קליידער—און עס איז אוועק זייער גוט.

נאָך אַ פּאָר יאָר אַרבעט איז זלמן געוואָרן רייך. ער האָט זיך איינ־געהאַנדלט א שיינע הויז אין א רייכער געגנט, געקויפט זיך א שיינעם אויטאָ—אַ קרייזלער־דע־לאַקס. דאָס ווייב האָט זיך גענומען קליידן אין די שענסטע און בעסטע קליידער, אין די טייערסטע צירונגען און דימאַנטן. אויך די קינדער האָט זלמן גענומען שיקן אין בעסערע שולעס, געזאָרגט פאַר זייער דערציונג, צוגענומען ספּעציעלע לערערס. מיט איין וואָרט: זלמן אַפּסאַץ האָט גענומען פירן א לעבן פון אן אויפגעקומענעם גביר...

נאָר די אַפריקאַנער אויפגעקומענע גבירים האָבן א שוואַכקייט, אַז ווי נאָר זיי ווערן „אַלרייטניקעס", באַקומען זיי גאָר גרויסע תשוקות צו אַלץ — אפילו צו ... פרישע ווייבער. נישט איינמאָל טאַקע טוישן אויס אַזעלכע אויפגעקומענע גבירים זייערע אַלטע יענטעס אויף שיינע יונגע מיידלעך. זלמן אַפּסאַץ איז אָבער אין דעם פּרט געווען א יוצא מן הכלל. ער האָט נישט געקאָנט איינגאַנצן זיך דערלויבן אויף אַזעלכע לוקסוסן. איז ער דעריבער געפאַלן אויף א זייער געניאַלן און קלוגן פּלאַן, אויף אן אָריגי־

נעלעך המצאה: ער האָט זיך ערגעץ באַקענט מיט א שיין יונג מיידל פון א יאָר 18־19 און ער איז געוואָרן אן איבערראַשטער . . . היות דאָס מיידל איז געווען א יתומה, אָן טאַטע־מאַמע, און האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי א ווייטער קרובה, איז זלמנען איינגעפאַלן, אז זי זאָל קומען וווינען צו אים. ער האָט דאָך א גרויסע הויז מיט פיל צימערן, וועט ער מאַכן פאַר איר אן אָרט, או זי וועט שפּילן די ראָל פון א דערציערין פאַר זיינע קינדער.

זלמן האָט דערציילט פאַר זיין ווייב, אז מען איז געקומען פון „סאָסייטי" און אים פאָרגעשלאָגן, אז ער זאָל צונעמען אלס דערציערין פאַר די קינדער א יונגע יתומה, וואָס איז נעבעך עלנט, אָן טאַטע־מאַמע, אין דעם זכות וועט זיי גאָט אָפּצאָלן, אָפּהיטן פון שלעכטס, און זייערע קינדער וועלן נישט וויסן דעם טעם פון צו זיין עלנט . . .

זלמנס ווייב האָט צוגעשטימט. אויך זי האָט אויף דער יתומה רחמנות געקריגן. אויף צומאָרגנס איז געקומען די יונגע יתומה וווינען. מיט א טאָג אָדער צוויי שפּעטער איז שוין זלמן געוואָרן גאָר נאָענט מיט דער יתומה, נישט אויסבאַהאַלטן די נישט גלייכגילטיקייט צו איר. און ווען דאָס ווייב האָט עס באַמערקט, האָט זלמן מיט א נעבעכדיקער שטימע זיך אָפּגערופן:

— טייערע! וואָס רעדסטו, דאַרפסט מיך נישט חושד זיין אין קיין שום בייז! אויב דו באַמערקסט א נאָענטע פריינדשאַפט פון מיר צו דער יונגער יתומה, איז דאָס נאָר צוליב דעם, ווייל כ׳וויס, אז זי איז איינזאַם, א יתומה נעבעך אָן טאַטע־מאַמע, עלנט. כ׳האָב אויף איר אַ גרויס רחמנות. כ׳וויל, אז זי זאָל אזוי נישט פילן איר איינזאַמקייט און איר אומגליק!

איינמאָל איז זלמנס ווייב געקומען אומגעריכט און געטראָפן איר מאַן אינעם צימער פון דער דערציערין. זלמן איז זיך געזעסן געמיטלעך אויף א ווייכן פאָטעל. אויף זיין שויס האָט ער געהאַלטן די יונגע יתומה, איר געהאַלדזט און געקושט. אַז זלמנס ווייב האָט דאָס דערזען, האָט זי געמאַכט שטאַרקע פאָרוואורפן איר מאַן, אָבער זלמן האָט זיך גאָרנישט פאַרלאָרן און זיין ווייב באַרויקט מיט לאַקריץ־זיסע ווערטער:

— טייערע, זיי נישט בייז, רעג זיך נישט אויף, קלער נישט קיין שלעכטס. כ׳טו דאָס נישט פאַר מיין פאַרגעניגן־וועגן, נאָר צוליב איר, דער יתומה נעבעך. זי איז אומגליקלעך און איינזאַם. מיין רחמנות צו איר, איז גרויס, אָן א גרענעץ! . . .

האָט זלמנס ווייב געשוויגן און זיך צוגעקוקט, ווי איר מאַן אַמוזירט זיך מיט דער יונגער יתומה און געהערט ווי איר מאַן זיפצט:

— א רחמנות, א רחמנות, א יונגע יתומה נעבעך!

מעדיצינישע דיאַגנאָזעס

איך בין אַמאָל, נישט פאַר אייך געדאַכט, געוואָרן נישט געזונט, נישט געפילט זיך צום בעסטן. האָב איך באַשלאָסן, אַז כ׳וועל אַריבערגיין צו אַ דאָקטער. בין איך אַוועק צו אַ דאָקטער—אַ פּאַרנעם, גרויס ווי אַן אַטלעט, אויסגעוואַקסן ווי אַ ריז, אַ גיבור וואָס פּאַסט זיך גיכער צו זיין אַ באָקסער, אַ טשעמפּיאָן, ווי אַ דאָקטער. אָבער ער איז געווען אַ דאָקטער. אַזוי האָט בפירוש געזאָגט דאָס שילדל אויף זיין טיר, זיין קאַבינעט מיט די מעדיצינישע מכשירים און מיט דער קראַנקן־שוועסטער, וועלכע האָט דאָרט באַדינט.

דער דאָקטער האָט מיך אונטערגעזוכט און אויסגעקנאָטן יעדן אבר, פּונקט ווי אין דער אַלטער היים פלעגט אַ בעקער אויסקנעטן טייג אויף בולקעס . . . ער האָט מיך געקנאָטן מיט כוח, מיט אַ גבורה, אַז כ׳האָב אונטערגעקרעכצט אָזש פון ווייטאָג. דער דאָקטער האָט מיר פאַרשריבן רפואות און געהייסן קומען צו אים אין אַ פּאָר טעג שפּעטער. ער וועט זען ווי כ׳פיל זיך.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט דער דאָקטער, אויפסניי, מיך באַטראַכט, געטאַפּט מיין דופק, דעם שטערן, דאָס האַרץ—און מיר געזאָגט, אַז כ׳בין נאָך אַלץ שוואַך. מיינע נערוון זיינען שטאַרק צערודערט, צעפלינדערט, ווי נאָך אַ פּאָגראָם . . . ער האָט מיך געעצהט אַריינצוגיין אין אַ סאַנאַטאָריום אויף אַ 4־5 וואָכן אונטער זיין אויפזיכט, אויב איך וויל נישט זיין קיין קרבן פון משוגעת . . .

האָב איך דעם דאָקטער געזאָגט, אַז כ׳וועל זיך מישב זיין און אים מודיע זיין. כ׳וויל זיך דורכריידן מיטן ווייב, מיט די קינדער, איידער כ׳גיי אַוועק אין זיין סאַנאַטאָריום אויף אַ 4־5 וואָכיקע קוראַציע . . .

אַז מיין ווייב און קינדער האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי מיר געוואָלט מאַכן גרינגער מיין געמיט און צונישט געמאַכט דעם דאָקטערס אָנשרעקן מיך. און בכדי צו זיין אינגאַנצן רויק און זיכער, האָבן זיי געעצהט, אַז כ׳זאָל גיין זען אַ צווייטן דאָקטער.

האָב איך נישט לאַנג געטראַכט און אַוועק צו אַ גרויסן נערוון־ספּע־

ציאַליסט, כדי צו וויסן ווי עס זיינען מיינע נערוון, צי בין איך טאַקע אַזוי געפּערלעך, אַז כ'מוז גיין אין אַ סאַנאַטאָריום . . .

האָט דער גרויסער ספּעציאַליסט מיך באַטראַכט און פאַרזיכערט, אַז כ'האָב נישט קיין נערוון, נאָר כ'בין סתם אָפּגעשוואַכט, און כ'זאָל בעסער אויפּפּאַסן מיין הארץ, ווייל עס געפעלט אים נישט, ווי עס קלאַפּט . . .

בין איך אַוועק פונעם נערוון־ספּעציאַליסט מער דענערווירט, ווי כ'בין צו אים געקומען. האָט מיך שטאַרק געקרענקט וואָס דער דאָקטער האָט מיר געגעבן אַ זאָג, אַז כ'האָב נישט קיין נערוון; וואָס הייסט, כ'האָב נישט קיין נערוון? ווו האָב איך זיי אַהינגעטאָן? האָב איך זיי פאַרלאָרן, אָדער האָט עמעצער פון מיר זיי אַוועקגע'גנבעט? — און זיינע רייד, אַז כ'זאָל אויפפּאַסן מיין הארץ, ווייל דאָס הארץ מיינס איז נישט אין אָרדענונג און עס געפעלט אים נישט, ווי עס קלאַפּט—האָבן מיך נאָך מערער דענערווירט.

האָב איך געטראַכט, אַז איך קאָן שוין מיינעביידע דאָקטוירים נישט געטרויען—נישט דעם ערשטן און נישט דעם צווייטן. האָב איך דעריבער באַשלאָסן, אַז כ'מוז גיין זען אַ דריטן דאָקטער און וויסן גענוי ווו בין איך אין דער וועלט . . .

דער דריטער דאָקטער האָט מיך פאַרזיכערט, אַז ער זעט נישט קיין שלעכטס אין מיר, סיידן, דער לעבער. דער לעבער האָט זיך עטוואָס נידעריקער אַראָפּגעלאָזט און באַשווערט מיך מיין אינערלעכע סיסטעם, וואָס שוואַכט מיך אָפּ, אָבער ווייטער איז מיר קיין זאַך נישט. כ'בין אָלרייט . . .

האָט עס מיך שוין פאַרדראָסן אויף דעם דאָקטער און כ'האָב געהאַלטן, אַז ער איז נישט קיין דאָקטער, נאָר אַ ליגנער. ער זאָגט נישט קיין איין וואָרט, וואָס זאָל שטימען מיט די פריערדיקע צוויי דאָקטוירים. אָבער אָנגעשראָקן בין איך געוואָרן פון דעם, וואָס ער האָט מיר געזאָגט, אַז מיין לעבער האָט זיך מיר אַראָפּגעלאָזט נידעריקער. ווער ווייסט, אַמאָל ווייסט ער, אפשר, וואָס ער זאָגט . . .

בין איך אַוועק צו אַ פערטן דאָקטער אויסצוגעפינען מכוח מיין לעבער. האָט מיך דער נייער דאָקטער באַרויקט. ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון מיין לעבער־קראַנקהייט, פעסטגעשטעלט אַז עס הייבט זיך גאָר נישט אָן.—דער לעבער איז אויפן אָרט, אויפן ריכטיקן אָרט, ווו ער דאַרף זיין. נאָר די נירן זענען מיר אָנגעבלאָזן — און כ'מוז זיין גוט פאָרזיכטיק מיט זיי . . .

בין איך געוואָרן אויפגערעגט אויפן דאָקטער, וואָס האָט מיר אויסגעזוכט אַ נייע קרענק—אַז מיינע נירן זיינען אָנגעבלאָזן. כ'ווייס, אַז איך האָב אַ ווייב וואָס איז אָנגעבלאָזן, טעכטער וואָס זיינען אָנגעבלאָזן, פריינד וואָס בלאָזן זיך, אָבער אַז כ'האָב אויך נירן וואָס זיינען אָנגעבלאָזן, האָב

איך גאַרנישט געוווסט. האָב איך באַשלאָסן, אז כ׳מוז אויסגעפינען דעם אמת וועגן דעם.

בין איך אוועק צו א פרישן דאָקטער, א יונג דאָקטערל, וואָס די מאַמעס מילך איז אים נאָך געלעגן אויפן פנימל. האָט אָט דאָס דאָקטערל אַרויסגעוויזן גרויסן אינטערעס, געלאָסן און פּאַרזיכטיק ביי מיר געזוכט און געגנישטערט, ווי ער וואָלט דאָרטן פאַרלאָרן אן אוצר... מיטאַמאָל, האָט ער זיך צו מיר, טריאומפירנדיק, אָפּגערופן, אז כ׳זאָל זיין רויק; עס איז נישט קיין נירן־קראַנקהייט, נישט קיין נערוון, נישט איך האָב א שוואכע הארץ, כ׳בין פולשטענדיק געזונט, געזונט ווי א נוס און שטאַרק ווי א דעמב... נאָר, דאָס איינציקע, וואָס ביי מיר איז נישט אין אָרדענונג, זיינען די גאַל־שטיינער. כ׳האָב גאַל־שטיינער. נישט קיין צו גרויסע, נאָר קליינע, שטיינדלעך ווי ניסלעך, ווי פלוימען. זייער גרויס—נישט קיין גרעסערע פון מאַנדרינקעס! און דאָס דאָקטערל האָט געעצהט צו באַזייטיקן זיי, די אָפּעראַציע איז נישט געפערלעך. געגוג מענטשן גייען דורך די אָפּעראַציע און בלייבן לעבן, זאָל איך דעריבער נישט לאַנג וואַרטן און באַשטעלן א בעט . . .

ב׳האָב פאַרלאָרן דאָס לשון און נישט געוווסט וואָס צו זאָגן. מיט האַרץ־קלאַפּעניש בין איך אַוועק פונעם יונגן דאָקטערל . . . וואָס האָט אַרויסגעוויזן גרויסן אינטערעס צו מיר . . .

כ׳בין אהיים געקומען און דערציילט, וואָס דער דאָקטער האָט מיר געזאָגט, האָט מען זיך אויסגעלאַכט פון מיר, און א לאַנדסמאַן האָט געזאָגט, אז כ׳זאָל גיין זען זיין דאָקטער. א גוטן דאָקטער האָט ער. ער האָט שוין פיל מענטשן אָפּגעראַטעוועט פון טויט . . .

בין איך אַוועק צו מיין לאַנדסמאַנס דאָקטער, וואָס האָט שוין פיל מענטשן אָפּגעראַטעוועט פון טויט און אים דערציילט פון זיך. כ׳האָב אים דערציילט וואָס אלע דאָקטוירים האָבן געזאָגט און וועלכע קרענק זיי האָבן ביי מיר געפונען. האָט ער מיך באַטראַכט און פּאַרזיכערט, אז ס׳איז מיר קיין זאַך נישט. כ׳בין אינגאַנצן געזונט, נאָר כ׳האָב א נערוועישן מאָגן. ער האָט מיר פאַרשריבן א דיעטע . . .

האָב איך אָפּגעהיט די דיעטע פון מיין לאַנדסמאַנס דאָקטער, און זיך געפילט א סך ערגער, ווי פריער. כ׳בין געוואָרן נאָך שוואַכער, כ׳האָב זיך קוים געקאָנט אַרומשלעפּן אויף די פיס. האָט מיר מיין שוואָגער געשיקט צו זיין דאָקטער, ער איז א ספּעציאַליסט צו פיס, און אויך א גוטער דאָקטער.

מיין שוואָגערס דאָקטער האָט מיך באַטראַכט מוטער נאַקעט—דעם קאָפּ געמאָסטן אין דער לענג און אין דער ברייט, פונקט ווי מ׳האָט מיך געמאָסטן

צום פריזיור . . . און זיין דיאגנאָזע איז געווען, אז כ׳מוז האָבן אן אָפּעראַציע אויף ביידע פיס. נישט נאָר איין אָפּעראַציע מוז איך האָבן, נאָר טאַקע גלייך צוויי אָפּעראַציעס. מיינע ביינער אין די פיס געפעלן אים נישט, און איך זאָל נישט וואַרטן לאַנג, א נישט וועט עס זיין צו שפּעט . . .

בין איך געקומען אַ היים פון דעם פיס־ספּעציאַליסט אָן א קאָפּ און אָן פיס . . . כ׳האָב זיך דערפילט אזוי קראַנק און צעבראָכן, אז כ׳האָב גלייך געמוזט גיין אין בעט אריין. בין איך געלעגן א פּאָר טעג און מע האָט צו מיר אַרויסגערופן א נייעם דאָקטער. אז דער נייער דאָקטער איז געקומען און האָט געפרעגט וואָס עס איז מיר, האָב איך, אויפגערעגט, געשריען:

— גייט אוועק, גייט אוועק! עס איז מיר קיין זאַך נישט. איך בין געזונט. עס איז מיר גאָרנישט! איך האָב נאָר שוואַכע נערוון, א שוואַכע האַרץ, אן אראָפּגעלאָזטן לעבער, אָנגעבלאָזענע נירן, א נערוועישן מאָגן, גאַל־שטיי־נער ווי ניסלעך, ווי פלוימען, נישט קיין גרעסערע פון מאַנדרינקעס! כ׳האָב שוואַכע פיס, גייט אַרויס, ארויס פון דאַנעט. איך שפּאַלט אייך דעם קאָפּ, דעם קאָפּ וועל איך אייך צעשפּאַלטן, אויב איר גייט נישט אַרויס! ארויס, אַרויס ! — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס זיינען שוין אוועק איניקע יאָרן זינט אט דער דאָזיקער פּאַסירונג. זינט דעמאָלט האָב איך מער קיין דאָקטוירים פאַר מיינע אויגן נישט אָנגע־קוקט. כ׳האָב זיי געטריבן און אַנטלאָפן פון זיי, ווי פון א פּעסט. איך וויל זיי נישט קאָנען מער, — און זינט דעמאָלט בין איך טאַקע געזונט געוואָרן...

אַ רפואה פאַר מיין שוואָגער . . .

מיין שוואָגער האָט אַמאָל, אינמיטן דער נאַכט, אינמיטן שלאָף, געמאַכט אַ גרויסן געוואַלד און שטאַרק איבערגעשראָקן דאָס גאַנצע הויז־געזינד. מע האָט געמיינט, אַז אַ פייער האָט אויסגעבראָכן, אָדער באַנדיטן האָבן זיך אריינגעבראָכן אין הויז. עס איז אָבער, קיין שרפה נישט געווען און קיין באַנדיטן האָבן זיך אין הויז נישט אריינגעבראָכן. אָבער מיין שוואָגער האָט אַלץ געגוואַלדעוועט, שרעקלעך געשריען און מורא געהאַט זיך אומצו־קוקן. זיין שרייען האָט זיך געשטאַרקט פון מינוט צו מינוט און דער פחד אין אים איז געוואַקסן. עס זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן שכנים אין די „פידזשאַמיס" און געטראָפן מיין שוואָגער אין בעט שרייענדיק. זיינע קולות האָבן געשפּאָלטן די מוחות, ער האָט געשריען און זיך געוואָרפן פון שרעק ווי אין קדחת, אַז עס האָט אויש אַלעמען גענומען קלאַפּן די ציינער פון מויל...

מען האָט געטאָן אַלע סגולות אים איינצושטילן, אים צו באַרויקן. מ'האָט געריבן זיין האַרץ מיט וואַלעריאַן־טראָפּנס, געלייגט אים הייסע קאָמפּרעסן, געלייגט אייז צום קאָפּ, הייסע פלעשער צו די פיס, געגעבן אים טרינקען הייסע וואַסער, זויערע געטראַנק, לעמאָנאַדע, איינגעמאַכטס. אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען און צו ליאַרעמען. ער האָט זיך געוואָרפן אין קאָנווולסיעס, ווי ער וואָלט געהאַט קדחת . . .

מען האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און אָרויסגערופן אַ דאָקטער, יואַס וועט, אפשר, עפּעס העלפן. ווען דער דאָקטער איז געקומען, האָט ער גענומען אַלעמען באַרויקן און געזאָגט, אַז מיין שוואָגער האָט אוודאי געהאַט אַ שלעכטן און בייזן חלום. ער וועט אים באַלד געבן רפואות, וואָס וועלן פון אים די שרעק פאַרטרייבן און זיינע נערוון איינשטילן. אויף מאָרגן וועט ער פאַרגעסן, וואָס מיט אים איז פאַרגעקומען. ער וועט זיין געזונט און זיך מער נישט שרעקן און נישט מאַכן קיין געוואַלדן.

האָט מען אים געגעבן די רפואות, וואָס דער דאָקטער האָט פאַרשריבן— געלע גרויסע פילן, ווי זעלנערישע קנעפּ, און אויך טראָפּנס . . . מען האָט אים געהאַלטן 3 טעג אין בעט, אַזוי האָט דער דאָקטער פאַראָרדענט. ער

איז געלעגן אין בעט און געקרעכצט. קיין אנדערע ארבעט, ווי קרעכצן, האָט ער נישט געהאט. נאָכן אָפּקרעכצן 3 טעג, האָט זיך מיין שוואָגער אויפגע־הויבן פון בעט, אָנגעטאָן און ווייטער געקרעכצט . . .

איז ער אזוי ארומגעגאַנגען אין שטוב א וואָך און מער, און נישט אויפגעהערט צו קרעכצן. האָט מען גערופן דעם דאָקטער, האָט אים דער דאָקטער באַטראַכט און געפרעגט, צי ער געדענקט וואָס מיט אים איז פארגעקומען יענע נאַכט, אויב ער געדענקט זיין שלעכטן חלום, און צי ער געדענקט אים, דעם דאָקטער.

האָט מיין שוואָגער געענטפערט, אז ער געדענקט גאָרנישט. ער ווייסט גאָרנישט וואָס דער דאָקטער רעדט צו אים.

איז דער דאָקטער געוואָרן מלא שמחה און מיט טריומף זיך אָפּגע־רופן צו מיין שוועגערין, וואָס איז געשטאַנען א צעבראָכענע, מיט טרערן אין די אויגן, און צו אַלעמען אין שטוב האָט ער געזאָגט, אַז מען זאָל גאָרנישט זאָרגן, ווייל די געפאר איז אַוועק. מען קאָן זיך פרייען, מאַכן א יום טוב. ער וועט שוין זיין אַלרייט. די רפואות, וואָס ער האָט אים געגעבן, האָבן אזוי געווירקט, אַז ער האָט פארגעסן אַלץ וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. דאָס איז אַ גרויסע דערגרייכונג פון מעדיצינישער וועלט. ער איז זייער צופרידן פון די רעזולטאַטן.

אָבער מיר זיינען נישט געווען אזוי באַגייסטערט און צופרידן פון דאָקטערס צופרידענקייט און פון זיין מעדיצינישער דערגרייכונג. דער שוואָגער האָט זיך נאָכדעם ארומגעדרייט העכער פינף חדשים, נישט אריינ־געטאָן די הענט אין קאַלטן וואסער און נישט אריינגעברענגט קיין פעני פארדינסט. ער האָט פארגעסן צו ארבעטן, ער געדענקט גאָרנישט. די רפואות האָבן גורם געווען, אז ער זאָל אַלץ פארגעסן... ער האָט פארגעסן אַלץ . . . האָט פארגעסן, אז ער האָט א ווייב מיט קינדער, פארגעסן זיי געבן ברויט— זיי מפרנס זיין. ער האָט אפילו פארגעסן, אז ער איז א באַווייבטער. דאָס איינציקע וואָס ער האָט געדענקט, איז געווען—דאָס קרעכצן . . .

איינמאָל האָב איך זיך אָפּגערופן צו מיין שוואָגער:

— וואָס וועט זיין? וויפיל איז דער שיעור צו אומגיין ליידיק און לאָזן ווייב און קינדער הונגערן?

האָט ער אויסגעשטעלט א פּאָר קעלבערנע אויגן, מאָדנע מיך אָנגע־קוקט און צו מיר זיך אָפּגערופן:

— ווער ביסטו און פון וואנעט קומסטו? וואָס ווילסטו?—איך קאָן דיך נישט!

איך בין געבליבן געפּלעפּט, דערשלאָגן. כ׳האָב געפּרוּווט ריידן, אים אויפ־קלערן, אַז כ׳בין זיין שוואָגער און אויך ער איז מיין שוואָגער, ווייל מיר האָבן בײדע חתונה געהאַט מיט צוויי שוועסטער. כ׳האָב זיך אָנגערעדט אַ פּולן האַלדז — און ער האָט געצויגן מיט די פּלייצעס, אַז ער ווייסט גאָרנישט. נישט ער קאָן מיך, נישט ער ווייסט מיך, נישט ער איז מיין שוואָגער — און נישט ער האָט חתונה געהאַט...

אָט אַזאַ ווירקונג האָבן געמאַכט די רפואות פונם דאָקטער. ער האָט אַלץ פאַרגעסן. איצט לויפט אַרום זיין ווייב, מיין שוועגערין, זוכן אַן אַנדער דאָקטער, וואָס זאָל געבן רפואות אויף צו אַרויסטרייבן די שכחה און אַרויס־רופן ביי אים זיין זכרון און באַוואוסטזיין, אַז ער איז אַ חתונה־געהאַטער, אַ טאַטע פון קינדער, ווייל אויב נישט וועט איר מיט די קליינע קינדער אויס־קומען שטאַרבן פון הונגער . . .

שולדיק זיינען מיינע שכנים

עס האָט מיך, אַמאָל, אַ יאָהאַנעסבורגער ייד, ערגעץ אין אַ פאַרשטאָט, באַגעגנט און מיר דערציילט אַזאַ מין מעשה:

איך וויל אייך דערציילן אַ פיינע געשיכטע. עס וועט אייך צוניץ קומען. איר קאָנט עס אַפילו אָפּדרוקן אין אייער „פּייפּער". עס איז אינטערעסאַנט. איר דאַרפט עס אויסהערן: מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט מיין יידענע, זאָל לעבן, פאַרדונגען אַ צימער צו אַ יונג פּאַרפאָלק — אַ פּאַרפאָלק וואָס באַשטייט פון מאַן און ווייב. האָט דאָס פּאַרפאָלק זיך אַריינגעצויגן, פאַרנומען אַ צימער, אַריינגעשטעלט זייערע בעבעכעס—און געוווינט, ווי עס ווויינען אַלע מענטשן. נאָר דאָס איז נישט וויכטיק, וויכטיק איז דאָס, וואָס כ'וועל ווייטער דערציילן. איר קאָנט דאָס אויסהערן!

ווען אונדזערע שכנים האָבן זיך אַריינגעצויגן, האָט מיין יידענע, זאָל לעבן, זיי געגעבן, אַ חוץ אַ שליסל צו דער אַלגעמיינער טיר וואָס דינט מיט איר דורכגאַנג פאַרן גאַנצן הויז, אויך אַ שליסל צו זייער טיר פון זייער צימער.

און אָט וועגן שליסל מיטן דורכגאַנג וויל איך אייך טאַקע דערציילן!

מיינע שכנים זיינען געווען גאַנץ פיינע מענטשן. מ'קאָן זיין אַ שכן און זיין אַ פיינער מענטש אויך, נאָר זיי האָבן געהאַט איין חסרון — זיי האָבן זיך מיטן שליסל נישט געפּירט, ווי עס דאַרף צו זיין. זיי האָבן שטענדיק געדענקט פונעם שליסל, און אַלעמאָל האָבן זיי אים ביי זיך געהאַט, נאָר נישט ווען זיי האָבן באַדאַרפט אויפשליסן די טיר. זיי האָבן דעם שליסל שטענדיק געהיט, ווי אַן אבן טוב, ווי אַן אויג אין קאָפּ: ביים עסן, ביים טרינקען, ביים שלאָפן. אַלע מאָל האָבן זיי נאָר געטראַכט און געשמועסט וועגן זייער אוצר — דעם שליסל, און האָבן זיך רק געהאַלטן אין איין פרעגן: טייערע, אָדער טייערער, האָסט דעם שליסל? אָבער ווען ס'איז געקומען דער מאָמענט, ווען זיי האָבן באַדאַרפט אויפשליסן די טיר, האָבן זיי זיך ביידע געכאַפּט, אַז דער שליסל איז נישטאָ . . .

וואָס־זשע האָבן געקאָנט יונגע מענטשן טאָן, אַז זיי האָבן נישט געהאַט דעם שליסל? שלאָפן אויפן גאַס, איז קיין פּלאַן נישט; אַמאָל רעגנט, אַמאָל איז קאַלטלעך און אַמאָל — איז גלאַט אַן עבירה, אַז יונגע נשמות, יונג בלוט

און פלייש, זאָלן פּטרן א נאכט אין דרויסן. איז דאָס פּאַרל געפאַלן אויף גאָר א געניאַלן איינפאַל — קריכן דורכן פענצטער! אמת, ס׳איז טאקע נישט קיין פאַרגעניגן, אָבער וואָס האָבן זיי זיך געקאָנט העלפן? נו, זיינען זיי געקראָכן דורכן פענצטער.

די ערשטע פּאָר מאָל קריכן דורכן פענצטער איז די מענטשן נישט אָנגעקומען לייכט. אמאָל האָט מען פאַרטשעפּעט א שטיק מלבוש, אמאָל א שטיק פלייש —, און אמאָל זיך צעקלאַפּט אן אבר. דערפאַר אָבער שפּע־טער, נאָך א שטיקל צייט קריכן, איז די אַרבעט, כ׳מיין דאָס קריכן, געגאַנ־גען, ווי געשמירט, ממש צו באַוווּנדערן. זיי האָבן זיך אזוי צוגעוווינט דערצו, אז זיי זיינען נישט געקראָכן סתם, נאָר זיי זיינען, ממש, געשווומען ווי די פיש, און נישט נאָר ביינאכט זיינען זיי געקראָכן, נאָר אפילו אין מיטן העלן טאָג, שבת און יום טוב און אין סתם טעג פון א גאנץ יאָר, איז דאָס געווען זייער וועג — קריכן דורכן פענצטער.

עס איז אזוי ווייט דערגאנגען, אז די טיר איז געוואָרן אן איבעריקער געגענשטאנד אין הויז. זי איז, נעבעך, פאַרבליבן פאַר׳יתומט, פאַרלאָזט פון יעדערן. דער הויפּט־אריינגאנג איז געוואָרן — דער פענצטער.

און נישט נאָר עס האָבן די בני־בית זיך באנוצט מיטן קריכן דורכן פענצטער, נאָר יעדער איינער, וואָס האָט נאָר געדאַרפט צוקומען אין הויז, איז געקראָכן דורכן פענצטער: דער מילך־מאַן, דער בעקער, דער קצב, אפילו די פיש־יידענע, אלע זיינען געקראָכן דורכן פענצטער. איך אַליין האָב אויך באַקומען חשק צו קריכן דורכן פענצטער, נישט צוליב א בעל־חוב האָב איך דאָס געטאָן, פאַרקערט פאַר א בעל־חוב האָב איך געמוזט מאכן „ויברח״ דורך דער טיר, ווייל דער הויפּט גאנג איז דאָך געוואָרן—דורכן פענצטער....

און אז מע האָט געמאכט א שמחה, זיינען די געסט אויך געקראָכן דורכן פענצטער. וואָס דאַרפט איר מער, אפילו דער ווירט, ווען ער איז געקומען נאָך דירה־געלט, איז ער אויך געקראָכן דורכן פענצטער.

הכלל, דער הויפּט גאַנג צו מיין הויז איז געוואָרן דורכן פענצטער.

איינמאָל, ביינאכט, שלאָף איך מיר, ווי געוויינטלעך. מיטאַמאָל ווער איך אויפגעוועקט דורך א גערויש. איך כאַפּ א בליק, דערזע איך, אז מען קריכט דורכן פענצטער. טראַכט איך מיר: ס׳איז קיין סכנה נישט, אומזיסט זיך איבערגעשראָקן, שכנים קריכן, זאָלן זיי קריכן געזונטערהייט. כ׳האָב זיך איינגעדעקט מיטן איבערבעט און ווייטער געשלאָפן.

אינדערפרי, איך כאַפּ זיך אויף און דערקען נישט מיין הויז: אלץ איז איבערגעדרייט און צעוואָרפן. ס׳איז נישט דאָס, ווי תמיד. כ׳קוק זיך ארום: עס פעלן מיר מיינע מלבושים, חפצים פון הויז און מיין יידענעס

גאַרדעראָבע מיט די זילבערנע לייכטער. אויפן האַרצן איז מיר געוואָרן פאַסקודנע, א טעם נאָר צו חלשן, אָבער כ'האָב זיך געשטאַרקט און גע־טראַכט: דאָס מאָל זיינען שוין קיין אָרנטלעכע מענטשן נישט געקראָכן דורכן פענצטער. דאָס איז שוין געווען א שטיקל אַרבעט פון פּשוטע גנבים. פאַרשטייט זיך, אַז שולדיק זיינען געווען מיינע שכנים, וואָס האָבן געוויזן א וועג צו קריכן דורכן פענצטער . . .

באַשערט אַן אומגליק, קומט עס אין שטוב, אפילו דורכן פענצטער . . .

די „געמבלינג״-מגפה

ער שפּילט שוין אין קאָרטן

כאַפּט מיך אַמאָל אָן מיינער אַ פריינד און מיט פרייד צערעדט ער זיך, פול מיט גדולה און שמחה:

— כ׳וויל אייך, פריינד שישלער, אָנזאָגן, אַז כ׳בין געוואָרן אַ מענטש מיט מענטשן גלייך, איר זאָלט וויסן זיין, אַז ס׳איז שוין נישטאָ וואָס צו שעמען זיך מיט מיר, מען קאָן מיך שוין איינלאַדן צווישן מענטשן. כ׳קאָן שוין קומען אויף שמחות, חתונות און ברית׳ן, אויף פּאַרטיעס, „אינגעדזשמענטס״ און „בירטהדייס״ — עס האָבן זיך פאַר מיר געעפנט אַלע טירן און טויערן. נישט נאָר איך קאָן קומען אומעטום, נאָר אויך צו מיר קומט מען שוין, מען קומט איצט צו מיר זייער אָפט. די טיר מאַכט זיך גאָרנישט צו. כ׳זע דאָך איצט אַ מענטשן פאַר די אויגן!

מיין פריינד האָט גערעדט פול מיט ברען און שמחה און מיר איז געוואָרן אַזוי טרויעריק אויפן האַרצן. כ׳בין געוואָרן שטאַרק אומרויק און אַ שרעק איז מיר באַפאַלן. וואָס פּלאַפּלט ער דאָרטן מיין פריינד? אָבער מיין פריינד האָט, ווייזט אויס, דערזען מיין פאַרלאָרנקייט און אומרויקייט, האָט ער זיך צו מיר אָפּגערופן:

— איך זע, אַז איר צווייפלט, איר פאַרשטייט מיך נישט, וועל איך אייך דאָס דערקלערן אין קורצן: כ׳האָב זיך מיט מזל אויסגעלערנט די „געים״ און איך שפּיל אין קאָרטן. די „תורה״ קאָן איך שוין מיט אַלע פּליטערלעך, און עס איז מיר אַזוי גוט און ווויל!

איך האָב געקוקט אויף מיין פריינד און כ׳בין געוואָרן נאָך מער באַאומרויקט. עס האָט זיך ביי מיר דורכגעריסן אַ חשד, אַז יענער איז נישט מיט אַלעמען, אַז אַ שרייפל האָט זיך ביי אים ערגעץ אין מוח אָפּגעריסן. מען דאַרף ציען פּיס פון אים...

— איר ווייסט דאָך ווי כ׳האָב אַמאָל פיינד געהאַט די קאָרטן מיט די שפּילערס, מיט דער גאַנצער סביבה. כ׳האָב דאָך זיי אויסגעמיטן, ווי אַ פרומער ייד מיידט אויס חזיר. כ׳בין נישט געקומען אין הייזער, וווּ קאָרטן זיינען געווען דאָס אויבערשטע פון שטויסל, וווּ מען האָט זיך

מיט זיי פאַרהאַקט די מוחות. כ׳האָב אױסגעקומען טאַקע אַ סך געמיטן און אַנטלאָפן פון זיי. עס איז, אגב, אױסגעקומען טאַקע אַ סך הייזער אויסצומיידן, ווייל אין וועלכן יידישן הויז שפּילט מען ניט אין קאָרטן?

און מיין פריינד האָט ווייטער גערעדט אין איין אָטעם:

— אמאָל, אז כ׳פלעג אריינקומען צו אַ שכן, אָדער צו אַ לאַנדס־מאַן, פלעגט מען ריידן אַ יידיש וואָרט. מען האָט גערעדט וועגן דער אַלטער היים, וועגן שטעטל, וועגן די דאָרטיקע בעלי־הבתים, וועגן די פּני־העיר . . . מען האָט זיך דערמאָנט טיפן פון שטעטל, קוריאָזע געשעענישן, לעגענדעס... מען פלעגט זיי איבערדערציילן, אָדער זינגען אַ היימיש לידל, אַ פאָלק־מאָטיוו, און עס איז געווען אינטערעסאַנט. מען איז איבערגעטראָגן געוואָרן אין דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, אין אַ וועלט, וווּ מען איז געבאָרן און דערצויגן געוואָרן. אָבער דאָס איז געווען אמאָל, אמאָל און נישט היינט. היינט, אז כ׳קום אריין צו אַ שכן, אָדער אַ לאַנדסמאַן, רעדט מען מער נישט וועגן דער אַלטער היים. מען האָט שוין לאַנג, לאַנג דאָס שטעטל מיט איר גאַנצן אַרום פאַרגעסן. לאַנדסלייט און פריינד פירן היינט ניט קיין ליבע און נאָענטע געשפּרעכן וואָס זאָלן האָבן אַ שייכות צו אונדזער היים, וועלכע איז אונדז געווען אַזוי טייער און נאָענט. היינט האָבן אָט די אַלע אַן אַנדער שפּראַך באַקומען, ריידן גאָר אַנדערע דיבורים — די שפּראַך פון קאָרטן. ווען נאָר מען קומט צו זיי, זיינען זיי פאַרנומען מיט די „מלכים און טייז״ און נישט נעמענדיק קיין אָנטייל, פילט מען זיך שטאַרק פאַרלאָרן. קיי־נער קוקט זיך נישט אום אויף אייך. מען בעט אייך נישט זיצן. מען פרעגט אייך נישט וואָס איר מאַכט און מען ענטפערט אייך נישט אויף אַ גוטן אָוונט, אָדער אַ גוטע נאַכט. האָב איך דעריבער אויפגעהערט קומען אין אָט יענע הייזער, און אַלע מאָל איז מיר געבליבן ווייניקער הייזער צו באַזוכן, ביז איך האָב געמוזט אויפגעבן דאָס באַזוכן די הייזער פון מיינע פריינד און באַקענטע און געזעסן ביי זיך אין שטוב, טאַקע מיט זיך אַליין!

— און שפּעטער, — האָט פאַרגעזעצט מיין פריינד, — האָט מען אייך גענומען קומען ווייניקער צו מיר, ווייל צו וואָס זאָל מען קומען צו מיר, אז קיין קאָרטן געפינען זיך ניט אויף קיין רפואה אין מיין הויז. איך האָב מיינע פריינד און לאַנדסלייט פאַרגעלייגט אריינצוקוקן אין פאַרשיידענע יידישע ביכער. כ׳האָב זיי געגעבן זשורנאַלן און צייטונגען. כ׳האָב זיי דערציילט פיינע יידישע אַנעקדאָטן, גלייענט יידישע וויצן און שפּאַסן, אָבער דאָס אַלץ האָט זיי, נעבעך, נישט אמו־

זירט און געפרייט. זיי פלעגן נאָר גענעצן אָן א סוף. יעדער גענעץ האָט פארנומען אפשר צוויי מעטער לענג. דאס האט אזוי אנגעהאלטן א גע־וויסע צייט ביז מען האָט אויפגעהערט קומען צו מיר און מיין הויז אינגאנצן אויסגעמיטן!

— פונדעסטוועגן — האָט מיין פריינד ווייטער גערעדט — האָב איך זיך פון דעם נישט גענומען צום הארצן. כ׳האָב זיך געטראכט, זאָלן יידן געזונטערהייט שפילן אין קאָרטן. כ׳וועל שוין אזוי אויסקומען מיין וועלט, אָן קאָרטן. כ׳וועל ווייטער לייענען יידישע צייטונגען, א יידישן בוך און פארנעמען זיך מיט וויכטיקערע זאכן, ווי מיטן קאָרטן־שפיל, וואָס האָט פאַרכאַפּט אונדזער לעבן, אונדזערע מוחות. אָט אזוי האָב איך געטראכט אָט דאָ, גאָרנישט לאַנג צוריק!

— יאָ, כ׳פלעג נאָר קומען אויף שמחות פון מיינע פריינד און לאנדסלייט, און אויך דאָ האָב איך זיך געפילט שטארק אומבאקוועם, ווייל ווי איר ווייסט, ווערן דאָך אַלע אונדזערע יידישע שמחות „געפיי־ערט" מיט קאָרטן. ווי איך פלעג נאָר אריינקומען אויף אָט די דאָזיקע שמחות, האָט מען גלייך גענומען פרעגן—ווי גרויס איך שפיל, וואסער „געים". און אז כ׳האָב געענטפערט, אז איך שפיל נישט גרויס און נישט קליין און קיין שום „געימס", האָט מען אויף מיר גענומען קוקן שטארק פארדאכטיק, עפּעס גאָר פון אויבן אראָפּ... מען האָט מיך שוין אפילו נישט געבעטן זיצן. מען האָט זיך שוין אויף מיר נישט געוואָלט אומקוקן. פלעג איך זיך אויף די שמחות ארומדרייען, ווי אן איבעריקער, ווי אן אונטערגעשאָסענער, ווי א פינפטע ראָד צום וואָגן. מען האָט אויף מיר געקוקט מיט חוזק. מען האָט איבער מיר געטריבן שפּאס, אָפּגעלאכט. כ׳האָב זיך דערפילט קליין, דערשלאָגן און נישט־טיק, געפילט זיך איבעריק און געפאַלן. געפלאָנטערט זיך אלעמען אונטער די פיס, אלעמען געשטאנען אין וועג, אַלעמען געווען איבעריק און גרויס אין די אויגן. כ׳האָב זיך דערפילט אומגליקלעך, עלנט, אן איבעריק באַשעפעניש אויף גאָטס שיינער, זינדיקער וועלט!

— איך האָב, דעריבער, — האָט ווייטער גערעדט מיין פריינד— אויך אויפגעהערט צו קומען אויף שמחות און בין געבליבן זיצן אליין, שטענדיק אליין אין הויז. קיינער איז צו מיר נישט געקומען און כ׳בין צו קיינעם נישט געגאַנגען, און אז כ׳בין קראנק געוואָרן, איז דער איינציקער, וואָס איז נאָך געקומען מיך באַזוכן, איז געווען דער . . . דאָקטער. יאָ, דער דאָקטער וואָס קומט באזוכן, ווען מען רופט אים אויף אָ וויזיט. האָב איך זיך ארומגעזען, אז לענגער קאָן דאָס אזוי נישט זיין, און אזוי לעבן קאָן מען אויך נישט. כ׳מוז זען מענטשן,

כ׳מוז קומען צווישן זיי און שטיין אין קאָנטאַקט מיט זיי— און דער איינציקער וועג דערביי, פאַרשטייט זיך, איז נאָר געווען לערנען די „קונסט״ צו שפּילן קאָרטן!

— און היינט, ליבער פריינד שישלער,—פאַרענדיקט מיין פריינד מיט שמחה זיין שמועס — איז מיר וואויל און גוט. מענטשן קומען שוין צו מיר און כ׳קום צו זיי. מען פאַרבעט מיך שוין זייער אָפט אין ידישע הייזער, אויף ידישע שמחות, מיינע באַקענטע און פריינד זיינען געוואָרן, אַז איך בין געוואָרן א מענטש, איך שפּיל שוין אין קאָרטן, האָבן זיי זיך שטאַרק דערפריייט און אָנגעהייבן קומען צו מיר, געוואָרן אזוי נאָענט, אז זיי וואָלטן שוין האַלב ביי מיר אין בעט... וואָס פאַר א גרויסן דרך ארץ האָבן זיי אַלע פאַר מיר, ווי מען צאַצקעט זיך עס מיט מיר, אפילו מיין קרעדיט איז אויך בעסער געוואָרן. אָט דאָ, א נומעלטן, האָב איך געבעטן א לאַנדסמאַן ביים קאָרטן־טישל, ער זאָל מיר אויסבאָרגן א פונט, האָט ער מיר פאַרגעלייגט צו נעמען פון אים גאַנצע פינף פונט.— נישקשה, האָט ער מיר געזאָגט, עס וועט דיר פינף פונט אויך נישט זיין צופיל דאָ!... הכלל, עס איז מיר גוט און וואויל. איך שפּיל אין קאָרטן!

כ׳האָב אויסגעהערט מיין פריינד, אים גוט אָנגעקוקט און עס איז מיר געוואָרן שטאַרק טרויעריק אויפן האַרצן. עס האָט מיך גערירט און געווייטאָגט...

טישן ריידן זיך אויס די הערצער . . .

אין א „סעקאָנד־הענד־שאָפּ" פון מעבל האָבן זיך געפונען צווי טישן. אין א געוויסן טאָג האָבן זיי פארפירט צווישן זיך א שמועס. זיי האבן זיך אראפּגערעדט איינער פארן צווייטן פון זייערע ביטערע הערצער:

— וואָס ווייסטו — האָט זיך אָפּגערופן איין טיש — וואָס איך האָב זיך אָנגעליטן ביי מיינע בעלי הבתים? כ׳האָב ביי זיי געהאט ממש דעם גהינום. איך בין דאָך געוואָרן אויס מענטש. כ׳האָב דאָך שוין נישט קיין כוח אויף די פיס צו שטיין! קיין מינוט מנוחה האָב איך דאָך נישט געהאָט. אוי, דער רוקן ברעכט! אָן אָנשיקעניש, רק קאָרטן און קאָרטן! טאָג און נאכט, קאָרטן און קאָרטן! איר ווילט שפּילן קאָרטן, שפּילט אייך געזונטערהייט, אבער מיך לאָזט אויס! האָט מען מיך אָבער געהערט ווי א ספּאָדיק, און זיך אויף מיר אָנגעלייגט און גע־שפּילט! געשפּילט און געשפּילט, אַז עס האָט אזש גענומען שפּילן אויף מיינע נערוון. איך האָב געפילט, אז כ׳וועל דאָ נישט אויסהאַלטן, כ׳וועל פאלן פון די פיס! —

— איך שלאָג דיר איבער די רייד — האָט זיך אָפּגערופן דער צווייטער טיש — אנטקעגן דעם, וואָס דו זאָגסט פאלן פון די פיס, זאָג איך דיר, זיי נישט קיין שוטה, וואָלסט נישט געפאלן. מען געוווינט זיך צו צו די צרות. איבריקענס, מען לאָזט גאָרנישט פאלן. אָט אנו־מעלטן האָבן זיך מיינע בעלי־בתים, מיט נאך א צענדלינג מענטשן, ארויפגעלייגט מיט די קאָרטן אויף מיר, אז כ׳בין אזש פארגאנגען אין יסורים. דערצו האָבן זיך א פּאָר פּעטע, גוט אָנגעפּרעסענע יידענעס אָנגעשפּארט, מיט אזא קראפט, מיט אזא משא, ווי זאָל איך דיר אָפּ׳משלען, ווי מען וואָלט אויף מיר ארויפשטעלן א האלבן טוץ שווערע טאַנקען. מען האָט געהאלטן אין איין רויכערן, אַזש דערשטיקט צו ווערן! נו, האָב איך טאָקע נישט געקאָנט אויסהאַלטן. מיינע פיס האָבן זיך גענומען זעצן. איין פוס איז מיר אַרויס פון גליד... וואָס־זשע האָבן חברה שפּילערס געטאָן? מען האָט אוועקגעזעצט פוןביידע זייטן

די צווי פעטע אָנגעפּרעסענע יידענעס. מיט איין האַנט האָבן זיי געגעבן קאַרטן און מיט דער צווייטער האַנט — מיך אונטערגעהאַלטן!

— אוי, די ווייבער—האָט זיך אָפּגערופן דער ערשטער טיש — זיי זיינען דאָך טויזנטער מאָל ערגער פון די מענער. די מענער זיינען דאָך פאַרנומען אביסל ביי ביזנעס, לאָזן זיי נאָך אָפּכאַפּן ווען עס איז, דעם אָטעם, אָבער די ווייבער?! גאַנצע טעג לאָזן זיי דאָך נישט אַרויס די קאַרטן פון האַנט. די קאַרטן זיינען דאָך שטענדיק אין זיי! דעם שחור׳דיקן, כ׳מיין דער נעגער וואָס „פּאָלישט" אויס די „פלאָרס", הייסן זיי מאַכן די פיש, אָפּקאָכן די יויך, קלעפּן די בלינצעס און טרוקן מאַכן די „בייבי", אבער זיי אליין זיינען ניט מפסיק פון די קאַרטן, אז עס זאָל אַפילו ברענען!—

— כאַ, כאַ, כאַ, — האָט זיך צעלאַכט דער צווייטער טיש. ביי מיין בעל הבית׳טע האָט געטראָפן, ווען זי האָט געשפּילט א מאָל א דאָנער־שטאָג, נאָך מיטאָג, מיט נאָך דריי ווייבער אין קאַרטן, איז זי געווען אזוי פאַרטאָן אין דעם שפּיל, אַז דער גאַנצער „דינער" איז פאַרברענט געוואָרן אויף קויל. דער געררוך האָט מיך שיעור אוועקגעלייגט. און איר, דער בעל הבית׳טע מיינע? האָט דאָס נישט געקימערט אויף א האָר. ווען דער מאַן איז געקומען, האָט זי אים געזאָגט פאַרשייט: „אָמסאָרי דאַרלינג", דער „בוטשער" האָט היינט נישט געשיקט קיין פליייש... כ׳האָב זיך נישט גוט געפילט, איז נישטאָ קיין „דינער". גיי אריין אין „טי־רום" און האָב א „גריל"! —

— און די מענער — איז אריין אין די רייד דער ערשטער טיש— זיינען בעסער? איין שוואַרץ יאָר! פאַר זיי איז אַלץ רעכט. מיין בעל הבית׳טע האָט שוין נישט איינמאָל געמאַכט אזעלכע פאַלשע שטיק, ווי דו דערציילסט מיר, און מיין בעל הבית דער לעקיש, האָט געגלייבט. אָט אזעלכע זיינען די מענער. נישט איינמאָל האָט מיין בעל הבית געלאָזט שטיין דעם אויסגעקאָכטן „דינער" און געלאָפן פייל פון בויגן, באשר א פריינד האָט אים דורכן טעלעפאָן אָנגעזאָגט, אז עס פעלט אים אַ האַנט. ער איז געלאָפן, ווי אַן אונטערגעשאָסענער האָז, און סך הכל רעדט ער אויס אויף יענעם אלע שמד זאכן...

— כ׳בין דאָך ממש טויב געוואָרן — האָט געזאָגט דער צווייטער טיש — אויסהערנדיק די זידל ווערטער, וואָס מע האָט זיך אריינגע־זאָגט, ווען מען איז ארום מיר געזעסן. כ׳האָב דאָך אזעלכע ווערטער נישט געהערט אין מיין גאַנצן לעבן! נישט איינמאָל האָב איך באקומען דעם קאָליר פאַר חרפּה און בושה!

— דאָס איז נאָך גאָרנישט — האָט זיך אָפּגערופן דער ערשטער טיש — מילא, צום זידלען, האָב איך זיך שוין געהאַט צוגעוווינט. אַז כ׳האָב געזען, אַז עולם קומט זיך צונויף און מען זעצט זיך אַרום מיר, האָב איך געוווּסט, אַז קיין דברי תורה, וועל איך נישט הערן. קיין פּאָליטיק וועט מען נישט ריידן. וועגן ליטעראַטור — אודאי נישט. אַז מען וועט עפּענען א מויל, וועט אַרויס א קללה, א באַליידיקונג — און נישט קיין ברכה און גוט וואָרט. אָבער ערגער איז מיר געווען, וואָס מען האָט ביי מיר אָפּט אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ מיט די זייטן, מיטן בוכצען און מיטן קלאַפּן מיט די פויסטן... גאָט צו דאַנקען, געפּטר׳ט זיי!

— טאָקע גאָט צו דאַנקען! מיר זיינען טאַקע שברי כלים, אָבער דאָך, געפּטר׳ט די פּאַסקודניאַקעס, די קאָרטן שפּילערס און שפּי־לערקעס!...

הימל, ערד און קאָרטן...

איך בין אמאָל פאַרבעטן געוואָרן צו א געבורט־טאָג־פייערונג, אָדער ווי מען רופט עס ביי אונדז: „ביורטדיי". דאָס איז געווען א פייערונג פון אַן איין יאָריק מיידעלע פון מיינעם א באַקענטן, פון א פריינד. בין איך אוועק אויף דער פייערונג און זיך גאַנץ גוט פאַר־בראַכט מיט . . . געגעסן. די פייערונג איז, אגב, געווען צוגעגרייט אויפן שענסטן אופן. נאָר די געסט, די מענטשן, וואָס זיינען בייגעווען דאָרטן, האָבן די אימפּרעזע אוועקגע'הרגעט. אוועקגע'הרגעט האָבן זיי די שמחה מיט דעם, וואָס זיי זיינען זיך צוזאַמענגעקומען און זיך גענומען צו דער מלאכה, כמנהג אפריקע, שפּילן אין קאָרטן.

כ'בין געזעסן און באַטראַכט די שיינע צוגרייטונגען, די פיינע אויפנאַם, די משקאות און טאָרטן, די פאַרשיידענע נאַשערייען און פרוכטן, וואָס זיינען געשטאַנען נישט באַרירט און פאַר'יתומ'ט אויף די טישן, ווייל דער עולם האָט, געשמאַק, געשוויצט איבער א „גיים". די קאָרטן האָבן פאַרנומען דעם אויבנאַן און די שמחה פונם איין יאָריקן מיידעלע, איז אָפּגעשטופּט געוואָרן אין א זייט, ווי פאַרגעסן. קיין סימן פון א געבורט־טאָג איז ניט געווען.

איך האָב דאָס צוגעקוקט און זיך געטראַכט — וואָס איז נעבעך שולדיק דאָס איין יאָריק מיידעלע, צוליב וועמען מען האָט געפּראַ־וועט די שמחה פון . . . קאָרטן . . . מילאַ, אז מען פּראַוועט א בר־מצוה־שמחה, און זי ווערט פאַרוואַנדלט אין א קאָרטן־שמחה, איז נאָך צו דערליידן, וואָרום א יינגל פון א יאָר דרייצן, קאָן שוין אין אפריקע נעמען א „האַנט" צו א „גיים", און פאַר קאָרטן שפּילער איז א האַנט, מער וויכטיקער פון א קאָפּ . . .

און מיט תנאים־שמחות, „ענגעדזשמענטס־פּאַרטיעס" בלע"ז, ווי מען רופט עס ביי אונדז, איז דען בעסער? מען רופט צוזאַמען דעם עולם און עס גייט ווידער אוועק א שמחה פון קאָרטן. אויך מיט אַ חתונה איז אָפט דאָס זעלבע. עס הייבט זיך אָן מיטן „הרי אַת־שפּיל" און עס ענדיקט זיך מיטן קאָרטן־שפּיל...

אמאָל, אז מען האָט איינגעלאָדן צו א שמחה, א חתונה, האָט מען געלאָזט וויסן, אז עס וועט שפּילן אַן אָרקעסטער, א „בענד". היינט, אַז מען לאַדעט איין, זאָגט מע אַן, אז עס וועט זיין א „גיים". דאָס איז שוין מער וויכטיקער פון אַלץ. דאָס ברענגט שוין דעם עולם צו שלעפּן פאַר די אויערן. מעג אפילו רעגענען מיט שטיינער אין דרויסן. אָט אַזאַ קראַפט האָבן די קאָרטן . . .

עס האָט א ייד, דאָ, אמאָל געזאָגט א קלוג וואָרט, אז אין אַפריקע איז א שמחה אָן קאָרטן, אזוי מיגלעך, ווי א לוויה אָן א בר־מינן . . . א שמחה אָן קאָרטן, אין אַפריקע, איז קיין שמחה נישט...

איז דעריבער הימעל און ערד און קאָרטן!

אז מען דאַרף מאַכן א פּאָר פונט פאַר א וויכטיקן צוועק, למשל א קאַמפּיין, א זאַמלונג, א קאָלעקציע, איז פאַראַן א גוטער וועג צום דערפאָלג—קאָרטן.

מען האָט שוין אין אַפריקע נישט איינמאָל געזאַמלט געלט דורך קאָרטן.

פרומע יידן, אפילו, דאַרפן אויך אמאָל צוהילף, ביי זאַמלונגען, — די קאָרטן.

פאַר תלמוד־תורה׳ס, פאַר ישיבות, פאַר ארץ ישראל, פאַר יידישע שולן, פאַר יידישע שרייבערס, פאַר יידישע צייטונגען, ווען מען מאַכט אַזעלכע זאַמלונגען, העלפן אָפט צו די קאָרטן.

קאָרטן־פּאַרטיעס איז דער גרעסטער דערפאָלג אין אַפריקע!

אפילו די לעצטע מלחמה איז געפירט געוואָרן מיט דער הילף פון קאָרטן... ווען נישט די קאָרטן, ווער ווייסט צי מיר וואָלטן נישט פאַרשפּילט די מלחמה... קאָרטן העלפן אַ סך אַרויס, אַפילו צום זיג פון מלחמות העלפן זיי . . .

איצט ווידער יום־טובים. וואָס פאַר א פּנים וואָלטן די יום־טובים אין אַפריקע געהאַט אָן קאָרטן? קיין שום יום־טוב פּראַוועט מען דאָך נישט ביי אונדז אָן קאָרטן: צי זאָל עס זיין א יידישער יום־טוב, אָדער א קריסטלעכער יום טוב, צי א פּאַבליק־האָלידיי, צי אַן אַרבעטער יום־טוב. אַלץ ווערט געפּראַוועט מיט קאָרטן.

די קאָרטן־מגפה האָט באַהערשט דאָס לאַנד מיט די מענטשן, כ׳מיין די קאָרטן־שפּילער.

ס׳איז הכל תלוי בקאָרטן! הימל, ערד און קאָרטן!

מען האָט דאָ, נישט דאָ געדאַכט, געדאַרפט צונויפקלייבן א מנין יידן אין א הויז פון א קדיש־זאָגער, איז מען אַרומגעלאָפן צו אַלע שכנים, געריסן פאַרבייגייערס פאַר די פּאָלעס, געבעטן זיי. אָבער אַ

נעכטיקער טאָג, מען האָט נישט געקאָנט צונויפנעמען א מנין. איז איינעם א לץ איינגעפאלן א געניאלער געדאנק, א קלוגער איינפאל. ער האָט נישט דערמאָנט, אז ער זוכט א מנין. ער האָט געלאָזט וויסן, אז מען מאכט א „גיים" און עס פעלט א „האַנט". און וווּנדער איבער וווּנדער, עס האָט שוין נישט געפעלט קיין מנין. עס זיינען געקומען אפשר דריי מנינים יידן...

מען האָט געשמועסט, אז אייניקע גבאים פון שולן האָבן באשלאָסן אויסצונוצן דעם געניאלן איינפאל פון יענעם לץ, בכדי ארייצובאקו־מען יידן אין שול אריין...

איך האָב אמאָל א באקענטן „מוזיקאלישן" פארשוין א פרעג געטאָן, אויב ער שפּילט נאָך אַלץ אין קאָרטן. האָט מיך יענער פארחידושט אָנגעקוקט און געזאָגט: „פארוואָס עפּעס נישט שפּילן, צי די רעגירונג האָט דען איינגעפירט א געזעץ, וואָס פארווערט צו שפּילן. איר זיינט נאָך אַלץ א גרינער, איר פרעגט קעלבערנע קשיותו"...

איך האָב זיך פארשעמט פאר יענעם אויסגעגרינטן און „קלוגן" פארשוין מיט מיין קעלבערנער קשיה . . .

און היינט, אז איך זע יידן שפּילן קאָרטן, פרעג איך שוין נישט קיין שאלות . . .

„סוויטהאַרט"

אמאָל איז צו מיר צוגעשטאַנען מיינער א לאַנדסמאַן און גענומען אריינריידן:

— הער זיך איין, הערשל, די גאַנצע וועלט, קליין און גרויס שפּילט אין כל׳ערליי שפּילערייען: קאָרטן, לאָטעריע, פערד־געיעגן, הינט־געיעגן, א.א.וו. און דו, הערשל, האָסט זיך פאַר׳עקשנ׳ט, געוואָרפן אַן אומחן אויף די אַלע שפּילערייען. מענטשן ווערן דאָך נתעשר, מען שטעלט אײַן א קליי־ניקייט, א שיבוש — און מען כאַפּט א נישקשהדיקע מטבע. ווער שמועסט אויב עמיצן גליקט אָפּ, גייט ער אַרויס אַן עושר, א ראָקפעלער! מען דאַרף נאָר דערביי האָבן א שטיקעלע מזל. אָבער אַז דו שפּילסט נישט, וויסטו דאָך נישט, צי דו ביסט א בר־מזל, אָדער נישט. א מענטש דאַרף פּרוּוון זיין מזל, און אַז גאָט העלפט, עס גייט אריין דער ריכטיקער נומער, עס לויפט אריין דער ריכטיקער סוס אָדער כלב, ביסטו דאָך א גליקלעכער. מעגסט שוין איינפּאַקן דיין אַרבעט מיט אַלע דיינע זאָרגן און קאָפּ־דרייעניש. דו ווערסט א גליקלעכער מענטש. דער עיקר, מען דאַרף שפּילן. ווי זאָגט מיין פעטער, אַז מען שפּילט, שפּילט מען עפּעס אויס!

בעת אָט דעם צעהיצטן שמועס, האָט מיין לאַנדסמאַן אַרויסגעשלעפּט פון זיינע קעשענעס גאַנצע פּעק פּאַפּירן, בראָשורקעס און פּלענער וועגן פאַרשיידענע האַזאַרד־שפּילן. מיין לאַנדסמאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר א גאַנצן בקי אין די אַלע שפּילערייען. אָנגערופן יעדן פערד און הונט ביים נאָמען, פאַרגעשטעלט מיר דעם יחוס פון וואַנעט דער הונט אָדער פערד שטאַמט, וועלכער האָט שוין גענומען דעם ערשטן פּרייז, געוווּסט יעדן הונטס אָדער פערדס לעבן־ביאָגראַפיע מיט אַלע פּרטים — און אין מיר אַזוי לאַנג אריינגערעדט ביז ער האָט מיך איבערגערעדט. כ׳האָב אים צוגעזאָגט מיט־צוגיין אויפן פּלאַץ, ווו עס לויפן די הינט. כ׳האָב זיך געטראַכט—אָנקוקן מעג איך דאָך, נאָר שפּילן — דאָס נישט.

עס איז געווען א מיטוואָך אָוונט. מיין פרוי האָב איך געזאָגט, אַז איך האָב א דרינגענדע זיצונג פון סאָסייטי. זי האָט נישט געטאָרט וויסן, אַז כ׳גיי דאָס צום פּלאַץ, ווו די הינט לויפן, און אַליין בין איך אַוועק אויפן אָפּגערעדטן אָרט צו טרעפן מיין לאַנדסמאַן. מיין לאַנדסמאַן האָט מיט אומ־

געדולד מיר אָפּגעוואַרט, געקוקט אויף אַלע זייטן. אוודאי, שוין געטראַכט, אַז איך האָב אים געבלאָפט און „דיסאַפּאינטעד". אָבער ווען ער האָט מיך דער־זען, האָט ער זיך שטאַרק דערפרייט און מיר זיינען צופרידן אַוועק צום פּלאַץ, וווּ די הינט האָבן געדאַרפט לויפן.

אויפן אָרט זיינען געווען טויזנטער מענטשן, מענער און פרויען. יעדער האָט שטודירט די געיעג־פּלענער פון די הינט. מיין לאַנדסמאַן האָט גענומען צורײדן, אַז כ'זאָל איינשטעלן אויפן הונט, וואָס האָט אַ שיין־קלינגענדיקן נאָמען — „סוויטהאַרט". דערביי האָט ער אָפּגעשילדערט דעם גאַנצן יחוס זיינעם. כ'האָב זיך אָבער נישט געלאָזט איינריידן, געווערט זיך, ווי אַ גוסס קעגן מלאך־המות, וויסנדיק, אַז אויב איינמאָל מען שטעלט אויף די הינט, איז מען שוין אַ פאַרלאָרענער און אַ פאַרשפּילטער לעולם ועד. עס ציט שוין צו די הינט, פּונקט ווי דעם שיכור צו בראַנפן. האָב איך זיך געהאַלטן ביי מיינס — כ'שטעל נישט קיין פּרוטה, ס'איז אַרויסגעוואָרפענע געלט.

מיין לאַנדסמאַן, אָבער, האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט, אַריינגערעדט ווי אַ גראַמאַפאָן־פּליטע, אַז דער הונט „סוויטהאַרט" איז אַזוינס און אַזעלכעס, האָט אַ גרויסן „טשאַנז" צו קומען דער ערשטער, און כ'זאָל נישט זיין פאַר'עקשנ'ט. אַ מענטש טאָר ניט זיין פאַר'עקשנ'ט. דאָס גליק איז נאָענט, נאָר כ'שטויס עס אָפּ, טרייב עס אַוועק מיט מיינע אייגענע הענט. אָבער כ'האָב זיך נישט געלאָזט איבעררײדן. כ'גלייב נישט די הינט כ'וויל ניט קיין „טשאַנזעס", מוחל, האָב איך געטענהט.

ווען עס האָט זיך אָנגעהייבן דערנענטערן די צייט פון די געיעגן, איז מיין לאַנדסמאַן ניט אָפּגעשטאַנען: נאָר כ'זאָל שטעלן אויפן הונט, סוויט־האַרט". ער קאָן גוט דעם הונט. דאָס איז נישט קיין הונט, נאָר אַ פויגל. ער לויפט נישט, נאָר ער פליט. דאָס איז אַ זיכערער געווינער. הערשל, שטויס נישט אָפּ דעם גליק, זיי נישט קיין גזלן אויף זיך אַליין. אָט שטעל איך אַ פונט, גיב אויך אַ פונט. מיר וועלן אָפּנעמען מיט פּראָצענט, גיכער שטים איין!

האָב איך זיך שוין נישט געקאָנט העלפן און אַרויסגענומען דאָס בייטעלע, אַרויסגענומען אַ פונט און אַוועקגעגעבן מיין לאַנדסמאַן. מיין לאַנדסמאַן איז אַוועק. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, איז ער צוריקגעקומען. מיט פרייד דערלאַנגט ער מיר די קבלה אויפן איינגעצאָלטן געלט און זאָגט:

— הערשל, געדענק „סוויטהאַרט"! „סוויטהאַרט" איז דער הונט, וואָס מיר האָבן אויף אים געשטעלט!

— „סוויטהאַרט", „סוויטהאַרט", זאָל זיין מיט מזל! — האָב איך אויס־געשריען מיט האַרץ־קלאַפּן.

דאָס געיעג פון די הינט האָט זיך אָנגעהייבן, אין אין מיינע אויערן האָבן נישט אויפגעהערט צו קלינגען: „סוויטהאַרט“, „סוויטהאַרט“! כ׳האָב זיך אויפגעהויבן פון אָרט, אָנגעשטרענגט מיינע בליקן צו זען די הינט וואָס זיינען געלאָפן. מיין לאַנדסמאַן האָט מיך געקלאַפּט אין פּלייצע, אַז „סוויטהאַרט“ וועט אַריינקומען דער ערשטער, האָב איך אויך גענומען קלאַפּן אים אין פּלייצע. אָבער פון אויפרעגונג האָב איך געקלאַפּט אין פּלייצע אַ ווילד פרעמדן. יענער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר בייזע אויגן. האָב איך זיך אַנטשול־דיקט און גענומען קלאַפּן מיין לאַנדסמאַן. און מיין לאַנדסמאַן — מיך. האָבן מיר זיך אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט געקלאַפּט, ביז מיר האָבן זיך אויף אַן אמת דערלאַנגט פייערדיקע פּעטש, ווייל „סוויטהאַרט“ איז נישט אַריין. עס איז אַריין אַ צווייטער הונט . . .

א היים בין איך געקומען שטארק צעשלאָגן. די רעכטע באַק—צעריסן פון מיין לאנדסמאנס שארפע נעגל, און אין בייטעלע—וויניקער מיט א פונט.

שטיל אויף די שפיץ פינגער, ווי א גנב, האָב איך זיך אריינגעכאפט אין שטוב. אין דער פינצטער—אריינגעשלייכט זיך אין שלאָף־צימער און, שטיל, זיך אריינגעכאפט אין בעט.

כמעט א גאנצע נאכט האָב איך נישט געקאָנט צומאכן מיט קיין אויג. דער טומל אויפן געיעג־פלאץ, די אויפגערעגטע שטימונג, דאָס פלוצלינגע צעשלאָגן זיך מיט מיין לאנדסמאן און דער פארשפילטער פונט, האָבן מיך שטארק אויפגערעגט, מיך נישט געלאָזט שלאָפן. ערשט ווייט פארטאָג בין איך קוים איינגעשלאָפן. אָבער גאָט, וואָסערע חלומות עס האָבן מיך געמאַ־טערט. ס'איז נישט געווען קיין שלאָף, נאָר א קאמף מיט הינט... הינט האָבן מיך געשלעפט פאר די הענט, פאר די פיס — און „סוויטהארט", דער הונט וואָס האָט מיך געקאָסט א גאנצן פונט, האָט מיך אָן רחמנות געשלעפט פארן קאָפּ. געביסן מיין שטערן, די נאָז, די באקן און געשטיקט ביים האלדז... איך האָב געשריען, געווערט זיך, אָבער „סוויטהארט" איז געווען שטארקער און מיך בייגעקומען. . .

— — — — — — — — — — — — —

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, ווען כ'האָב זיך א שטארק פאר־מאטערטער אויפגעכאפט. ביי מיין בעט איז געשטאַנען מיין פרוי, בלאַס, ווי דער טויט, און מיט אויפרעגונג אויסגעשריען:

— איצט פארשטיי איך שוין דיינע דרינגענדע זיצונגען! טשיקאווע צו וויסן — ווער עס איז די בחור'טע, וואָס דו האָסט א גאנצע נאכט נישט ארויסגעלאָזט פון מויל און מיט אַזאַ ליידנשאפט גערופן „סוויטהארטו"... טשיקאָווע, ווער זי איז? האט זי דיר דאס אזוי פיין געצערטלט דיין פנים, אַזש ביז בלוט?! — — —

איך האָב געוואָלט אויפקלערן די ווירקלעכקייט, אויפוויקלען די פאר־פלאָנטערניש, אָבער די צונג איז מיר געווען שטייף, אומבאוועגלעך, קיין וואָרט האָב איך נישט געקאָנט ארויסריידן . . .

אַ סגולה צו געווינען אויף דער לאָטעריע...

כ׳ווייס נישט אייער מיינונג וועגן לאָטעריע־שפּילן, צי איר האלט פון דעם, אָדער נישט. דערפאר אָבער קאָן איך אייך מפרסם זיין, אז כ׳בין נישט קיין גרויסער אָנהענגער פון די לאָטעריע־שפּילן. כ׳האַלט נישט דערפון, נאָר פונדעסטוועגן זינדיק איך אביסל אונטער, דאָס הייסט איך שפּיל. אדרבה זייט א בריה און שפּילט נישט, ווען די פּארקויפער פון די לאטעריע־צעטלען פארפאלגן אייך אויף טריט און שריט, נודיען אייך אזוי לאנג, ביז איר מוזט קויפן פון זיי א לאָטעריע־בילעט.

נישט איינמאל האָב איך ביי זיך אָפּגעמאכט נישט צו קויפן קיין לאָטעריע־בילעטן. ווייל וואָס קומט דען אַרויס פונעם קויפן, אז מיין נומער טויג קיינמאָל נישט, אז אַלע מאָל קומט דער היפּוכדיקער געווין־נומער. האָב איך מיט אַן 1 ביים אָנהייב, גייט אַרויס מיט א 4. האָב איך מיט א 4, גייט אַרויס מיט אַן 1, און אזוי כסדר. אָבער בכדי זיך אָפּצושטעפּן פון די לאָטעריע־בילעטן־פּארקויפער, — די פּאטענטירטע נודניקעס, — איז נאָר דאָ איין רפואה — צו קויפן זייערע לאָטעריע־בילעטן.

עס העלפן מיר נישט אלע חכמות און אלע מיינע באשלוסן נישט צו קויפן מער קיין לאָטעריע־בילעטן. כ׳האָב זיך שוין וויפל מאָל א נדר געטאָן, נישט דערלאָזן די נודניקעס—אריבערצוטרעטן מיין שוועל. קאָן איך אָבער קיין רוצח נישט זיין און קאָן מיט א שטעקן זיי ניט אוועקיאָגן. אנדערש קאָן מען, אגב, פון זיי נישט פּטור ווערן. בין איך אָבער א ייד, א שטיקל אינ־טעליגענט, וואָס האלט נישט פון קיין שטעקן, האָב איך טאָקע קיין צווייטן אויסוועג נישט, נאָר צו קויפן די לאָטעריע־בילעטן, צו שפּילן און צו פאר־שפּילן . . .

אין מיין הויז קאָן מען געפינען לאָטעריע־בילעטן פון פארשיידענע לענדער און קאָנטינענטן: פון ווייטער סאהארא, פון אלזשיר, פון אפריקע, פון אויסטראליע, פון האָנאלולו... כ׳האָב בילעטן, וואָס קומען אזש פון די הרי חשך, פון ווו נאָר די וועלט האָט אַן עק. די שטוב מיינע איז שוין באלד פול מיט זיי, אַוווּ נאָר מען רירט זיך צו: אין די שופלאָדן, אין די אַלמערס, אין די בעטן און אונטער די בעטן. אומעטום זייגען זיי דאָ די לאָטעריע־בילעטן.

שיין געלט קאָסט מיר אָט דער מסחר. וואָלט איך כאָטש אַמאָל האָבן עפּעס געווונען, איז אַ נעכטיקער טאָג. רק איך פאַרשפּיל. איין מאָל האָב איך שוין געהאַט גרויס האַרץ־קלאַפּעניש. כ'בין געווען זיכער, אַז עס איז דאָ. עס איז אַרויס פּונקט דער זעלבער נומער, וואָס כ'האָב טאַקע געהאַט. האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז מיין לאָטעריע־בילעט איז שוין געווען לאַנג אָן אויס־געשפּילטער . . .

איך האָב אַמאָל אויף טשיקאַוועס באַרעכנט, וויפל עס האָבן מיר שוין אָפּגעקאָסט מיינע לאָטעריע־בילעטן, האָב איך באַקומען אַ ריזיקע סומע, אַ מטמון. עס האָט אויסגעמאַכט באַלד דאָס גרויסע געווינס מיט דער פּרעמיע צוזאַמען . . .

איך האָב זיך אָפּגערופן צום יידל, וואָס פאַרקויפט מיר די לאָטעריע־בילעטן, ער זאָל מיר דערקלערן, וואָס עס וועט זיין דער סוף פון אַזאַ מסחר. כ'צאָל יעדן חודש געלט און האָב דערפון גאָרנישט, קיין שום בענע־פיט נישט. עס זאָל כאָטש אַרויס אַ שטיקל געווינס אַמאָל. זאָל זיין אַ קליין געווינסל, אַבי עפּעס.

האָט זיך דאָס יידל, דער פאַרקויפער, צעשמייכלט און פרום אַ זאָג געטאָן:

— דאָס וואָס איר טראַכט פון געווינען, דאָס איז אַ שלעכטע געוווינהייט. דאָס איז גאָר גורם, אַז איר זאָלט דווקא פאַרשפּילן.

האָב איך ווידער געקויפט די לאָטעריע־בילעטן און שוין גאָרנישט געטראַכט פון געווינען. אפשר נישט טראַכטן איז אַ סגולה צו געווינען. האָב איך אַזוי אַ צייט געקויפט די לאָטעריע־בילעטן און נישט געטראַכט. כ'האָב בכלל אויפגעהערט צו טראַכטן . . .

אָבער, איינמאָל, ווען דער לאָטעריע־בילעטן פאַרקויפער איז געקומען, האָב איך אים דערקלערט, אַז דאָס נישט טראַכטן וועגן געווינען, איז אַ קנאַפּע סגולה צו געווינען. האָט דאָס יידל ווידער זיך צעשמייכלט און פרום זיך אָפּגערופן:

— הם, איך האָב אַן עצה. כ'האָב אַ גוט אויסגעפּרובירט מיטל, טאַקע די רפואה אויף צו כאַפּן אַ געווינסל. אויב עס גילט נאָך דערצו דאָס שטיקעלע מזל, קאָן מען כאַפּן דאָס גרויסע געווינס אויך!

האָב איך אויפגעשטעלטביידע אויערן, מיט דער גרעסטער נייגעריקייט, צו הערן די עצה, דעם אויסגעפּרובירטן מיטל, די רפואה, ווי צו כאַפּן אַ געווינסל. און דאָס יידל האָט מיט דער גאַנצער ערנסטקייט צו מיר זיך אָפּגערופן:

— נעמט איצט אָט דעם ריכטיקן בילעט, דאָס איז דער ריכטיקער און גליקלעכער נומער. נעמט אים און זאָל זיין מיט הצלחה, נאָר מיטן

באדינג, אז ביז די צייט פונעם שפּילן, זאָלט איר נישט דערוועגן צו טראַכטן פון... אינדיקעס. איר וועט זען, אז איר וועט געווינען, נאָר למען השם, טראַכט נישט פון קיין אינדיקעס!...

איך האָב געוואָלט אויסשיסן מיט א לייטישן געלעכטער, דערהערנדיק די עצה. כ׳האָב אָבער נישט געלאַכט. אמאָל איז דאָס טאַקע א סגולה. אפשר איז דאָס דער וועג צו כאַפּן א געווינסל. האָב איך שוין גאָרנישט גערעדט און גענומען דעם בילעט, בפרט נאָך, אז פון קיין אינדיקעס, האָב איך קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געטראַכט, נישט וועגן זיי געטראַכט און נישט זיי קיינמאָל פאַרזוכט.

אָבער מערקווערדיק, פון דעם מאָמענט, וואָס דאָס יידל האָט מיר אָנגעזאָגט נישט צו טראַכטן פון קיין אינדיקעס, האָב איך מיטאמאָל גענו־מען טראַכטן פון אינדיקעס, געטראַכט טעג און נעכט וועגן זיי. געזען אינדיקעס אויף טריט און שריט, געזען גאַנצע מחנות מיט רויט אָנגעבלאָ־זענע גוידערס. אפילו אין שלאָף האָבן מיך די אינדיקעס געמאַטערט. כ׳בין אריינגעפאַלן אין אַ וועלט פון אינדיקעס און נישט אויפגעהערט פון זיי צו טראַכטן.

— — — — — — — — — — — — —

און דער ריכטיקער און גליקלעכער בילעט מיטן מזל׳דיקן נומער איז אויך, דאָס מאָל נישט געווען פאַר מיר. איך האָב פאַרשפּילט . . .

דער באַרימטער טרעפער...

אמאָל איז צו אונז אין שטאָט אראָפּגעקומען א טרעפער, א מענטש וואָס האָט געלייענט יענעמס געדאנקען און געוווסט יעדן איינעמס פארבאָרגענע סודות, געטראָפן יענעמס צוקונפט און געגנווארט, מיט איין וואָרט — דאָס אינטימסטע. דער טרעפער האָט זיך אנאָנסירט אין שטאָט וועגן זיין קומען און וועגן זיינע קענטעניִשן. יונג און אלט, מענער און פרויען, קינד און קייט האָבן זיך צו אים א לאָז געטאָן, אַז ער זאָל זיי עפּעס טרעפן — און דער טרעפער, וואָס האָט זיך טיטולירט מיטן ווייט קלינגענדיקן נאָמען אלס גרויסער טרעפער פון „חכמת היד און חכמת הפרצוף", האָט טאָקע דעם עולם וואָס איז צו אים געקומען, גאָרנישט שלעכט צוגעטראָפן. ער האָט יעדערן באַזונדער געזאָגט מיט אלע איינצעלהייטן וועגן יענעמס מסחרים, פאמיליע־אנגעלעגנהייטן און אַזוי ווייטער. פארשטייט זיך, אז אפריער האָט ער גענומען זיין געצאָלט.

דער טרעפער האָט זיך איינגעקווארטירט אינעם גרעסטן שטאָטישן האָטעל. ער האָט דאָרטן פארנומען א גרויסן צימער. כמעט א גאנצן טאָג האָט די טיר נישט גערוט... פון אין דער פרי ביז שפּעט ביינאַכט זיינען דאָרטן געגאנגען שטאָטישע בעלי־הבתים, מיידלעך, ווייבלעך, יונגגעלייט — און ווער נישט? מען איז געגאנגען צום טרעפער, ווי, להבדיל, פרומע יידן צו א רבין, צו א צדיק. אלע זיינען פונעם טרעפער ארויס אנטציקט פון דער קאָלאָסאלער קראפט און חכמה וואָס ער, דער טרעפער, האָט פארמעגט. ער האָט געלייענט, ריכטיק, אלעמענס געדאנקען און צוגעטראָפן פּינקטלעך יעדערן באַזונדער, וואָס בעסער האָט ניט געקאָנט זיין...

וואָס לענגער דער טרעפער איז פארבליבן אין שטאָט, אלץ מער און מער איז געוואקסן זיין פּאָפּולאריטעט. אומעטום, ווו מען איז געקומען, האָט מען רק גערעדט פונעם טרעפער. מע האָט אים געלויבט, אָן א סוף, פאר זיין טייערן טאַלאַנט. מען האָט געשמועסט אין שטאָט, אז ער איז נישט קיין פּשוטער בשר ודם, קיין פּראָסטער חי וקים, נאָר עפּעס א גייסטלעכע געשטאַלט, א געהיימע קראפט, וואָס איז פון הימעל אראָפּגעשיקט געוואָרן. אפילו יידן וואָס האָבן נישט געגלייבט אין די נאַרישקייטן, געחוזקט און געלאכט, האָבן אויך באַקומען רעספּעקט פאר דעם פּאָפּולער געוואָרענעם

טרעפער. אין אָנהייב האָבן זיי, אגב, געמאַכט א טומל, געראָפן אַן איסור אין בית המדרש, אַז מען זאָל נישט גיין זען דעם טרעפער, אַז ער איז א כשופ־מאַכער, רחמנא ליצלן, פון יענע פייגל וואָס זוכן צו פאַנגען נאַיווע נשמות... שפּעטער אָבער האָבן זיי געענדערט זייער שטעלונג. זיי האָבן זיך איבער־צייגט, אַז דער טרעפער זאָגט אַלעמען ריכטיק און פּינקטלעך, אַן שווינדלע־רייען וועגן אַלץ און אַלעמען.

די אויפגעקלערטע פון שטאָט, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פאַר אינטעלע־גענטן און חכמים, און האָבן, אין אָנהייב, אויסגעלאַכט דעם גאַסט, דעם פּאַרשוין וואָס האָט זיך אַ נאָמען געמאַכט מיט זיין „חכמת היד, און חכמת הפּרצוף“, האָבן אויך געמוזט ווערן גאַכגיביקער, און צוגלייך מיטן גאַנצן

עולם געלאָפן צום טרעפער, פון וועלכן זיי זיינען אוועק באַגייסטערטע און געגאַפּט פון זיינע קענטעניש . . .

מיט איין וואָרט די גאַנצע שטאָט איז געוואָרן אריינגעצויגן אינעם גלייבן פונעם טרעפער. יידן האָבן איבערגעלאָזט זייערע מסחרים, בעלי־מלאכות — זייערע וואַרשטאַטן, ווייבער — די הייזער מיט די טעפּלעך, און אלע האָבן זיך געלאָזט צום קלוגן מענטש, צום גרויסן געדאַנקען־קינסט־לער, וואָס האָט אלעמען, געצוי און אמת׳דיק, צוגעטראָפן...

האָב איך שוין אויך נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון זיך אָפּצוזאָגן פון דעם פאַרגעניגן אָפּצושטאַטן א וויזיט דעם גרויסן קינסטלער פון „חכמת היד און חכמת הפרצוף״, בפרט נאָך, ווען כ׳האָב געהערט, אַז דער טרעפער קלייבט זיך שוין אין וועג אריין, אַז עס זיינען שוין די לעצטע טעג פון זיין אויפהאַלט אין שטאָט. ער האָט זיך שוין געיאָגט אוועקצופאָרן, ווייל אנדערע שטעט האָבן געוואַרט אויף אים. ער האָט דערקלערט, אַז יענע מענטשן מוז ער דאָך אויך באַדינען, קען ער דעריבער לענגער נישט זיצן. האָב איך שוין באַשטימט נישט צו זיין קיין אויסנאַם און אים אויך באַזוכן.

ווען כ׳בין אוועקגעגאַנגען צום טרעפער, האָב איך דאָרטן געטראָפן עטלעכע מענטשן, וואָס זיינען אויך געקומען געניסן פון דעם זעלבן פאַרגע־ניגן, ווי איך. כ׳האָב צוגעוואַרט א שטיקל צייט ביז עס איז געקומען מיין ריי. דער מאַן ביי דער טיר האָט מיך ענדלעך אריינגעלאָזט אינעם צימער, וווּ דער טרעפער האָט אויפגענומען. דאָס צימער איז געווען העל באַלויכטן, אין צענטער האָבן זיך געפונען א קיילעכדיקער טיש מיט צוויי שטולן. עס איז פאַר מיר גלייך אויסגעוואַקסן דער טרעפער: א מענטש פון מיטעלן וווּקס מיט א לאַנגער טשופּרינע און געקרייזלטע שוואַרצע האָר. ער איז געווען אָנגעטאָן אין א טונקעלן גאַרניטור—ענלעך צו א קעלנער פון א ביליקן רעסטאָראַן... ער האָט מיך געבעטן זיצן און אליין איז ער אַרונטער הינטער א געמאָלענער דעקאָראַציע, וואָס האָט זיך דאָרטן געפונען. א שטיקל צייט האָב איך געוואַרט. ענדלעך איז ער צוריקגעקומען. ער איז געווען שטאַרק ערנסט, געמאַכט דעם אָנשטעל פון א גייסטלעכן. אין א באַפעלערישן טאָן האָט ער מיר געהייסן באַצאָלן זיין האָנאָראַר. ער האָט אָנגענומען מיין רעכטע האַנט און מיט זיינע שאַרפע אויגן טיף אריינגעקוקט אין מיין פּנים אריין און גענומען זאָגן אלץ וועגן מיר, וועגן מיין פאַמיליע, באַשעפטיקונג, א.א.וו. כ׳האָב ממש געשטוינט...

איך בין ארויס פונעם טרעפער שטאַרק צופרידן. עס איז מיר גלייך איינגעפאַלן א געדאַנק: מען דאַרף אהער ברענגען מיין פרוי, ער וועט מיר שוין זאָגן, צי זי פאַרראַט מיך נישט. ווען כ׳בין צוריק אריין אים זאָגן וועגן דעם, האָט זיך שוין געפונען אויף מיין אָרט אַן עלטערע פרוי. דער

טרעפּער איז ארונטער הינטער דער געמאַלענער דעקאָראַציע. איך בין אים נאָכגעגאַנגען. פּלוצלינג האָבן גענומען שווינדלען מיינע אויגן... הינטער דער געמאַלענער דעקאָראַציע האָבן זיך געפונען, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַ מנין יידן פונעם שטעטל: משה קאַלעקטאָר, חיים זעליג דער באַרבער, שמואל־זאַנוויל דער שדכן, יונה דער סטאָלער, זלמן בער דער שמש פון בית מדרש, און נאָך און נאָך. אַלע זיינען געווען שטאַרק צעטומלט, דערשראָקן, בלייכע, ווי די מתים. דער טרעפּער האָט געהאַט אַ פּנים נאָך ערגער פון אַ טויטן. איך האָב זיך געפונען אין אַ מאָדנער לאַגע, כ׳האָב נישט געוווסט וואָס דאָ קומט פאָר. בינו לבינו האָב איך דערזען אַן אַ שיעור לעכער אין דער דעקאָראַציע. האָב איך געקוקט דורך די לעכער און דערזען פאַר זיך די יידענע, וואָס איז געזעסן אומגעדולדיק ביים קיילעכדיקן טיש, דאָרטן ווו כ׳בין געזעסן אַ ביסל פריער...

מיר איז גלייך אויפן אָרט קלאָר געוואָרן, אַז די געניאַליטעט און גאונישקייט פונעם „חכמת היד און חכמת הפּרצוף“־טרעפּער איז אַ דאַנק דעם מנין יידן, וואָס זיינען געזעסן הינטער דער דעקאָראַציע און דורך די לעכער אָבסערווירט די מענטשן, וועמען זיי קאָנען זייער גוט, און וועגן אַלץ איבערגעגעבן דעם גרויסן געדאַנקען־לעזער און קינסטלער...

אלה תולדות האַלידיי

S.4A

גוט אָפּגעשניטן...

איך בין איינגעשטאַנען אַמאָל אין א האָטעל אין דערבן, ווו מען האָט מיך אַריינגעפּאַקט אין א קליין צימערל מיט נאָך איינעם, מיט א ווילד פרעמדן מאַן. איך האָב אגב פּראָטעסטירט, געבעטן א באַזונדערן צימער, ווייל כ׳בין נישט געוווינט צו וווינען מיט אומבאַקאַנטע מענטשן. אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. דער האָטעל איז געווען איבערפולט, און אין אַלע צימערן האָט מען אַריינגעפּאַקט צו צוויי דריי מענטשן און מערער אויך. ס׳איז געווען ערב יום־טובים — יידישע מיט קריסטלעכע צוזאַמען. איז מען זיך אָנגעלאָפן אין דערבן, פּונקט ווי בײַ זיי אין די שטעט איז אויסגעבראָכן א מגפה, אָדער אַן ערד ציטערניש. אַלע האָטעלן זיינען געווען איבערפולט, קיין שפּילקעלע נישט אַריינצוּוואַרפן. האָב איך קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, און געמוזט איינשטימען איינצושטיין מיטן פרעמדן מאַן אין איין צימער.

ער איז דווקא געווען זייער א פריינדלעך יידל. ער האָט מיך אָפּט מכבד געווען מיט סיגאַרעטן. עס האָט נישט געהאָלפן מיין בעטן זיך בײַ אים, אַז איך רויכער נישט. איך האָב קיינמאָל נישט געהאַלטן דערפון. אָבער מיין שכן, דאָס יידל, איז נישט אָפּגעשטאַנען פון מיר:

— זייט נישט קיין נאַר, פּאַררויכערט א סיגאַר. עס איז זייער גוט און געזונט. אַז איר וועט רויכערן, וועט איר עפענען די אויגן און ערשט דערזען די וועלט! רויכערן ברענגט אַריין גרויס אינטערעס אין לעבן און העלפט צום דערפאָלג אין דער געזעלשאַפט. א חוץ דעם איז סתם נישט שלעכט דאָס רויכערן!

— א דאַנק, איך רויכער נישט!

עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. יענער איז פון מיר נישט אָפּגעשטאַנען, געווען שטאַרק צודרינגלעך און מיך געמאַכט רויכערן. אַריינגעשטופּט מיט כוח א גראָבן סיגאַר אין מויל, אַז כ׳בין שיעור נישט דערשטיקט געוואָרן...

אין מיטן נאַכט פּלעגט מיין מיטשלאָפער אַרומטערקריכן פון זיין געלעגער און זיך אוועקשטעלן בײַ מיין בעט. עס איז אים נישט געפעלן געוואָרן מיין שלאָפן און מיין כראָפּען. האָט ער מיך אויפגעוועקט:

— אנטשולדיקט, רייסט איבער א מינוטקעלע אייער שלאָף. איר שלאָפט צו שווער. אייער אָטעמען לאָזט מיך נישט צומאַכן קיין אויג און אייער כראָפּן קוילעט מיך אוועק! פּרוווט שלאָפן אָן אָטעמען און אָן כראָפּען!...

— עס טוט מיר זייער לייד, — האָב איך זיך אָפּגערופן — צייט איך לעב, האָב איך שוין אַזאַ טבע און רגילות, אַז בעתן שלאָף, אָטעם איך און איך כראָפּע!

— אַז איר וועט מיט מיר שטיין אַ שטיקל צייט, וועל איך אייך פון דער שלעכטער טבע און געוווינהייט אָפּגעוווינען. פאַרלאָזט זיך אויף מיר!...

אפשר אַ צען פופצן מאָל איבער דער נאַכט האָט ער, מיין מיטשלאָפער מיך אויפגעוועקט, אַז כ׳זאָל זיך אָפּגעוווינען פון מיין מיאוסער טבע — פונעם אָטעמען און כראָפּען . . .

איינמאָל אין מיטן נאַכט איז ער אַראָפּגעגאַנגען פון בעט און אויפ־געמאַכט ברייט די פענצטער, און מיך געוועקט און גערופן.

איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן. נישט טויט און נישט לעבעדיק בין איך אַרונטערגעשפּרונגען פון בעט. כ׳האָב געטראַכט אַז אַ שרפה איז אויסגעבראָכן אין האָטעל. כ׳האָב געוואָלט כאַפּן מיינע וואַליזעס און לויפן. כאַפּט מיך יענער אָן פאַר די הענט און פאַרהאַלט מיך:

— וואָס לויפט איר? ווו לויפט איר אין מיטן דער נאַכט? עס איז דאָך נאָך האַלבע נאַכט! זייט נישט נערוועיש. זעצט זיך אוועק, זעצט זיך צו, זייט רויק!

— וואָס האָט איר מיך אין מיטן דער נאַכט אויפגעוועקט? — פרעג איך צעטומעלט, — איר האָט דאָך מיך שטאַרק איבערגעשראָקן!

— אַנטשולדיקט, עס טוט מיר לייד, — ענטפערט מיר יענער רויק און געלאַסן, — כ׳האָב געוואָלט, אַז איר זאָלט באַוווּנדערן די שיינע ראָמאַנטישע נאַכט, וואָס מיר האָבן היינט. קוקט נאָר אָן די לבנה, די שטערן, דעם הימל! עס איז דאָך פשוט אַן עבירה אַזאַ הערלעכע און שיינע נאַכט צו פאַרשלאָפן! ווער שלאָפט עס אין אַזעלכע צויבערנדיקע נעכט?

איך האָב דערפילט אַ בייז האַרץ צו מיין מיט־שלאָפער. אָבער כ׳האָב עס נישט אַרויסגעוויזן פשוט דערפאַר, וואָס יענער האָט אַזוי איידל און מיט אַזוי פיל צערטלעכקייט צו מיר גערעדט. כ׳האָב אים געבעטן צו פאַרמאַכן די פענצטערס און זיך געלייגט צוריק, און מיט אַלע כוחות זיך באַמיט צו שלאָפן . . .

עסן איז מיר אויך אויסגעקומען צוזאַמען ביי איין טיש מיט מיין שכן. אויב עס איז ווייניק געווען וואָס כ׳האָב זיך אָנגעליטן ביי־נאַכט, האָב איך נאָך אויך געמוזט ליידן פון אים בייטאָג, ביים עסן. אַנדערש

האָט עס נישט געקאָנט זיין, פונקט ווי איך האָב געמוזט ליידן און שטיין מיט אים צוזאַמען אין איין צימער, אַזוי האָב איך געמוזט אויך ליידן און זיצן צוזאַמען מיט אים ביי איין טישל, ביים עסן.

מיטן עסן איז נאָך געווען פיל ערגער, ווי מיטן שלאָפן. וואָס פאַר אַ מאכל מיין מיטעסער האָט געגליכן צו עסן, האָב איך דאָס אויך געמוזט עסן, צי כ'האָב געוואָלט אָדער נישט. אַז איך האָב אַנטזאָגט, אַז דאָס און דאָס עס איך נישט, איך קאָן נישט, האָט ער מיך אָנגעקוקט גאַרנישט סימפּאַטיש און פאַרגעוואָרפן, אַז כ'בין נישט קיין גוט דערצויגענער מענטש. ער וועט מיך לערנען ווי צו זיין דערצויגן און ווי זיך באַגיין מיט מענטשן . . .

אַז איך עס קיינמאָל נישט קיין ציבעלעס, אָדער זויער־קרויט, בוראַקעס, געהאַקטע הערינג, געבראָטענע פיש, אָקסן־פלייש, האַרטע אייער, לאָקשן מיט קעז און אַנדערע מאכלים, האָט גאַרנישט געהאָלפן. כ'האָב געמוזט עסן. אויב נישט איז מיין מיטעסער אויף מיר שטאַרק ברוגז געוואָרן, און האָט זיך אויך אָפּגעזאָגט פון עסן.

האָב איך דאָך נישט געוואָלט, אַז דער ייד זאָל ליידן צוליב מיר הונגער, האָב איך שוין אַלץ געגעסן, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט און וואָס אים האָט געשמעקט. כ'האָב געגעסן אַלע זיינע שטאַרקע און שוואַכע מאכלים, געזאַלצענע און געפעפערטע. כ'האָב געליטן און געגעסן און נאָך יעדן מאָל עסן, האָב איך גענומען פאַרציעס ריצנאַייל . . .

ביים טיש האָט מיך מיין מיטעסער אַלעמאָל מכבד געווען מיט שטיקלעך און ברעקלעך פון אַלץ, וואָס ער האָט געגעסן, אַז כ'מוז פאַרזוכן, עס האָט טויזנט טעמים... עס האָט נישט געהאָלפן, ווען אַפילו כ'האָב געגעסן די זעלבע שפּייזן, וואָס ער האָט געגעסן. איך האָב אַלעמאָל געמוזט נעמען פון אים די שטיקלעך מיט די ברעקלעך, וואָס ער האָט מיר אונטערגעטראָגן. ער האָט אָפט, מיט זיין לעפל, מיר אַריינגעשטופּט אין מויל אַריין יויך אָדער קאָמפּאָט פון זיין טעלער... און אַז איך האָב אָפּגעזאָגט, בין איך שוין נישט געווען ביי אים קיין איידעלער און דערצויגענער מענטש...

איין גוטע מעלה האָט ער געהאַט מיין מיטעסער און מיטשלאָפער. ער האָט ווייניק גערעדט. וואָלט ער נאָך געהאַט די טבע פון אַ סך צו ריידן, ווי מען טרעפט אָפט אָן נודניקעס, וואָלט איך מיט אים קיין איין נאַכט נישט איבערגענעכטיקט, דערפאַר טאַקע האָב איך געשוויגן און געלאָזט עס גיין, ווי עס איז געגאַנגען.

אָבער איינמאָל אינמיטן דער נאַכט האָט ער מיך שוין אַרויסגעבראַכט פון געדולד: פּלוצלונג אינמיטן רעכטן שלאָף, האָב איך דערפילט אַז ער, דער פאַרשוין מיינער, איז מיר אַריינגעקראָכן אין מיין בעט... איך האָב

שיעור ניט געמאכט א געוואלד, אז דער גאנצער האָטעל זאָל זיך צוזאמענ־
קומען. אַזאַ העזה, צו קריכן אין מיין בעט. קארג אים זיין אייגן בעט. נישט
גענוג וואָס איך לייד זיך אָן אזוי פיל ביים עסן און ביים שלאָפן—קריכט
ער נאָך צו מיר אין בעט אריין... יענער האָט נאָך מיך שטארק אויסגעמוסרט,
אז איך בין נישט גוט דערצויגן און נישט גענוג קיין איידעלער מענטש. —

אויף מאָרגן, ווען איך האָב פארלאָזט דעם האָטעל אויף צו פאָרן א היים,
בין איך געוואר געוואָרן, אז דער פארשוין, מיין מיטעסער און מיטשלאָפער,
דאָס יידל, וואָס האָט מיך אלעמאָל פאָרגעוואָרפן, אז כ׳בין נישט איידל און
גוט דערצויגן, — איז א משוגענער, און איז ערשט מיט א וואָך צוריק
ארויס פון א משוגעים־שפיטאָל, ווו ער האָט פארבראכט, דאָרטן, קארגע
זעקס יאָר . . .

איך האָב גוט אָפּגעשניטן . . .

ווייבער אויף האָלידיי

א גרופּע ווייבלעך אויף האָלידיי זיינען געזעסן און צווישן זיך געשמועסט. און אז ווייבלעך שמועסן, איז, פאַרשטייט זיך, וועגן מענער, ווייל וועגן וואָס אנדערש קאָנען ווייבער שמועסן?

רופט זיך אָפּ איין יונג ווייבל, פלאַם־פייער:

— מיסעס זויערזאַלץ, איר האָט אייער מאַן געלאָזן אין דער היים, אין יאָהאַנעסבורג?

— יעס, ער איז אין דער היים, אין יאָהאַנעסבורג!

— איך אויף אייער אָרט, וואָלט אזוי נישט געטאָן. מיין מאַן איז קראַנק, האָב איך אים איבערגעלאָזט אין שטוב, אָבער אייער מאַן, מיסעס זויערזאַלץ, איז דאָך געזונט ווי א נוס, אַן עין הרע!

— „וועל", מיין מאַן איז שטאַרק „ביזי". ער האָט וויכטיקע ביזנעס צו „אַטענדן"!

— יאָ, „וויכטיקע ביזנעס"! איר קאָנט זיי נאָך נישט די מענער. זיי זאָגן ביזנעס, און מיינען אנדערע „ביזנעס". מען קאָן זיי די פייגעלעך!...

רופט זיך אָפּ פון דער גרופּע ווייבער, אַן עלטערע פרוי:

— איר זאָגט פייגעלעך! וואָס ווייסט איר, וועד די מענער זיינען. זיי שיקן אוועק די ווייבער אויף האָלידיי און אַליין לעבן זיי א חזירשן טאָג. יאָס, עס פעלן יונגע ווייבלעך, אָדער מיידלעך? כ'האָב אמאָל געשיקט מיין מאַן אויף האָלידיי און אַליין געבליבן אין דערהיים. טרעפט מיך אַן מיין דראַגיסט און מיר שמועסן צווישן זיך. ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אז מיין מאַן איז אוועקגעפאָרן אויף האָלידיי, איז ער צו מיר צוגעשטאַנען מיט די ווערטער: — „מיסעס פויגעליוך, אפשר וועלן זי גיין פאַר א „דרייוו"? האָט דאָך מיר נישט געפאַסט אים אָפּצוזאָגן, ער איז דאָך מיין דראַגיסט און דערביי א גאַנץ פיינער יונגערמאַן. האָב איך אים נאָר געפרעגט: וואָס וועט אייער ווייב זאָגן? האָט ער מיר געענטפערט מיט א ממזרישן שמייכעלע, אז זיין ווייב איז אוועקגעפאָרן מיט די קינדער אויף האָלידיי אויף פיר וואָכן, און כ'דאַרף זיך נישט קימערן, עס וועט אַלץ זיין אין בעסטער אָרדענונג!...

האָבן אלע ווייבער אויסגעשטעלט נייגעריקע אויגן און געפרעגט מיט איינמאָל:

— נו, מיסעס פויגליוך, זיינט איר געגאנגען, האַ?

— געוויס, ווי לאָזט מען עס אויס אזא „אָפּאָרטוניטי״? בין איך טאקע געווען שטאַרק טשיקאַווע צו זען ווי מיין דראגיסט וועט זיך אויפפירן, ווי ער וועט האַנדלען לגבי א פרעמדער אשה. עס איז דאך אלץ אינטערעסאנט צו וויסן... מיר זײַנען אַרויסגעפאָרן ווייט פון שטאָט. עס האָט מיך דערמאָנט אָן מיינע מיידלשע יאָרן... ער האָט אויסגעגעבן יענעם אָוונט אפשר צען פונט. אזוי, דאכט זיך, איז ער אַ קאַרגער. ביי אים אין סטאָר קען מען קיין פעני נישט אָפּדינגען—און דאָ, פאר מיר, איז ער געוואָרן אזא מילדער, אַזאַ אָפענע האַנט, א דזשענטלמען! די פונטן זיינען געפלויגן איינס און צוויי,

נאָר אויפגעפירט האָט ער זיך, זאָל ער האָבן אַזאַ יאָר! שטיקער פלייש האָט ער פון מיין לייב געריסן, ווי כ'וואָלט געלעגן אויפן „אָפּעריישן־טייבל"... ער האָט מיך געקושט יענעם אָוונט א סך מער, ווי מיין מאַן פאַר דער גאַנצער צייט זינט ער האָט חתונה געהאַט. איך זאָג אייך, אַז מען קאָן זיי גאָרנישט אָנגעטרויען די מענער. ווער עס קאָן זיי נישט, איך אָבער קאָן זיי גוט!...

דאָ האָט זיך, פּלוצלינג, אָפּגערופן פון דער גרופּע ווייבער — א יונג ווייבל מיט א קרענקלעכן אויסזען, וואָס איר נאָמען איז געווען מיסעס קראַ־פירשטיין:

— איך, „מיי דיער לײדיס!" האָב געהאַנדלט קליגער. כ'ווייס, אַז די מענער קאָן מען נישט געטרויען. זיי קוקן אויס אויף דעם מאָמענט, אַז די ווייבער זאָלן אוועקפאָרן און זיי, די מענער, זאָלן זיין פרייע פייגעלעך. האָב איך דערפאַר געטאָן קליגער. פאַר מיין אוועקפאָרן האָב איך אָנגעזאָגט מיינער א שכנה, א מיסעס פּעלצקלאַפּ, זייער א ווילע פרוי, אַז זי זאָל האַלטן אַן אויג אויף מיין מאַן. אויב זי וועט עפּעס דערזען, עפּעס דערשמעקן, אַז ער גייט ניט אויפן גלייכן וועג, זאָל זי מיר גלייך שרייבן, באַלד שיקן א בריוו. מיסעס פּעלצקלאַפּ וועט אים שוין האַלטן אויפן אויג. איך קען זיך אויף איר פאַרלאָזן. זי איז קלוג און פּעיק צו אַזעלכע זאַכן!

אינמיטן פון אָט דעם שמועס איז אָנגעקומען דער בריווטרעגער און געבראַכט פאַר מרס. קראַפּירשטיין א בריוו. דאָס איז נישט געווען קיין בריוו פון איר פריינדין מיסעס פּעלצקלאַפּ און ניט פון מאַן, נאָר, גראַד א בריוו פון איר אייגענער מאַמען, וואָס האָט איר געשריבן, נישט מער און נישט ווייניקער, אַז זי זאָל גלייך איינפּאַקן אירע זאַכן און אהיים קומען — איר פריינדין מיסעס פּעלצקלאַפּ, ווען זי האָט געגעבן צו האַלטן אויג אויף איר מאַן און אויף אים השגחה געבן, אַז ער זאָל נישט ארומגיין מיט פרעמדע פרויען, גייט אליין מיט אים ארויס, און לעבן זיך ביידע א גוטן טאָג...

דער געמיטלעכער שמועס פון די ווייבער איז, פּלוצלונג געשטערט געוואָרן, און אַלע ווייבער האָבן גענומען פּאַקן זייערע באַגאַזשן אויף צו פאָרן אהיים. . .

אַ טעלעפאָן געשפּרעך...

מיסעס פיינגלאַנץ איז אַוועקגעפאָרן אויף האָלידיי און איבערגעלאָזט איר מאַן אין שטאָט. עס איז דאָס ערשטע מאָל, אַז זי פאָרט אויף האָלידיי אַליין. עס איז דאָס צווייטע יאָר נאָך איר חתונה. פאַראיאָרן איז זי געפאָרן אויף איר „האָני־מון־האָלידיי״ מיט איר ליבלינג מאַן — מר. פיליפ פיינגלאַנץ.

כמעט יעדן טאָג האָבן זיך מאַן און ווייב פאַרבונדן טעלעפאָניש און אויסגערעדט זייערע פאַרבענקטע און פאַרליבטע הערצער. מאַכט זיך איינ־מאָל, בעת זייער טעלעפאָנישער פאַרבינדונג, אַז אין זייער געשפּרעך האָט זיך דורכן טעלעפאָן, ווי עס טרעפט אָפט, אַריינגעמישט אַ פרעמדע שטימע.

ווען מיסעס פיינגלאַנץ האָט מיט פלאַמיקער ליבע, מיט אויפיל בענקשאַפט און געפיל, גערעדט דורכן טעלעפאָן צו איר געליבטן מאַן, האָט צום שלימזל זיך אַריינגעמישט אַ באַס־שטימע פון אַ מאַן, אַ סוחר פון אַ „דזשענעראַל סטאָר״ און האָט צעמישט און צעשטערט זייער געשפּרעך:

— האַלאָו, „דיער״, פיליפ, דו ביסט עס?

— „יעס לאַוו״, דאָס בין איך! וואָס הערט זיך ביי דיר, ווי פילסטו זיך?

— „דזשענעראַל סטאָר באַזאַר״! פרישע קרויט, ציבעלעס, קנאָבל!

— וואָס, וואָס? וואָס פאַר אַ באַזאַר אינמיטן?

— האַלאָו, „דיער״, דו הערסט? עס האָט זיך ווער אַריינגעמישט אין אונדזער געשפּרעך, אַ פרעמדע שטימע!

— יעס, איך הער, איך הער, כ׳הער דיין זיס קולכל, וואָס איז זיס ווי, —

— בלויע זייף, פאַראַפין, קאַסטיק־סאָדע!

— ווער איז דאָרטן ווידער?

דאָס רעדט עמעצער, אָבער זאָל ער ריידן! טייערע, וואָס הערט זיך, ווי איז דאָס וועטער, דאָס באָדן זיך?

— „טרעפּס פאַר רעטץ״, פּופּצן שילינג אַ דאָזן!

— אַן אָנשיקעניש, אונדזער געשפּרעך ווערט געשטערט, טייערער!

— זאָל עס דיך נישט אַרן, ער וועט באַלד אויפהערן, מיין שיינע בלום!

— זאַלץ, פעפער, ליכט פון בעסטער קוואַליטעט!

— ווען וועט שוין יענער אויפהערן?

— זאָל ער ריידן קעצעלע. עס טריקנט אים שוין אין האַלדז!

— סארדינס, „וויניגער״, „דזשעמס״, מארמאלאדס!
— וואָס זאָגסטו צו יענעם פיליפ. ער הערט אלץ נישט אויף!
— עס נודיעט מיך שוין זיין ריידן!
— לעמאָנס, „לעמאָן־דזשוס״ פיינע קוואליטעט!
— וואָס זאָגסטו?
— ניין, דאָס זאָג איך נישט, נאָר יענער!
— אַלקאָ־סעלצער, „אינאס פרויט־סאלץ״!
— אָן אָנשיקעניש, די צייט ווערט שפעט און יענער טרעט נישט אָפּ פון טעלעפאָן!
— יעס, אָן אָנשיקעניש. גאנצע נעכט טראכט איך פון דיר. כ׳קאָן נישט שלאָפן!
— אספראס, אספערינען, „קורא־פאודערס״, „העדעק־פאודערס״!
— וואָס זאָגסטו, טייערע, הא?
— נישט איך זאָג, יענער, דער „סטאָר־קיפּער״, זאָגט!
— ווייסט טייערע, איך ליב דיך נאָך אלץ, ווי פון ערשטן טאָג אָן!
— חזיר־פעטס, יאָ, מיר האָבן עס!
— וואָס, וואָס? וואָס זאָגסטו?
— ניין, ניין, נישט איך האָב עס געזאָגט. יענער, יענער, דער טייוול האָט אים אַנגעטראָגן אויף אונדזער טעלעפאָן־געשפּרעך. כ׳ווער שוין טויב אים הערנדיק!
— וואטע, די בעסטע היגיענישע „קאָטן־וואול״, באנדאזשן!
— פיליפ, עס דערנערווירט מיך שוין!
— נערוועז־פּילס, טאָניקס, טאָבלעטס!
— פיליפ, פיליפ!
— יעס, טייערע. איך הער. איך פיל, אז דו רעגסט זיך שוין אויף. איך פיל, אז דיין פנים פלאמט דיר. פיר נישט איבער דיין שיינעם „קאָמפּלעקשאָן״!
— אויל־פּארב אלע קאָלירן, 2 פונטיקע „טינס״, גוטע סחורה!
— ווען וועט ער שוין אויפהערן דער ליידאק, דער „נאָבאָדי״?!
— איך הער נישט יענעם. איך הער, טייערע, דיינע זיסע ווערטער הער איך!
— א פעסל הערינג? יעס, שמאַלץ־הערינג!
— וואָס רעדסטו, פיליפ?
— נישט איך, יענער, דער ליידאק, וואָס מישט זיך אריין!
— זאָל איך אפשר די צווייטע וואָך קומען אהיים פיליפ?
— מיר האָבן דאָס אין גרויסע „סטאָקס״, נאָר וואָס באקומען, ביליק!
— עס דענערווירט מיך שוין. כ׳וועל שוין די נאַכט נישט שלאָפן!
— פּראשקעס צו וואַנצן, צו אינסעקטס, אלע סארטן, גאַראַנטירט!

— דו הערסט ווי יענער שטערט אלץ אונדז? מיר וועלן זיך היינט נישט צוזאמענריידן, אויסגעשלאָסן! ווען איך קריג יענעם, וואָלט איך אים אוועקגעקוילעט!

— מעסער, אלע סארטן, גאָפּל, לעפל, האַק־מעסערס, ראזיר־מעסערס פון בעסטער קוואליטעט!

— וואָס וויל יענער? כ׳קאָן שוין מער נישט! זיי געזונט, טייערע, עס דיין „דינער" מיט א גוטן אפעטיט!

— „קאַסטער־אויל", „ברוקלעקס", „פינאַמינט", און אנדערע אפּפּ־ר־מיטלען!

— גוואלד, פיליפּ, איך קאָן מער נישט ריידן, זיי געזונט, גוד־ביי! איך וועל דיר מאָרגן טעלעפאָנירן!

— פרישע מילך יעדן מאָרגן ווערט דעליווערט!

— וואָס פאר א מילך?

— „סוויט־מילך, סאוער־מילך"!

— פיליפּ, הער שוין אויף!

— גוד־ביי, טייערע, זיי געזונט. איך קוש דיך!

— פאַרזיכטיק מיט דער פארב!

— פיליפּ, פיליפּ!

— יעס, דיער!

— „נאָ דיער! אונדזערע סחורות זיינען די ביליקסטע אין שטאָט!

— גוד־ביי!

— גוד־ביי!

— גוד־ביי ! ! !

און דער טעלעפאָן־געשפּרעך האָט זיך געענדיקט...

האָלידיי־נאַכוויִענישן

מיין שכן האָט פאַר מיר זיך אָראָפּגערעדט פון האַרצן:

— איר קאָנט מיך אויסהערן. איר מעגט עס אַפילו באַשרייבן אין די בלעטער, וואָס כ׳ליַיד זיך אויס פון „די האָלידייס״ און פון „נאָך די האָלידייס״. באַלד ווי די האָלידייס ענדיקן זיך, הייבן זיך פאַר מיר אָן צרות, יאָדענישן, קרענקונג און גריזאַטע!

נאַיוו מענטשן מיינען, אַז צרות און קלאָפּאָטן מאַכט מען דורך, איידער מען פאָרט אויף האָלידייס. און איך זאָג, אַז דאָס איז ניט אמת. די נאַכוויִענישן פון די האָלידייס מיט די צרות קומען ערשט שפּעטער, ווען מען קומט צוריק אַ היים!

איר וועט אוודאי טראַכטן, אַז כ׳פאָר אַזוי אָפּט אויף האָלידייס און ווען איך קום צוריק אַהיים, האָב איך דערפון קרענקונג און דאָס זיינען מיינע האָלידייס נאַכוויִענישן. איז אויב איר דענקט אַזוי, זייט איר, זייט מיר מוחל, נאָך אַ גרינער. זייט וויסן, אַז כ׳פאָר, קיינמאָל, נישט אויף קיין האָלידייס. כ׳האָב נאָך קיין האָלידיי אין מיין לעבן נישט אָנגעקוקט. איך האָב, אָן עין הרע, אַ גרויסע פאַמיליע — זין מיט טעכטער, שניר מיט איידעמס, מיט אַ וויַיב, און אָט זיי פאָרן עס שוין פאַר מיר אויך אויף די האָלידייס.

ווען דער ליבער גאָט גיט אונדז דעם הייליקן יום טוב „קריסמעס״ דעם האָלידיי־סעזאָן, לאָזן זיך אַרויס מיינע משפחה־לייט אויף זייערע האָלידייס. זיי צעפאָרן זיך אין אַלע עקן פון אונדזער גאָלדענער אַפריקע צום ים און יבשה, צו שטעט און צו ווילדערנישן. עס ווערט אין הויז אָן איבערקערעניש: מען פּאַקט און מען גרייט זיך — און היידאָ! מיך, פאַרשטייט זיך, לאָזט מען איבער אין דער היים. מען קען דאָך נישט לאָזן אַ הויז אויף הפקר, בפרט נאָך היינטיקע ציַיטן, ווען אַזוי אָפּט הערט מען פון גנבות און איינברוכן.

זיץ איך אין דער היים און רו זיך אָפּ פונעם טומל פון מיינע בני־בית און פון מיין וויַיבס מויל. מיין וויַיב האָט אַן אמתן מויל, אַז עס איז ווערט גאָלד, אויב זי שווייגט . . .

ביטער, זייער ביטער ווערט מיר, ווען מיין בני־בית, די משפחה־לייט, הייבן אָן קומען אַהיים. דאַן הייבן זיך אָן די צרות. ס׳איז מיר אסור נישטאָ וואָס מקנא צו זיין.

ווען מיינע בני־בית קומען צוריק פון האַלידייס, קוקן זיי אויס, ווי נאָך אַ פּאָגראָם. אָפּגעבערענטע, פאַרשרפּעטע מיט בראַנד־בלאָזן אויף די לייבער. דאָס הויז ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שפּיטאָל. מען שמירט זיך און מען רייבט זיך, אַז עס גייט אַזש אַ פּאַרע. מען לייגט זיך אין די בעטן און מען לייגט צו כל'ערליי רפואות צו די בראַנד־בלאָזן און מכות, וואָס מע האָט געבראַכט פון די האָלידייס, און ריצנאָויל גיסט מען אין די העלדזער, ווי ביי לייטן שאַמפּיין... דאָס אַלץ איז נאָך גאָרנישט, אַ קלייניקייט קעגן די ריכטיקע נאָכווייענישן, וואָס קומען ערשט שפּעטער!

קודם כל דערוויס איך זיך, אַז מיין זונדל האָט זיך ערגעץ אויף אַ פּאַרם פאַרליבט אין עפּעס אַ געשטופּלטער שיקסע, און ער וויל פון קיין זאַך נישט וויסן. ער גייט מיט דער יפת־תואר גאָר, בקרוב, חתונה האָבן...

מיין איידעם האָט זיך אויף דער האָלידיי באַקענט מיט אַ יונגער בלאָנ־דינקע, זי איז גראַד אַ ייִדישע, און ער וויל נישט קומען אַהיים צו זיין ווייב. און זיין ווייב, מיין טאָכטער, זיצט, נעבעך, דערוויל אויף מיין קאָפּ...

מיין אַנדערע טאָכטער האָט פון דער האָלידיי אַ היים געבראַכט אויף קעסט איינעם אַ הויכן יונגאַטש מיט ברייטע הויזן. זי זאָגט, אַז ער איז אַ „סיילאָר". ער פירט די שיפן, נישט קיין פּראָסטער חי וקים. שלאָפט ער און עסט ביי מיר אָן אַ פּרוטה.

מיין שנור, ווידער, קוקט ברוגז אויף מיין זון. זי רעדט צו אים נישט אויס קיין גלייך וואָרט. וואַרפט און זידלט זיך, אַז מיין פּאָטערלעכע האַרץ ווערט מיר צעבראָכן. — וואָסי? באשר ער האָט איר געשטערט אויף דער האָלידיי אַרויסצוגיין מיט עפּעס אַ ברונעטן יונגענמאַן.

מיין ייִנגערע טאָכטער, וואָס זי איז קוים אַלט געוואָרן 16 יאָר הייַנטיקן שמחת־תורה, אויך זי איז צוריק געקומען איינגאַנצן אַ פאַרענדערטע. בלאַס, פאַרטראַכט, רעדט נישט, עסט נישט, שלאָפט נישט. זי קוקט נאָר אויף די פּאָטאָגראַפיעס פון עפּעס איינעם אַ פאַרשוין אין זעלנערשע בגדים. אין מיטן דער נאַכט שטייט זי פאַרן פענצטער און קוקט אין הימל אַריין. איך האָב זיך דערוווּסט, אַז זי האָט אויף דער האָלידיי זיך באַקענט מיט עפּעס אַ זעלנער, אַ פּליער.

און מיין ייִדענע, דאַכט זיך, אַז זי איז אַ שקראַב, אַ שברי־כלי, אויקעט און קרעכצעט אַ גאַנצן יאָר, טאָג און נאַכט, מיט איר רעוומאַטיזם, אַרטרעטיזם, דוביטיס, גאָלדשטיינער, לעבער, מאָגן, האַלדז, נירן — און וואָס נישט? אויך זי האָט זיך שטאַרק געענדערט, האָט באַקומען אַן אַנדער לשון. רופט מיך „אָלד־פעשאָן", האָט צו מיר טענות, אַז כ'האָב איר נאָך קיין מאָל נישט אַרויסגענומען פאַרברענגען אין אַ נאַכט־קלוב. פאַר די 3 וואָכן, וואָס זי איז געווען אַוועק אויף האָלידיי, איז זי כמעט יעדע נאַכט געווען אין די נאַכט־

קלובן און אין אנדערע אמוזיר־פּלעצער, און ביי מיר פינצטערט זי נעבעך אפּ א לעבן...

איר פאַרשטייט מיינע צרות. דאָס זיינען די נאָכווייענישן פון די האָלידייס וואָס כ׳האָב, ווען מיינע בני־בית קומען בשלום א היים פון די האָלידייס. ווען כ׳ווייס ווער עס האָט די האָלידייס אויסגעקלערט וואָלט איך אים צע־טראָטן אויף פּיץ־פּיצלעך!

אויב איר ווילט, קאָנט איר עס באַשרייבן אין די בלעטער. זאָלן יידן וויסן און זיין געהיט פון די האָלידייס מיט די נאָכווייענישן!...

געוואָרן טויב און שטום

איך האָב זיך מיט אים באַקענט, ערגעץ אויף וואַקאַציע,ביים ים. ער איז געווען אן ענגלישער ייד. אלע מאָל גוט געקליידט, געטראָגן א שטייפן קאָלנער מיט א פיין אויסגעבונדענעם קראוואט, אפילו אין די גרעסטע היצן. ער האָט מיט מיר געשלאָסן באַקענטשאַפט. מיר האָבן געגעסן ביי איין טיש און געשמועסט צוזאמען. איך בין אָבער געוואר געוואָרן, אז ער איז אביסל א טויבלעכער, נישט אביסל א טויבלעכער, נאָר טאַקע גוט טויב, טויב, ווי די וואַנט.

אז ער האָט צו מיר עפּעס געוואָלט זאָגן, ריידן, האָט ער הויך געשריען, געשריען צו מיר, אז איך בין שיעור נישט פארטויבט געוואָרן פון זיין שרייען. ווען ער האָט מיר געוואָלט עפּעס דערציילן, האָט ער זיך דערנעענטערט צו מיר און געשריען אויפן קול, אז אלע מענטשן אין האָטעל האָבן זיך ארומגעקוקט, זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אָנגעווענדט אויף אונדז.

ווען ער האָט צו מיר גערעדט, אָדער בעסער געזאָגט, ווען ער האָט צו מיר געשריען, האָט ער מיט איין האַנט זיך פארשטעלט דעם מויל און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער זיך געהאלטן פאר אן אויער, און אזוי צו מיר געשריען... דאָס האָט ער אזוי גערעדט...

די ארומיקע מענטשן האָבן דאָס צוגעקוקט און דער פּועל יוצא דערפון איז געווען, אַז אלע האָבן געדענקט, אז דער טויבער בין איך און נישט דער ענגלישער ייד. אלע אינעם האָטעל האָבן צו מיר גענומען ריידן, ווי צו א טויבן. מען האָט נישט גערעדט צו מיר, נאָר געשריען, געמאַכט אזעלכע קולות, אז כ׳בין שיעור נישט פארטויבט געוואָרן אויף אן אמת...

איך האָב געפּרוווט דערקלערן, אז כ׳בין נישט קיין טויבער, אַז מען זאָל צו מיר נישט שרייען, ווי צו א טויבן. איך הער גוט אזוי אויך, ווען מען רעדט אפילו צו מיר שטיל. אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. מען האָט צו מיר גערעדט מיט א לשון, אז איך בין שיעור, שיעור אויף אן אמת, נישט טויב געוואָרן...

אלע אין האָטעל האָבן געקלערט וועגן מיר, אז איך בין א טויבער, א טויבער פון גאָטס גענאַד—און אַלע האָבן מיך ווי אזעלכן באַהאַנדלט. מען האָט מיך פארשריען פון אלע זייטן. עס האָט נישט געהאָלפן מיין כסדרדיקע

דערקלערן און פּראָטעסטירן, אַז כ׳בין נישט טויב, אַז איך הער ריכטיק און קלאָר, פּונקט ווי אַלע אַנדערע נאָרמאַלע און געזונטע מענטשן. עס האָט אָבער נישט געהאָלפֿן. אַפֿילו דער קעלנער האָט צו מיר גענומען ריידן, ווי צו אַ טויבן...

האָב איך געזען, אַז איך בין שלעכט אַריינגעפֿאַלן, האָב איך באַשלאָסן עוקר זיין פֿון מיין באַקענטן ענגלישן יידן. נאָר אַזוי ווי כ׳האָב נישט געקאָנט באַליידיקן אים, בין איך געפֿאַלן אויף גאָר אַ געניאַלן פּלאַן, אַ גוטער המצאה: איך וועל מער נישט שרייען צו אים ביים ריידן. במקום רייסן זיך דעם האַלדז, וועל איך בעסער צו אים ריידן אויף שטום-לשון, ריידן מיט די הענט, מיט די אבֿרים, ווי מען רעדט צו אַ שטומען.

איך האָב נישט לאַנג געטראַכט און געלאָזט רוען מיין האַלדז, גענומען ניצן מיינע הענט און גענומען ריידן צום ענגלישן ייד אויף שטום-לשון. מיינע הענט האָבן מיך אַ סך אַרויסגעהאָלפֿן און כ׳בין געוואָרן מלא שמחה פֿאַר מיין קלוגן איינפֿאַל . . .

אָבער לאַנג האָט מיין גליק נישט אָנגעהאַלטן. אַזוי ווי אין האָטעל האָבן זיך אָפּט געביטן די מענטשן, און ווען די פֿריש-געקומענע מענטשן האָבן דערזען, אַז איך רייד מיט די הענט, האָבן זיי געמיינט, אַז איך בין אַ שטומער, און אַלע האָבן זיי צו מיר גענומען ריידן אויף שטום-לשון. אַלע האָבן גענומען צו מיר ריידן מיט די הענט. קיינער האָט צו מיר נישט אויס-גערעדט אַ וואָרט. מען האָט מיך געהאַלטן פֿאַר אַ שטומען...

ווער עס האָט געוואָלט עפּעס צו מיר זאָגן אָדער פֿרעגן, האָט ער עס געמאַכט מיט מאַניערן, ווי צו אַ שטומען. אַפֿילו מיין שכן, דער ענגלישער ייד, האָט אויך צו מיר גענומען ריידן נאָר אויף שטום-לשון. עס איז אים דאָס שטאַרק געפֿעלן געוואָרן, ווייל עס איז פֿאַר אים געווען אַ סך באַקוועמער. אַפֿילו דער קעלנער וואָס האָט מיך באַדינט, האָט צו מיר גענומען ריידן און באַציען זיך, ווי צו אַ שטומען..

האָב איך דערזען, אַז איך בין גאָר שטאַרק און ביטער אַריינגעפֿאַלן. איך האָב זיך אַליין געגראָבן דעם קבֿר. עס איז טאַקע ווי מען זאָגט, אַז אַ מענטש קען זיך אַליין טאָן דאָס גרעסטע שלעכטס. איצט האָב איך דאָס דערפֿילט, און מיר איז געוואָרן גאָר ביטער.

אָבער בכדי נישט צו פֿאַרבלייבן קיין טויבער און קיין שטומער, וואָס איך בין דאָס קיינמאָל אין מיין לעבן נישט געווען און כ׳האָב עס נישט בדעה צו זיין, האָב איך באַשלאָסן עוקר צו זיין און איך בין אַוועק פֿון האָטעל ווי אַן אונטערגעשאָסענער...

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין יענעם האָטעל קומען אָפּט טויבע און שטומע אויף זייערע וואַקאַציעס. איך האָב געהאַט אַ גליק, וואָס כ׳בין אַרויס אין צייט. ווען, כ׳וואָלט דאָרטן געשטאַנען נאָך אַ ביסל, וואָלט איך דאָרטן

נעוואָרן אמת קראנק, און די קרענק מיינע וואָלט געווען — משוגעת . . א נארמאלער מענטש קאָן דארטן לייכט משוגע ווערן. האט מען טאָקע אויפן גאָס אויף מיר אנגעוויזן ווי אויף א משוגענעם, וואס איז געפאלן א קרבן פון יענעם האטעל...

איך האָב נאָך געהאט מזל . . .

צוליב אַ פּאָר הויזן...

אַ קאָמיש-טראַגישע פּאַסירונג האָט זיך אַמאָל פאַרלאָפן אין דער גאָל־דענער שטאָט יאָהאַנעסבורג, אַ קוריאָזע געשיכטע, וואָס פּאַסירט זייער זעלטן אויף אונדזער וועלטל. דערפאַר איז טאַקע כדאַי איר צו פאַרצייכענען און צו פאַראייביקן.

געווען איז אַט וואָס. איינמאָל אין אַ זונטאָג־טאָג, ווען די אַפריקאַנער זון האָט זיך, ווי איר טבע, שטאַרק צעברענט, בין איך מיר געגאַנגען צוריק פון „שווימינג־באַד" — אַ היים. אויפן וועג האָב איך זיך אַריינגע־כאַפּט צו מיין לאַנדסמאַן דייוו פישבעק, אַזוי הייסט ער אין אַפריטשקע. אין דער אַלטער היים האָט מען אים גערופן זלמן דוד פישזאַק. האָב איך מיין לאַנדסמאַן דייוו׳ן געטראָפן זיצן אין אַ ווינקל אומעטיק און די פרוי־זיינע — העלען — אין אַ צווייטן ווינקל אַ פאַרוויינטע.

אויפן ערשטן מאָמענט האָבן מיר אויסגעקוקט שטאַרק טרויעריק און טשיקאַווע די צוויי באַזונדערע פּאָזיציעס פון מיין לאַנדסמאַן מיט זיין פרוי. אַ געדאַנק איז מיר דורכגעלאָפן, אַז עס האָט עפּעס ביי זיי געטראָפן ניט קיין פריילעכע זאַך. ס׳האָט, אפשר, אַן אומגליק זיי געטראָפן. זיי זיצן אוודאי שבעה. כ׳בין געבלין שטיין אַ פאַרלאָרענער, ווי געליימט און נישט געוווּסט וואָס מען טוט און וואָס מען זאָגט.

מיין לאַנדסמאַן דייוו פישבעק האָט באַלד דערקענט מיין פאַרלעגנהייט און צערודערונג, האָט ער מיך געבעטן זיצן און זיך צו מיר אָפּגערופן אין אַ געמיטלעכן טאָן:

— הערשל, זיי נישט צעבראָכן. ס׳איז גאָרנישט געווען! מיין פרוי האָט זיך נאָר מיט מיר אַביסל „דורכגעשמועסט" צוליב אַ פּאָר הויזן, נישט מער.

איך האָב לחלוטין נישט פאַרשטאַנען וואָס מיין לאַנדסמאַן רעדט צו מיר, וואָס ער מיינט „דורכגעשמועסט" זיך צוליב אַ פּאָר הויזן. מאָדנע האָבן מיר געקלונגען זיינע ווערטער. עס איז מיר טשיקאַווע געווען דער ענין, האָב איך זיך אָפּגערופן:

— דייוו, דערצייל בולטער, קלאָרער, זאָג מיר אָפן וואָס דו מיינסט!

נאָך אַ קורצער פּויזע האָט מיין לאַנדסמאַן מיר דערציילט אַ קוריאָזע געשיכטע:

— מיין פרוי — האָט ער אָנגעהייבן — האָט אויף היינטיקן זונטאָג באַקומען אַן איינלאַדונג פון אונדזער סאָסייטי אויף אַרויסצופאָרן צו זייערן אַ פּיקניק. און ווען די גליקלעכע שעה האָט געשלאָגן און זי האָט זיך געגומען גרייטן אין וועג אַריין אָפּצוריכטן גלות־פּיקניק, האָט זיך מיין פרוי אַרומגעזען, אַז עס פעלן איר אויס אַ פּאָר תחתונים, אַ פּאָר הויזן... ווי קאָן עפּעס אין אונדזער מדינה אַ יידענע זיך לאָזן אויף אַ פּיקניק אָן הויזן? איז פרעג שוין גאָרנישט הערשל, וואָס זי האָט מיר דערפאַר צוגע־טיילט, וויפיל זי האָט מיך דערפאַר געפּייניקט און געעקבערט! אויף צו להכעיס איז זונטאָג, און די געשעפטן זיינען געשלאָסן. איך האָב איר נישט געקאָנט שאַפן אַ פּאָר הויזן! איך האָב זיך ביי איר געבעטן מיט גוטן און מיט בייזן: העלעניו, „דאַרלינג", עס זיך נישט אָפּ דיין האַרץ, און נישט מיין האַרץ, זאָל זיין אָן הויזן. מען וועט דיר נישט אַרויסשיקן פון דער מדינה, אַז דו וועסט פאָרן אויפן פּיקניק אָן הויזן, נאָר אין אַ קליידל! אָבער זי האָט זיך פאַרעקשנט — הויזן! —

איך האָב געשמייכלט און זיך פאַרשטעלט מיט דער האַנט נישט צו לאַכן. מיין לאַנדסמאַן האָט עס באַמערקט.

— דו שמייכלסט, הערשל, עס איז גאָרנישט צו לאַכן. דו אויף מיין אָרט וואָלסט געוויינט און נישט געלאַכט! אויך זי, מיין העלעניו, האָט שוין אויך זיך געגנוג אָנגעוויינט! איך האָב איר שוין פאָרגעלייגט מיינע הויזן, וויל זי נישט. זי זאָגט, אַז זיי זיינען צו לאַנג פאַר איר. זי וויל קורצע הויזן. האָב איך שוין איר געזאָגט: נעם מיינע הויזן און פאַרקירץ זיי. שנייד זיי אונטער, טו מיט זיי וואָס דו ווילסט! שנייד זיי, פליק זיי, קירץ זיי, ברען זיי, טו מיט זיי וואָס דיין האַרץ גלוסט און לאָז מיך אָפּ, לאָז מיר צורו! אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. זי האַלט אין איין וויינען, זי פאַריאַדעט מיך צום טויט: גיב איר הויזן!

ווען כ'האָב אויסגעהערט מיין לאַנדסמאַנס טראַגעדיע, האָב איך שטאַרק געוואָלט לאַכן. טאַקע לאַכן מיט יאַשטשערקעס. אָבער איך האָב נישט געלאַכט, כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז לאַכן וואָלט געווען אַ גרויסע געפאַר. עס וואָלט געבראַכט צו אַ פאַמיליע־סכסוך... האָב איך געשוויגן. פאַרביסן די ליפּן, אָנגעשטעלט אַן ערנסטע מינע און צוגעגאַנגען צו מיין לאַנדסמאַנס פרוי, געוואָלט פאַרטרייבן איר אומעט און אויפרעגונג. מיין לאַנדסמאַנס פרוי העלען האָט אויפגעהויבן אירע פאַרוויינטע אויגן און געגומען שמייכלען מיט פולער שמחה און גדולה:

— אָ, הערי, אָט אַזעלכע הויזן, ווי דו טראָגסט, דאַרף איך האָבן. יאָ, יאָ פּונקט אַזעלכע קורצע הויזן, דיינע הויזן! —

און דערביי האָט זי מיך תיכף אריינגעבעטן אין א שכנות'דיקן צימער און מיר אריינגערוימט אויפן אויער, אז כ'זאָל אויסטאָן מיינע הויזן...

אין דעם מאָמענט האָב איך זיך אביסל פאררויטלט און זיך נישט איבעריק באקוועם געפילט. כ'האָב אָבער צוליב געטאָן מיין לאנדסמאן מיט זיין פרוי און צוריק גוט געמאכט זייער שלום־בית... אָבער מיין שלום בית איז דאן צעשטערט געוואָרן. עס האָט עמעצער דערזען דורכן פענצטער ווי כ'האָב אויסגעטאָן מיינע הויזן אינעם שלאָף צימער פון מיין לאנדסמאן דייזו, און יענער האָט דאס גלייך אפגעטראָגן צו מיין פרוי — און קיין צרות האָבן שוין מיר נישט געפעלט . . .

פֿלערליי

אַן אויטאָ־עקסידענט

איר האָט געוויס געזען אַמאָל, ווי עס קוקט אויס אַ גאַסן־יונג, אַן אויסוואָרף, אַ טרעמפּ — נאָך אַ געשלעג, אָדער ווי מען רופט עס ביי אונדז אויפן „דזשענטלמענישן" לשון — נאָך אַ „פאַיט". אזא מין פאַרשווינדל שטעלט מיט זיך פאָר: אַ צעקיילטע, צעביילטע צורה, בלוט יושעט פון אַלע זייטן, ווי פון אַ געקוילעטן חזיר. דער קאָפּ קוקט אויס, ווי ער וואָלט נאָר־וואָס אַרויס פון אַ בלוט־מקוה, די נאָז צעשפּאָלטן און געפּלאַצט, פון וועלכער עס שפּריצט מיט בלוט, ווי פון אַ פאָנטאַן, און אונטער די אויגן — צוויי גרויסע שוואַרצע „בלעק־אאוט"־ראַמען, פּונקט ווי עס וואָלט זיי, ספּעציעל, געמאָלן אַ קינסטלער... דער קערפּער באַוועגט זיך נישט, די פיס זיינען אונטערגעהאַקט, ווי שטיקער ליים. און אַט דער צעממיתטער פאַרשוין ליגט ערגעץ איינגענורעט אין אַ שמוציקן רינשטאָק. אומגעפער אין די פאַרבן איז געמאָלן דאָס בילד פון עם פאַרשוין וואָס האָט פּערזאָניפיצירט נישט קיין אַנדערן, נאָר מיך אַליין, דעם אָרעמען שרייבער פון די דאָזיקע שורות.

כ'וויל איך אָבער דערציילן אויספירלעכער און בולטער וועגן אָט דער טרויעריק־בלוטיקער געשיכטע, וואָס האָט געדראָט צו צאָלן מיטן פּרייז פון מיין לעבן. כ'וועל דאָס דערציילן אויף וויפיל מיין זכרון וועט מיר דינען.

געווען איז דאָס מיט אַ קורצער צייט צוריק. איך בין געפאָרן פון מיין באַשעפטיקונג, ווי אַלעמאָל, מיטן טראַמוויי, און ווען דער טראַמוויי איז געקומען צו מיין אַרויסשטייג, בין איך פון אים אַרונטערגעגאַנגען פאָרזיכטיק און רויק... גייענדיק אַזוי צום טראָטואַר איז, כהרף עין, מיט דעם שטאַרקסטן אימפּעט אָנגעלאָפן אַן אויטאָ, וואָס האָט זיך געיאָגט אַן ערך 50 מייל אַ שעה, און מיט זיין גאַנצער קראַפט אַרויף אויף מיר. ער האָט מיך אויפגעהויבן אין דער הויך און דערנאָך אַ שליידער געטאָן צו דער ערד. הימל און ערד האָבן זיך אויסגעמישט, פייער־לאַווינעס האָבן פאַר מיינע אויגן געטאַנצט אַ ווילדן טאַנץ... און וואָס עס האָט ווייטער פאַסירט, האָב איך שוין נישט געוווסט.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך זיך אַרומגעזען, אַז כ'געפין

זיך אין שפּיטאָל. כ׳בין געווען איינגעדעקט אפשר מיט א טוץ קאָלדרעס, ארומגעלייגט מיט ווארעמע פלעשער פון אלע זייטן, און מיך האָט געוואָרפן ווי אין קדחת. ארום מיר זיינען געשטאַנען קראַנקן־שוועסטערס, דאָקטוירים און אסיסטענטן וואָס האָבן געטאַפּט דעם דופק, דאָס הארץ, געמאָסטן די היץ, נישט ארונטערגענומען קיין אויג פון מיר . . .

מיט א יעדן טאָג וואָס איך בין געלעגן אין שפּיטאָל, האָבן אלץ מער און מער גענומען ארומצודרייען זיך ארום מיר די יונגע דאָקטוירימלעך פון בײדע געשלעכטן. זיי האָבן זיך געוואָלט אויף מיין באַרד לערנען שערן... זיינען זיי צו מיר געקומען גרופּעסווייז און אַלע צוזאמען האָבן מיך געמאַטערט, געשטעלט די זעלבע נודנעוואַטע פראַגעס, וואָס זיינען מיר געקראָכן פון האלדז, פּונקט ווי די ביטערע רפואות און פּילן, מיט וועלכע מען האָט מיך כסדר געשטאָפּט...

שטייען איבער מיין בעט צוויי יונגע דאָקטוירעמלעך און באַטראַכטן מיך פון קאָפּ ביז די פיס. בײדע אונטערזוכן מיך בשותפות, גייט איבער דאָס טרייבל פון איין דאָקטערס הענט צום צווייטנס. בײדע הערן מיך אויס און זיינען שטארק באַשעפטיקט וועגן מיר, זיי זאָגן ארויס מבינות און דיאַגנאָזעס . . .

הער איך ווי איין דאָקטערל זאָגט צום צווייטן:

— מיר דאכט זיך, אז דאָס הארץ איז אָפּגעשפּרונגען פונעם אָרט, די ריפּן זיינען צעבראָכן און דער גאנצער אינעווייניקסטער מעכאניזם איז עפּעס צעטרייסלט, ווי נאָך אן ערד־ציטערניש ! . . .

— דאָס אלץ ארט מיך ניט — רופט זיך אָפּ דער צווייטער דאָקטער — מיר געפעלט נישט זיין קאָפּ, כ׳גיב נישט פאר אים קיין צוויי פּענעס! און די אויגן? איר זײנט א מבין אויף די אויגן, זיי קוקן דאָך מער אויף יענער וועלט, ווי אויף דער וועלט. כ׳האָב מורא צוזאָגן, אז —

— לאָזט אָפּ מיט די אויגן!—שלאָגט איבער דער ערשטער דאָקטער, — די אויגן זיינען א קלייניקייט, איבריקענס ווייניק מענטשן לעבן אָן אויגן, אבער אָן א הארץ, אָן ריפּן און אָן אינעווייניקסטן מעכאַניזם קאָן מען שוין גאָרנישט לעבן!

האָבן די צוויי יונגעטשקע דאָקטוירים ארויסגעזאָגט זייערע מבינותן וועגן מיר, אוועקגעגאנגען און מיך געלאָזן אין געהאַקטע ווונדן . . .

ליג איך און איך טראַכט, אז כ׳בין שוין א קאַנדידאַט אויף יענער וועלט, כ׳דארף נאָר אביסל צוווארטן, נאָך אביסל זיך מאַטערן. אָבער עס איז שוין נאָר אן ענין פון צייט, פון שעהן, מינוטן...

אין א פּאָר מינוטן ארום קומען צו מיר צוויי פרישע דאָקטוירימלעך. מיט חסידישער ערנסטקייט נעמען זיי מיין פּולס, קוקן אויף מיר, ווי אויף א בייזן וווּנדער. כאַפּן א בליק אויף די באַשריבענע ראַפּאָרטן, וואָס הענגען

איבער מיר. זיי קוקן זיך איבער, פארקרימען מיט די נעזער און לאָזן מיך איבער אַן אַ וואָרט . . .

אביסל שפּעטער זיינען צוגעקומען צוויי יונגע מיידלעך־דאָקטוירים. איינע האָט אויסגעקוקט נאַיוו ווי א שול־מיידל, און די צווייטע דער היפּוך; א ראַפינירטער פּרויען־טיפּ. דאָס מעדיצינישע טרייבל האָט זי געטראָגן פּאַרוואָרפן איבער די אַקסלען, ווי לייצעס איבער א פערד. זי האָט מיט מיר אינגאַנצן נישט גערעדט, נאָר געענישטערט מיינע ראַפּאָרטן, שטודירט מיינע פאָטאָגראַפישע „עקס־רעי״־בילדער און אריינשושקנדיק איר פריינדין עפּעס אין אויער, זיינען זיי פון מיר פארשוואונדן . . .

איך בין געלעגן מיט האַלב־אָפענע אויגן און עס איז מיר געווען שטאַרק ביטער אויף דער נשמה. דערווייל דערזע איך, ווי עס קומען צו מיר ווידער דריי יונגע דאָקטוירימלעך — יידישע פּנימלעך — די מאַמעס מילך ליגט נאָך אויף זיי. זיי גייען צו זייער אײדל, דריקן מיין האַנט, פרעגן זיך אויס, וואָס איך מאַך און וואָס עס האָט מיט מיר פאַסירט. זייענדיק פאַרמאַטערט פון אַזוי פיל „וויזיטן״, איז פשוט שווער געווען מיר מיט זיי צו ריידן, האָב איך זיי געזאָגט קורץ און שאַרף:

— אַן אויטאָ־עקסידענט איז מיט מיר געשען!

אַז זיי האָבן דערהערט אַן אויטאָ־עקסידענט, זיינען זיי אַלע דריי ווי אָפּגעשפּרונגען פון מיר, גענומען מיך באַדויערן און זיפצן, ווי כ׳וואָלט שוין געווען אַן אמתער בר־מינן . . .

— שרעקלעך, שרעקלעך! אַן אויטאָ־עקסידענט. אַן אויטאָ איז אויף אייך ארויפגעפאָרן?

— ניין, — האָב איך שוין געזאָגט מיט ווייטאָג און שפּאַס — עס איז געווען פונקט פאַרקערט, כ׳בין ארויפגעפאָרן אויפן אויטאָ!...

— ער רעדט פון היץ!—רופט זיך אָפּ איינער פון זיי, ער איז נישט ביי די געדאַנקען, מען דאַרף אים געבן די אמתע איינשפּריצונג, א נישט וועט ער לאַנג זיך ניט האַלטן!...

און איין דאָקטערל, מיט געלע קאַלטענעוואַטע האָר און מיט א ברייט צעגאַסן פּנים פול מיט זומער שפּרענקלעך, האָט א זאָג געטאָן:

— אַז כ׳דערהער אַן אויטאָ־עקסידענט, ווערט מיר שלעכט. מיט זעקס יאָר צוריק איז מיין טייערער פאָטער, עליו השלום, אומגעקומען פון אַן אויטאָ־עקסידענט. צוויי טעג איז ער, נעבעך, געלעגן אין שווערע יסורים און אויפן דריטן טאָג איז ער אוועקגעגאַנגען פון דער וועלט...

— איר האָט דאָ משפּחה, פריינד? — האָט זיך אָפּגערופן דער פריערדיקער רופא.

— קעגן וואָס פרעגט איר?—האָב איך אַרויסגעשטאַמעלט.

— כ׳ווייס, כ׳וואָלט גע׳עצהט, אַז מע זאָל אייך צולייגן נאָך א נאָמען!...

דאָ איז מיר געוואָרן ווידער הייס און קאַלט, מיינע יסורים זיינען געווען גרויסע, אָבער נאָך די פּאָר „גוטע" ווערטער זיינען מיינע יסורים געוואָרן שרעקלעכע; בפרט, כ'האָב ארויסגע'חשבונט, אז עס איז ערשט דער צווייטער טאָג פון מיין ביטערן אומגליק. לויטן חשבון פון יענעם געלען יונגן דאָקטערל, איז מיר פארבליבן צו מאטערן זיך נאָך א טאָג. בין איך געלעגן אין געהאקטע צרות און געווארט אויף מיין סוף...

אָבער לאנג האָט מען מיך נישט געלאָזט אליין מיט זיך, מען איז צו מיר געגאנגען, ווי מען גייט צו א גוטן יידן . . .

איך האָב באמערקט, ווי עס גייט צו צו מיר, מיט געציילטע טריט, א פּעט מענטשל, אפּנים אויך פון „יענע דאָקטוירעמלעך". ער קוקט טיף אריין אין מיינע צעממית'טע אונטערגעהאקטע ברוינע, בלויע אויגן, און געלאסן, ווי א דעטעקטיוו, טוט ער מיר א פרעג:

— וואָס איז מיט אייך?

בכדי אים אָפּצופּטרן אויף גיך, גיב איך א קורצן ענטפער:

— אן אויטאָ־עקסידענט!

—וואָס?—האָט יענער, פארחידושט, געפרעגט—אן אויטאָ־עקסידענט? יונגערמאַן, איר וועט דאָס איינריידן א צווייטן, נישט מיך, מיך וועט איר דאָס נישט דערציילן, איך ווייס וואָס אן אויטאָ־עקסידענט באדייט. כ'ווייס מיט וואָס דאָס שמעקט. אן אויטאָ־עקסידענט איז אַהין, אָדער אהער. אלעמאָל איז דאָס אהין, איר פארשטייט?! איך זע דאָך אויף אייך גאָרנישט. דער בויך איז ביי אייך גאַנץ, די פיס אויך, איי די אויגן זיינען אייך בלוי, די נאָז צעשפּאָלטן, די גאמבע צעפּראסקעט און דער שטערן צעמזיקט, דאָס זיינען קלייניקייטן! איך האָב א חשד, אז דאָס האָט אייך אייער יידענע מכבד געווען, איר זיינט א באוויבטער? ווי דען, איר מוזט האָבן די ריכטיקע סחורה פאר א ווייב, די אמתע אשת חייל. נו, האָט זי אייך באזאָרגט מיט אן אָרט אין שפּיטאָל! שאַט, אפשר גאָר א לינקע ליבע? געווים א לינקע ליבע, ווי דען! און דאָס איז דער געליבטערס מאנס מלאכה, זיין ארבעט...—

כ'ווייס ניט ווי לאנג עס האָט דער נידעריקער, דיקער פארשוין מיט מיר איינגעטענהט. כ'געדענק נאָר, אז ווען כ'האָב זיך אויפגעכאפּט, איז איבער מיר געשטאנען די קראנקן־שוועסטער פון שפּיטאָל. זי האָט געהאלטן מיין פּולס און געלייגט קאלטע האנטעכער אויף מיין קאָפּ . . .

אַ טרעוולער...

מען האָט אַמאָל אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר, און עס איז אריינגעקומען א נידעריק פאַרשווינדל מיט קליינע אויגעלעך, וואָס האָבן געטאַנצט אויף אַלע זייטן. ער איז געווען רירעוודיק ווי קוועקזילבער און דאַר ווי אַ לולב. נאָך דעם פאַרשווינדל האָט זיך פויל נאכגעשלעפּט א קליין, בארוועס און אפגעריסן נעגערל, מיט צוויי וואַליזעס. און אײדער איך האָב זיך געכומען אריענטירן, האָט דער דערמאָנטער מאַן פאר מיר זיך פאָרגעשטעלט מיט די ווערטער:

— מיין נאָמען איז איזאַק פלוימעניוק. כ׳בין אין דער מדינה קארגע דרייצן חדשים, און איך קום פון קאלאמיי — אַ שטעטל אין גאליציע. געווען אמאָל א וויל שטעטל קאלאמיי. יידן האָבן דאָרטן געהאַט פרנסה בריות און חתונה געמאַכט טעכטער, אָבער נישט היינט. היינט איז קאלאמיי נישט קיין שטעטל, נאָר א בית עולם... דאָס מויל פאַדערט עסן, לויפט מען אין דער וועלט אריין. בין איך, דעריבער, אויך געלאָפן, ביז כ׳בין געקומען אין דער דאָזיקער מדינה, אין דער גאָלדענער אפריקע. כ׳האָב דאָ אַ פעטער, א גרויסער ביזנעס־מאַן. אים איז בעסער פון מיר — און אפשר פון אייך אויך. ער דאַרף זיך נישט ארומשלעפּן פון טיר צו טיר און קלאַפּן. ער איז אַלרייט, הלוואי אויף אייך און אויף מיר געזאָגט געוואָרן. ער נעמט אריין „רענט״ א הונדערט און פופציק פונט יעדן חודש, דערצו איז ער א גליקלעכער מענטש: נישט קיין ווייב, נישט קיין קינד און רינד. א בחור איז ער, א פרייער פויגל, ווי איר זעט מיך א לעבעדיקן! און אַז—

— מיסטער פלוימעניוק, — שלאָג איך אים איבער די רייד, — איך בין נישט נייגעריק דאָס אַלץ צו וויסן. עס אינטערעסירט מיך נישט. איבעריקענס האָב איך נישט קיין צייט. מאַכט קירצער אייער דרשה, וואָס פארלאַנגט איר?

— כ׳וועל דאָס, ליבער פריינד, מאַכן קורץ. בכלל בין איך א מענטש וואָס האָב פיינט א סך צו ריידן. כ׳וועל אייך אָט וואָס זאָגן: כ׳האָב געוואָלט, אַז איר זאָלט מיר געבן א טשאַנס, נישט חלילה א געשאַנק פארלאַנג איך, אויך נישט קיין הלוואה און נישט קיין א סעקיוריטי. מיין בקשה איז, אַז איר זאָלט ביי מיר עפּעס קויפן. כ׳האָב די בעסטע סחורה, די בעסטע מוסטערן און צו די ביליקסטע פרייזן כמעט בחצי חינם און גאַראַנטירט.

איידער איך האָב נאָך באַוויזן צו זאָגן, אַז ס'איז נישט נייטיק, כ'דאַרף גאָרנישט, זיינען שוין יענעמסביידע וואַליזעס געווען ברייט צעעפנט און דאָס גאַנצע הויז איז געוואָרן פול מיט העמדער, קאַלנערס, שקאַרפּעטקעס, קראַוואַטן, נאָז־טיכלעך, שלייקעס, אונטערוועש, האַנטעכער, פּאַרהאַנגען, שפּילצייג, צאָנפּולווער און שאר ירקותן.

יעטוועדע שטיקל סחורה האָט מיר יענער אונטערגעטראָגן אונטער דער נאָז און געגעבן וועגן דעם א גאַנצע לעקציע, דערקלערנדיק וואָס פאַר א פּראָדוקציע עס איז, א קוואַליטעט דאָס איז, און פון וואַנעט עס שטאַמט. דערביי האָט ער זיך געשוואָרן, אַז די ראַיעלסטע און די ביליקסטע סחורה איז נאָר זיינע. ער איז נישט ווי אַנדערע „טרעוולערס", וואָס יאָגן זיך נאָכן פּדיון, נאָך דער מטבעה, ער איז נישט פון יענע. אויב ער יאָגט זיך צו פאַרקויפן זיין סחורה, איז דאָס נאָר צוליבן קונה. ער וויל האָבן וואָס מער קונים — און טאַקע אַזעלכע, ווי איך. ער זאָגט, אַז אויפן ערשטן בליק, האָט ער גלייך דערקענט אַז כ'דאַרף צו זיין א מענטש פון בעסערן אָפּשטאַם. כ'קוק אויס צו זיין אן אינטעליגענטער, א געלערנטער, אן אַפּטייקער, אָדער . . . א דענטיסט. ער האָט אויך דערקענט אין מיר, אַז איך בין א באַוויבטער און א טאַטע פון א 6-5 קינדערלעך. אָט אַזעלכע מענטשן גלייכט ער פאַר קונים. ער יאָגט זיך נישט נאָך אַבי וועמען. דערביי האָט ער מיך אָנגעכאַפּט פאַרן האַלדז און אַרומגעטערגריסן מיין קראַוואַט. ביי מיר — האָט ער געזאָגט, — וועט איר נישט טראָגן אַזאַ קראַוואַט. דאָס איז נישט קיין קראַוואַט, נאָר א שטריק. אָט וועל איך אייך געבן אַ קראַוואַטל, וואָס זינט קראַוואַטן האָבן זיך געקראַוואַטלט, האָט איר נאָך אַזעלכעס נישט געזען. כ'וועל אייך געבן אן איידל און עלעגאַנט קראַוואַטל, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ סאָרט מענטש, ווי איר: טוט א קוק וואָס פאַר א סחורה. איר דאַרפט וויסן, אַז נאָכן געשמאַק פונעם קראַוואַט און זיין קוואַליטעט, דערקענט מען א מענטשן—זיין כאַראַקטער און אָפּשטאַם. א גוטער קראַוואַט, איז פּונקט ווי א שיינע אויפשריפט אויף א מצבה . . עס איז א רעקלאַמע פאַרן לעבעדיקן מענטשן!

ר' ייד, — בין איך אַרויס פון געדולד, — לאָזט מיך פריי, רויבט נישט אַוועק מיין צייט. כ'בין א פאַרנומענער מענטש. פּאַקט איין אייער קראַם, ווייל כ'וויל גאָרנישט ניט האָבן. איך דאַרף גאָרנישט. כ'האָב אַלץ. די איינציקע זאַכן וואָס איך האָב נישט, זיינען געדולד און צייט!

— „מיסטער לעבן, אהא. כ'האָב באַלד דערקענט, אַז איר זיינט נישט אַבי ווער, קיין פּראָסטער נפש, קיין שלעפּער. און דאָס וואָס אייך פעלט געדולד, איז פון דערפאַרונג וויים איך, אַז אומגעדולדיקע מענטשן זיינען די בעסטע, האָבן גוטע הערצער און פאַרשטאַנד. לכן, כ'וועל אייך לאָזן אַביסל שקאַרפּעטן, א פּאָר קראַוואַטן, א האַלבן טוץ העמדער. זאָגט

מיר, וועלכע ווילט איר, זיידענע אָדער לייווענטענע? איך עצה אייך צו נעמען זיידענע, מחמת זיידענע מאכן א גוטן איינדרוק. זיידענע העמדער מאכן דעם מענטשן רייך, אינטעליגענט און אידל. אז מען טראָגט א זיידן העמד, באקומט מען א נאָמען אלס זיידענער מענטש. יאָ, און שקארפעטן וועל איך אייך לאָזן אויך א האלבן טוץ — און טאקע זיידענע, ווייל אויב שוין זיידענע העמדער, פּאסן זיך שוין טאקע זיידענע שקארפעטן אויך! וועלכן נומער טראָגט איר? א, איך וויים דאָס שוין אליין. כ׳דערקען אין אייער פּנים, אז איר דארפט האָבן א קליין פיסל, א נומער 10־11, דאָס איז טאקע דער ריכטיקער נומער, אזעלכע נומערן ניצן בלויז דאָקטוירים, אדוואָקאטן און אינטעליגענטע מענטשן. זעט איר שוין, אז איך האָב באלד דערקענט, אז כ׳האָב פאר זיך א בעסערן מענטשן. מיין זיידע, עליו השלום, האָט מיך געלערנט צו האָבן אן עסק, נאָר מיט איידעלע און אינטעליגענטע מענטשן. א קלוגער ייד געוועזן מיין זיידע, עליו השלום! מיט א געלערנטן מענטשן וועט איר אלץ מאכן, ווי זאָגט די וועלט א ווערטל: „דאָרט ווו תורה, דאָרט איז סחורה". יאָ, וואָס נאָך אייך געבן? ווו איז אייער מיסעס, אפשר עפּעס פאר איר, פאר די קינדערלעך זאָלן לעבן און געזונט זיין? כ׳לעבן, איר הערט, כ׳קאָן אייך צושטעלן, וואָס נאָר אייער האַרץ פאר־לאנגט, וואָס נאָר אייער גוטע נשמה גלוסט—פון א נאָדל ביז א קלאוויר. כ׳קאָן אייך געבן קרעדיט. נישקשה, איך מעג מען געטרויען. אדרבה, נעמט נאָר אזוי פיל, וויפיל כ׳וועל אייך געבן. כ׳ווייס שוין וועמען מעי קאָן געבן קרעדיט און וועמען נישט. אַזאַ מענטש ווי איר, וועט גישט גיין צונעמען פון אן אָרעמען ייד, א טרעוולער. אייער אידל און כשר הארץ וועט אייך נישט דערלויבן אויף אזעלכע שריט... אייך מעג מען געבן, וואָס נאָר אייער הארץ גלוסט. אָט האָב איך דאָ רייך־וואָלענע אונ־טערוועש. כ׳וועל אייך לאָזן א פערטל טוץ. דאָס איז נישט קיין סחורה, נאָר ממש גאָלד. דאָס האָב איך נאָך געבראכט פון קאלאמיי. אין קאלאמיי האָבן אזעלכע אונטערוועש געטראָגן נאָר רייכע לייט און געלערנטע. איר זיינט ביי מיר נישט ערגער, ווי די אמאָליקע קאלאמייער גבירים און גע־לערנטע, חליליה, גאָרנישט ערגער!

— ר׳ ייד, — האָב איך שוין, פארביטערט, אויסגעשריען. — לאָזט מיך אָפּ, פּאקט איין אייער סחורה און האלט אביסל איין אייער צונג! איר מאָלט מיט איר, ווי מיט א ווינט־מיל. כ׳בין נישט בכוח דערצו. לאָזט מיך צורו. כ׳קויף גאָרנישט, און כ׳האָב ניט קיין געדולד צו אייך. האָט רחמנות, לאָזט מיך פריי! לאָזט מיך אָפּ!

— מיסטער, דענערווירט אייך נישט, שרייט נישט, טומלט נישט! אז איר ווילט נישט קויפן, טאָ קויפט נישט, נישט געפידלט. עס פעלן מיר גישט, ברוך השם, קיין קונים — און בעסערע פון אייך, פון

שענערן יחוס, גרעסערע אינטעליגענטן פון איך, איר זיינט נישט קיין מענטש, נאָר א גאָרנישט שבגאָרנישט! איך האָב אָבער באַלד דערקענט, אז כ׳האָב צו טאָן מיט א מענטשן פון נידעריקן אָפּשטאַם, מיט א פּראָסטאַק פון פּראָסטאַקן־לאַנד! א מענטש זאָל זיין אַזוי פאַרדאָרבן, אזוי נידעריק! —

נאָכן אויסלאָדן דעם גאַנצן צאָרן אויף מיר האָט דאָס יידל מיט לולב׳דיקן פיגורל, מיטן אָפּגעריסענעם באָרוועסן נעגערל מיט די צווייי וואַליזעס זיך שנעל אַרויסגערוקט פון מיין הויז...

אַ שיינע האַנטשריפט

עס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט פאַרשיידענע ליבעס, פון אַלע סאָרטן און משוגעתן. איינער פאַרליבט זיך אין אַ שיינעם פּנימל, און אַ צווייטער — אין אַ שמאַלינקן מיילעכל, אַ דריטער — אין אַ קורצן נעזל, אַ פערטער — אין בלויע אויגן, אַ פינפטער —אין געלאַקטע האָר, אין אַ שיינעם פיסל, אין אַ גוטן כאַראַקטער, אין אַ שיינער שטימע, אין טאַנצן, אין ספּאָרט, אין מוזיק, אין געשיקטקייט, קלוגשאַפט, גוטסקייט, ערלעכקייט, אין איידל־קייט און אין וואָס נאָר אַן בן־אדם איז פעיק זיך צו פאַרליבן.

אָבער אין אַזעלכער ווי ס׳האָט זיך פאַרליבט פּייווקע פּיפּקע, דאָס איז שוין גאָר אַן אויסנעם, דאָס געהערט שוין צו די זעלטנסטע פאַלן.

פּייווקע פּיפּקע איז אַ בחור פון אַ יאָר 26־28, וואָס האַלט זיך פאַר אַ זיידענעם יונגנמאַן, פאַר אַן אינטעליגענט. ער „שטודירט" אָפּט אַזעלכע טיפע ווערק, ווי שמ״רס „אַ סוכה אין וואַלד", אָדער „אַ כלה אויפן בוים", און ענלעכע שאַפונגען.

פּייווקע איז נישט ווי אַנדערע בחורים, וואָס זיינען אַריינגעטאָן אין געמבלען — און מער עקסיסטירט פאַר זיי גאָרנישט. פּייווקע איז גאָר אַן אַנדער טיפּ, פון אַ גאַנץ אַנדערן שניט.

איינמאָל האָט זיך פּייווקע פּיפּקע פאַרליבט ביז משוגעת! די ליבע האָט געברענט פלאַם־פייער, עס איז אוממיגלעך געווען איר אָפּצוקילן, און פאַרליבט האָט ער זיך אין אַ... האַנטשריפט.

צו פּייווקע פּיפּקעס פריינד פלעגן אָנקומען בריוו פון דער אַלטער היים, פון זיינער אַ קוזינע. די בריוו זיינען געווען געשריבן אין אַ פיינעם סטיל און מיט אַ שיינעם אינהאַלט, אָבער, דער עיקר, מיט אַ געציקלטער האַנטשריפט. אין אָט דער האַנטשריפט האָט זיך אונדזער פּייווקע פאַרליבט און ווי כ׳האָב שוין געזאָגט — ביז משוגעת.

צום טויזנטסטן מאָל האָט פּייווקע באַוווּנדערט די פיינע געבויגענע למד׳ן, די געציקעלטע נונ׳ען און די פּרעכטיקע קופן. ער האָט גאָרנישט געקאָנט צו זאָט אָנקוקן זיך מיט די אותיות.

נאָך יעדן בריוו וואָס איז אָנגעקומען צו פּיוּוקעס פריינד, האָט ער זיך געפילט אַלץ שטאַרקער פאַרליבט. די געקינצלטע נוב'עו, די געבויגענע למדן און פּרעכטיקע קופּן, האָבן אים גאָרנישט געלאָזט רוען. זיי האָבן אין אים אָנגעצונדן א ליבע־פייער . . .

פּיוּוקע האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז זיין פריינדס קוזינע דאַרף זיין א א געלערנטע, אַן אידעלע — און מן הסתם איז זי אויך אַזוי רייצנד און פּראַכטפול, ווי איר האַנטשריפט. דאָס האָט אים שוין נישט געלאָזט רוען. כסדר האָט ער געטראַכט וועגן יענער פריילין, און ווען עס פלעגט קומען א פרישער בריוו, האָט זיך פּיוּוקע איינגעגעסן מיט זיינע פאַרליבטע אויגן אין אים, און געהאַלטן אין איין באַוווּנדערן.

די ליבע צו יענער, אויף יענער זייט ים, האָט ביי פּיוּוקען גענומען וואַקסן פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו שעה. אין א געוויסן טאָג האָט פּיוּוקע פאַרטרויט פאַר זיין פריינד דעם גרויסן „ליבע־סוד”... דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז ער איז גרייט מיט איר חתונה האָבן, אויב זי איז נישט קעגן.

פּיוּוקעס פריינד האָט זיך מיט דעם ענין נאָענטער פאַראינטערעסירט. ער האָט זיך געטראַכט, אַז עס איז א גליק־שידוך פאַר זיין קוזינע, וואָס שמאַכט דאָרטן אין דעם קליינעם שטעטל, מעבר לים, און עס איז אַוועק אַן אויסטויש פון בריוו, ביז דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן.

אין א געוויסן פרימאָרגן איז די קוזינע געקומען צופאָרן. אויפן ערשטן אויגנבליק, האָט מען זיך נישט געקאָנט אַזוי שטאַרק פאַרליבן אין איר. זי האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א קליין געוווּקסיק פיגורל, א פּאָר גראָבע קלעצלעך־פיס, א פליישיקן פּנים און מיט גראָבע ליפּן. אָבער אונדזער פּיוּוקע פּיפּקע האָט דאָס אַלץ ניט געקימערט, ער איז דאָך נישט געווען פון יענע לייכטזיניקע בחורים'לעך, וואָס פאַרליבן זיך נאָר אין א שיינעם פּנימל. ער האָט געהאַלטן, אַז קודם כל דאַרף א פרוי זיין אינטעליגענט, אינטערעסאַנט און איידל. וועגן זיין באַשערטער האָט פּיוּוקע געהאַט גאָר אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע ליבע. זי האָט דאָך געהאַט אַזאַ וווּנדערבאַרע האַנט־שריפט, וואָס האָט אים אַזוי פאַר'כשופט.

עס איז איינגעאָרדענט געוואָרן, מיט מזל, א חתונה כדת־וכדין — און פּיוּוקע איז געוואָרן דער אויסדערווײלטער, דער גליקלעכער מאַן פון זיין אויסדערווײלטער מיידל מיט דער אויסערגעוויינטלעכער האַנטשריפט.

אָבער, משמעות, אַז עס איז אים ניט באַשערט געווען קיין גליק.

מיטאַמאָל איז פּיוּוקע שטאַרק דערשלאָגן געוואָרן, שוואַרצע כמאַרעס האָבן פאַרצויגן זיינע ליכטיקע הימלען — מיט איינמאָל איז פּיוּוקען פינצטער געוואָרן אין זיינע אויגן; זיין ווייבל מיט דער וווּנדערלעכער

האַנטשריפט, איז גאר אַן אלפאבעטקע, זי קאָן, לחלוטין, קיין אות ניט אנשרייבן . . .

— — —

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַלע „וואונדערבארע" בריוו, מיט דעם אינטערעסאנטן אינהאלט, מיט די פיין געבויגענע למד'ן, פּרעכטיקע קופן און געציקעלטע נונען, האָט גאָר נישט זיין ווייבל געשריבן, און דאָס האָט פאר איר גאָר געשריבן דער לערער פון שטעטל...

דער אָרעמער מאָלער

איזאַק פּענדזלשמיר, אַזוי האָט מען אים גערופן און אַזוי האָט ער אויך טאַקע פּאַקטיש געהייסן, איז געווען אַן אַלטער בחור און אַ יונגער קונסט־מאָלער. ער האָט געצייכנט פאַרשיידענע בילדער, פּאָרטרעטן, פּייזאַזשן און זיי געשיקט אויף אויסשטעלונגען. זייער זעלטן, איין מאָל אין אַ יובל, האָט ער פאַרקויפט אַ בילד. קיין פּרנסה האָט ער ניט געהאַט פון זיין אַרבעט. זיינע חברים און נאָענטע פלעגן אָבער אים לויבן, אַז ער איז אַ גרויסער קינסט־לער — זיין גלייכן איז נישט בנמצא. ער וועט אַמאָל מאַכן אַ גרויסע קאַריערע.

אַנדערע זיינע פריינד האָבן אים בעסער געעצהט אַרויסצושלאָגן פון זיך די קונסט־מאַניע, ער זאָל זיך נישט פאַרנעמען מיט די נאַרישקייטן, מיטן מאָלן: זאָל ער בעסער חתונה האָבן, נעמען נדן און זיך איינאָרדענען אַ פּרנסה, וואָרום פון דער מאָלעריי וועט ער קיין לעבן נישט מאַכן און זיין צוקונפט וועט זיין אַ טרויעריקע. פאַראַן גרעסערע קינסטלערס פון אים און מאַכן אויך קיין לעבן נישט. די פּראַקטיק ווייזט, אַז וואָס גרעסער דער קינסטלער אַלץ גרעסער זיין נויט, אָט אַזוי האָט מען אים, איזאַקן, אַריינגערעדט אויף אַ פריינדלעכן אופן.

איזאַק פּענדזלשמיר האָט אָבער נישט געטראַכט פון אָועקוואַרפן זיין קונסט־אַרבעט, נישט געוואָלט הערן מכח דעם. פאַר אים וואָלט אָן דער מאָלעריי־באַשעפטיקונג זיין לעבן געווען פּוסט, נאָך מער האָבן ביי אים נישט פאַרנומען קיין אָרט די ווערטער וועגן חתונה האָבן צוליב נדן. ער האָט געהאַסט דאָס פאַרקויפן זיך פאַר געלט. איזאַק האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז זעלבסטפאַרשקלאַפונג.

פונדעסטוועגן האָט איזאַק איינגאַנצן נישט געוואָלט אויפגעבן דעם פּלאַן פון חתונה האָבן. דער ענין חתונה איז אים, אגב, געפעלן. נאָר וואָס דען, מען דאַרף זיך נישט פאַרקויפן צוליב געלט און זיך דערפאַר איינקויפן אַ פאַרזעעניש. איזאַק האָט גע׳חלומט, אַז זיין אויסדערוויילטע, זיין באַשערטע, זאָל זיין באַשיידן, נישט געקינסטעלט, נישט ווי היינטיקע ווייבער, וואָס זעען מער אויס ווי מענער, מיט די פאַרשווירענע קעפּלעך, מיט סיגאַרעטלעך אין די מיילער און מיט אַריינגעשטעלטע גאָלדענע

ציין. אים האָט געעקלט אזא „קונסט־שטיק". איזאַקס באַגער איז געווען צו באַגעגענען א פרוי, וואָס זאָל זיין נאַטירלעך, זאָל זיין שיין פון דער נאַטור; זאָל האָבן שיינע לאַנגע האָר, ווייסע ציין. אַט אַזעלכע פרויען האָט איזאַק געטראַכט, זיינען אַנטשפּרעכנדיקע פאַר אים.

אָבער לאַנג, לאַנג האָט איזאַק אַזעלכע געזוכט און נישט געפונען, די וועלכע איזאַק האָט באַגעגנט, זיינען אים נישט געפעלן געוואָרן, ווייל זיי האָבן נישט באַפרידיקט זיין האַרץ און ניט זיין קינסטלערישן אויג, האָט ער באַשלאָסן אָפּצוואַרטן און ווייטער געזוכט.

איין מאָל האָט איזאַק פענדזלשמיר טאַקע געפונען דאָס וואָס ער האָט געזוכט. אין א גליקלעכן פרימאָרגן באַגעגנט זיין אויסגעבענקטע באַשערטע, וואָס האָט פאַרמעגט אַלע מעלות אויף צו פאַנגען דאָס קינסטלערישע האַרץ פון איזאַקן. דאָס איז געווען א באַשיידענע פרויען־געשטאַלט מיט אַן איידל פּנים, דער קאָפּ מיט לאַנגע שוואַרצע געקרייזעלטע האָר, אויגן מילדע און א שמאָל מיילעכל, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעקוקט צוויי שנירלעך ווייסע דראָבנע ציינדלעך, ווי שיינע פּערל, באַגלייט מיט א זיסן שמייכל. מיטן ערשטן אויגנבליק האָט זיך איזאַק אין איר פאַרליבט ביז איבער די אויערן. ער האָט שוין באַשלאָסן מיט איר חתונה צו האָבן.

זייער שווער איז אָבער פאַר איזאַקן געווען צו רעאַליזירן זיינע פּלענער. איזאַק איז געווען אָרעם. ער האָט, אַגב, געהאַט אַן איינגעאָרדנטע וווינונג און קונסט־אַטעליע, דאָס איז אָבער געווען ווייניק. אָבער אויפ־צוגעבן זיינע חתונה־פּלענער איז אים איז אויך שווער געווען, די ליבע איז געווען שטאַרק און ער האָט שוין נישט געקאָנט און אויך נישט געוואָלט אַרויס־לאָזן זיין גליק פון די הענט. האָט ער דערפאַר באַשלאָסן חתונה צו האָבן, און טאַקע גאָר גיך האָט ער חתונה געהאַט מיט זיין דערמאָנטער אויסדער־וויילטער. זיי האָבן געלעבט גליקלעך.

איזאַק האָט געאַרבעט איבער זיינע בילדער מיט א פאַרשטאַרקטן חשק. ווען עמעצער האָט אָפּגעקויפט א בילד, האָט דאָס יונגע ווייבל אויסגעקאָכט א געשמאַקן מיטאָג, פון וועלכן איזאַק האָט שטאַרק הנאה געהאַט.

עס איז אָבער אונטערגעקומען א שלעכטע צייט. איזאַק האָט אָנגעהייבן ווייניקער פאַרדינען און דער הונגער איז געוואָרן אַן אָפטער גאַסט אין שטוב. איזאַק האָט, אַלעמאָל, עפּעס אַנדערש פאַרקויפט פון זיין אָרעמקייט און אויף אַזא אופן געשטילט דעם הונגער. דאָס האָט אָבער נישט צעשטערט זיין גליקלעכן פאַמיליע־לעבן.

איינמאָל האָט צו איזאַק פענדזלשמירס פענצטער אַריינגעשיינט א ליכטיקער שטראַל. עפּעס א רייכער מאַן האָט ביי איזאַקן באַשטעלט א געוויסע בילד פאַר א גרויסער סומע געלט. איזאַק האָט אויפגעלעבט און פלייסיק זיך גענומען צו דער אַרבעט. דריי טעג האָט ער געאַרבעט

איבערן בילד, און אויף אויסצופארטיקן דאָס בילד, האָבן נאָך אים פארפעלט איניקע פארבן. קיין געלט האָט איזאַק נישט געהאַט און וואָס צו פארקויפן האָט ער אויך נישט געהאַט. איזאַק האָט געוווסט, אז אזוי גיך ווי ער מאַכט פארטיק דאָס בילד, באַקומט ער דערפאר באצאָלט. אָבער וואָס זאָל ער טאָן דערווייל, ווו צו באָרגן האָט ער אויך נישט געהאַט, איז ער געבליבן שטארק טרויעריק און מיט א שווערן געמיט האָט ער זיך אָפּגערופן צו זיין ווייבל:

—טייערע! איך וויל דיר עפּעס זאָגן... איך האָב צו דיר א גרויסע בקשה, איך וויל דיר בעטן, אז דו זאָלסט פארקויפן דיין צירונג, דיינע שיינע לאַנגע האָר... קום אריין צו א פריזירער אָפּצושערן דיינע האָר. מיר וועלן זיי פארקויפן און פארן געלט, וואָס דו וועסט אָפּנעמען, וועל איך קויפן פארב אויף אויסצופארטיקן דאָס בילד, וואָס וועט אונדז אריינברענגען דאָס געלט.

איזאַקס ווייבל איז געוואָרן שטארק צעטומעלט, מאָדנע האָבן וויטאָג־לעך פאר איר געקלונגען איזאַקס ווערטער, זי איז געבליבן טרויעריק און נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. נאָך א שטיקל צייט שווייגן, האָט זי זיך אָפּגערופן:

— ליבער איזאַק! וועסט מיר פאַרגעבן, מיינע האָר קאָן איך נישט פארקויפן. זיי אויף מיר נישט בייז!... דאָס זיינען נישט מיינע אייגענע נאַטירלעכע האָר... מיינע האָר זיינען מיר אמאָל פון א טיפוס אויסגעקראָכן... זיי נישט בייז, פארגיב מיר! איך האָב אָבער א צווייטע זאַך וואָס צו פאר־קויפן, אויב דו וועסט דערצו איינשטימען ? ! — — —

אין איין אויגנבליק האָט זיין ווייבל אויפגעעפנט איר שמאָל מיילעכל, ארויסגענומען פון דאָרטן אירע צוויי שנירלעך אריינגעשטעלטע ווייסע ציין און זיי פריינדלעך אונטערגעטראָגן איזאַקן . . .

די פאַרדינטע שטראָף

לעאָן גרילצשטיין איז געווען שטארק פארזאָרגט און פארדאגהט. אים האָט זיך געדוכט, אז זיין יונג ווייבל, ליזע, פארראט אים. ער האָט געהאט א גרונט צו גלייבן, אז ליזע איז עפעס נישט אין אָרדענונג מיט איר ליבע צו אים. עפעס האָט אים אויסגעקוקט אלץ פאלש און גענארט. איר קושן אים, איר האלדזן און גלעטן אים איבער זיינע ראזירטע באקן, האָבן לעאָנען אויסגעקוקט ווי א חוזק. אירע ליבע אויסדריקן זיינען נישט געווען קיין נאטירלעכע. דאָס איז געווען א פלירט, א שפיל, אן אָנשטעל, בכדי פון אים, פון לעאָנען, ארויסצוציען געלט, אָדער א מיטל אויף צו פארווישן די שפורן, דעם חשד, אז זי, ליזע נארט אים אָפּ . . .

ליזע איז געווען א יונג און לעבעדיק ווייבל פון א יאָר 22־23 און לעאָן גרילצשטיין איז שוין געווען אריבער די פערציקער יאָרן, אָבער נאָך פריש און פול מיט לעבן, ווי א מאן פון א יאר 35. זיי האבן חתונה געהאט מיט קארגע צוויי יאָר צוריק, און ליזע האָט אין א קארגן יאָר נאָך דער חתונה געבאָרן א שיין שווארץ חנ'עוודיק מיידעלע—געבראכט א מתנה לעאָנען.

פאר די לעצטע חדשים אָבער איז לעאָן שטארק אומרויק. ער שטייט אין זיין יובעליר־געשעפט און קאָן נישט ארבעטן. אים דאכט זיך אלץ, אז זיין יונג ווייבל ליזע פארברענגט ערגעץ מיט א צווייטן מאַן. ער האָט באַמערקט, אז ליזע גייט אָפטער אין אפטייק, וואו עס איז אָנגעשטעלט אַ יונגער, שיינער אפטייקער. איין מאל האט ער שוין איר געטראָפן ריידנדיק מיט אים אויך, האט עס טאָקע לעאנען אויפגערעגט.

ליזע האָט ווי דער שטייגער פון יונגע פרויען זיך געפוצט און שיין געקליידט. זי האָט אָבער דערשמעקט, אז איר מאן לעאָן קוקט איר נאָך איז אומרויק. זיין פארטראכטקייט און שווייגן האבן איר אונטערגעזאגט, אז ער איז פארזאָרגט מכוח איר. אָבער ליזע האָט גאָרנישט געוווסט וועגן וואָס צו זאָגן. זי איז אָפט אנטקעגן געלאָפן לעאָנען, ווען ער איז געקומען פון געשעפט, און אויף אים זיך געוואָרפן מיט קושן, אים ארויסגעוויזן ליבשאפט פון גאנצן הארצן.

לעאָן אָבער האָט דאָס אויפגענומען קאלט און שוויגענדיק.

איינמאָל האָט זיך לעאָן פאַרקלאָגט פאַר זיין נאָענטסטן און בעסטן פריינד, אַז ער איז אומגליקלעך. זיין ליזע פאַרראַט אים, און ער קען נישט וויסן מיט וועמען און ווו...

האָט לעאָנס פריינד אים געעצהט, אַז ער זאָל זיך פאַרשטענדיקן וועגן דעם מיט א פּריוואַטן דעטעקטיוו, אים דערציילן אַלץ, און דער דעטעקטיוו וועט שוין אַלץ אויסגעפינען און אַלץ אַנטדעקן.

האָט לעאָן גרילצשטיין געפאָלגט זיין פריינד און איז אוועק צו א פּריוואַטן דעטעקטיוו, אים אַלץ דערציילט און יענער האָט אים צוגעזאָגט, אַז ער וועט שוין אַלץ אויסגעפינען, אַז ער זאָל גאָרנישט זאָרגן, ער זאָל לאָזן צו אים. דאָס איז זיין פּראָפעסיע. ער האָט שוין א סך „לינקע" ליבעס אויפגעדעקט. ער האָט גענוג פּראַקטיק אויף דעם געביט.

לעאָן איז אוועק א צופרידענער און געווען זיכער, אַז אָט, אָט, וועט אים דער דעטעקטיוו קומען זאָגן, מיט וועמען זיין ליזע פאַרראַט אים. ער וועט שוין יעצט וויסן פאַר וועמען זי פּוצט זיך אַזוי, און דער פּאַסקודניאַק, דער פרעמדער מאַן, וועט אים האָבן צו געדענקען.

עס זיינען אריבער איניקע טעג, און שפּעטער וואָכן — און קיין נייעס האָט דער דעטעקטיוו נישט געבראַכט פאַר לעאָנען. דאָס נאָכשפּיאָנירן ליזען האָט קיין רעזולטאַטן נישט געבראַכט, ווייל ליזע איז געווען פול־שטענדיק ערלעך און געטריי צו איר מאַן.

דער דעטעקטיוו איז געוואָרן מיד פון זיין אַרבעט. אים האָט פאַר־דראָסן, וואָס ליזע פירט זיך אויף אַנשטענדיק און לאָזט אים נישט פאַר־דינען זיין האָנאָראַר. ער האָט געזען, אַז ליזע איז ערלעך און ער וועט גאָרנישט אויפטאָן, האָט ער באַשטימט צו ענדערן זיין פּלאַן און מיט איר שליסן באַקענטשאַפט. אים האָט געצויגן צו ליזען און ער האָט געזוכט וועגן ווי מיט איר זיך צו טרעפן, אָבער דאָס איז אים נישט אָנגעקומען אַזוי לייכט. לסוף האָט ער דאָך מנצח געווען. ער האָט זיך באַקענט מיט ליזען, מיט איר אָפּטער ארויסגעגאַנגען און האָט איר ליב באַקומען.

דער דעטעקטיוו האָט זיך ארומגעזען, אַז ליזע איז אַן אָרענטלעכע פרוי, האָט ער לאַנג נישט געטראַכט און איר פאָרגעלייגט מיט אים זיך צו פאַרבינדן. ער וועט פאַר איר גיין אין פייער און וואַסער, זי זאָל אים נאָר ענטפערן איין גוט וואָרט. ליזע האָט זיך אין אָנהייב געקווענקלט, אָבער לסוף האָט זי מסכים געווען.

אַז לעאָן גרילצשטיין האָט דערפון זיך דערוווסט, האָט ער געמאַכט שטאַרקע פאַרוואורפן דעם דעטעקטיוו פאַר זיין פאַררעטערישער האַנדלונג. אָבער דער דעטעקטיוו האָט געענטפערט, אַז ער האָט אין ליזען אַנטדעקט

אַן ערלעכע פיינע פרוי, וואָס יאָרן לאַנג האָט ער וועגן אַזעלכער געחלום׳ט און איצט האָט ער עס געפונען אין ליזען, און ער, לעאָן, זאָל אים אַנטשולדיקן, וואָס ער נעמט איר, ליזען, פון אים צו . . .

דער אייפערזיכטיקער לעאָן האָט אויף אַזאַ אופן באַקומען זיין פאַרדינטע שטראָף . . .

א גאָלדענער אײדעם...

א לאנדסמאַן האָט מיך אָנגעכאַפּט און מיר דערציילט אזא געשיכטע:

„איר קאָנט דאך מיסטער גימפּל באַראַבאַן, אונדזער לאנדסמאַן, וואס מען האָט אים אין דער אלטער היים גערופן גימפּל פּייפער. איר קאָנט דאָך אים? טוט זיך עס מיט אים חושך. קינד און קייט ריידן פון אים. עס גייט דאָך כאַדאַראַם מיט אים. מען טייטלט אויף אים מיט די פינגער! א מענטש זאָל אזוי זיך באַנאַרישן. א יונג איז געזונט און משוגע... פּלוצלונג, האָט ער, דער יאָלד, מיט דער גאַנצער פּאַרע, ווי פון אן אכצניאָריקן בחורל, זיך פארליבט! — און ווייסט איר אין וועמען? זיך פארליבט אין דער שוויגער! א משוגעת פון א מענטשן, קאַרג פּרוּוון אויף דער וועלט פאַראַן? אָבער ער, גימפּל באַראַבאַן, קוקט נישט און וויל אויף קיין אנדערע פּרוּוון נישט קוקן און נישט הערן פון זיי. ווען מען זאָל אים אָפּגילטן, זאָגט ער, וועט ער נישט ענדערן זיין ליבע צו דער שוויגער. ער ליבט די שוויגער, ער איז אין איר פארליבט ביז איבער די אויערן, און טוט אים וואָס!

„וואָס שייך ליב האָבן, עס וואָלטן זיך אלע יידישע טעכטער געמעגט ווינטשן, אַז זייערע מענער זאָלן זיי ליב האָבן, ווי אונדזער גימפּל האָט ליב די שוויגער. ער נעמט דאָך איר ארויס דריי מאָל אין דער וואָך אויף פארוויילונגען: צו טענץ, טעאַטער, קינאָ און וווּ נישט? עס האָט מיר מיין זונדל דערציילט, אז ער האָט גימפּלען יענע וואָך געטראָפן אין א נאַכט־קלוב מיט דער שוויגער. זיי האָבן געטרונקען שאַמפּיין און געטאַנצט טאַנגאָס מיט רומבאַס ביזן ליכטיקן טאָג אריין.

„וואָס אמת איז אמת, אז די שוויגער איז נישט אבי ווער, עפּעס א יידענע פונם טאָפּ אוועק. גימפּעלס שוויגער איז א סאַלאָן־דאַמע, א דעמאָ־קראַטישע־ליידי און טאקע א שיינע אויך. וואָרום אז מען פארליבט זיך אין א שוויגער, מוז זי שוין האָבן מזל און זיין שיין. גימפּעלס שוויגער איז טאקע שיין, גראַציעז, רייצענד און אַנציענד. זי איז זייער קלוג און האָט קענ־טענישן... און באמת, פארוואָס זאָל מען טאקע איר נישט ליב האָבן, פארוואס? איר פיגור איז דאָך שלאַנק, ווי א שיינער לולב און איר פּנימל שיינט, ווי אַן עפּל. אירע אויגן זיינען צוויי שטיקער פייער, וואָס קאָנען אין א מאַנסביל אָנצינדן א שריפה, און אים פאַר׳שרפענען לעולם ועד!

„וואס זשע איז דאס וואונדער וואס אונדזער גימפּל באַראַבאַן איז נעבעך געוואָרן א פאר׳שרפ׳טער פון איר. עס איז שוין פון אים געוואָרן האלב, א האלבער גימפּל באראבאן — און אפשר דאָס אויך נישט! ער זעט דאָך נישט קיינעם פאר די אויגן און וויל קיינעם נישט זען. אַזאַ פארבלענדעניש! דער בעסטער אויגן־ספּעציאַליסט וועט אים שוין נישט העלפן. אזוי געפּערלעך איז ער שוין... פארברענגט שטענדיק נאָר מיט דער שוויגער, קומט צו איר אין הויז, נעמט איר ארויס און גיט איר א „גוד טאַים״. אויב אירע קינדער זיינען נישטא אין הויז, פארברענגען זיי זיך דאָרטן. נישקשה אין הויז קאָן מען זיך אויך גוט פארברענגען. אויף אונדזער לאנדסמאן גימפּלען, קאָן מען זיך פארלאָזן!

„מען האָט שוין נישט איינמאָל גימפּלען געמאכט שטארקע פאר־ווורפן, ווי קומט צו אים, אז ער זאָל זיך אוועקלאָזן מיט א שוויגער, ווי פאסט עס? דאָס ווייב זיינע האָט דערפון גרויס עגמת נפש און פאר די קינדער איז דאָס א בזיון און א חרפה. אָבער ער, גימפּל באראבאן, לאכט זיך אויס און פארברענגט זיך ווייטער, מיט דער שוויגער!...

„אלע חידושן זיך און פרעגן: ווי קומט עס, אז אזא מענטש, דאכט זיך נישט קיין נאר אויך, זאָל פירן א „לינקע״ ליבע, נאָך מיט א שוויגער דערצו. מען קען דאָס גאָרנישט באגרייפן. אָבער גימפּל טוט זיך זיינס. ער גיט נישט אויף זיין ליבע מיט דער שוויגער. עס ווייזט אויס, אז די שוויגער איז באמת אן אויסנעם...

„אנומעלטן איז גימפּלס ווייב געקומען, א פארביטערטע, צולויפן צו די לאנדסלייט און אויסגעגאָסן איר ביטער הארץ. געוויינט און געקלאָגט, אַז מען זאָל איר ראַטעווען, מען זאָל באַווירקן, אז איר גימפּל זאָל אויפגעבן די „לינקע״ ליבע, ער זאָל זיין אן ערלעכער מאן און אן ערלעכער טאטע צו די קינדער. איר פּנים פלאַמט פאר בושה. זי קאָן זיך נישט ווייזן פאר מענטשן. זי קאָן נישט איבערלעבן די גרויסע חרפה און ווייטאָג.

„האָט מען איר אויסגערעדט, אז דער אומגליק איז גאָרנישט אזוי גרויס. זי דארף דאָס נישט נעמען אזוי ערנסט. ער גייט דאָך נישט אַרויס מיט קיין פרעמדער פרוי. ער גייט דאָך ארום מיט אן אייגענעם מענטשן, מיט דער שוויגער, איר מוטער.

„האָט זיך גימפּל באראבאנס ווייב צעוויינט מיט ביטערע טרערן; אלעמען זאָגט ער, אז עס איז די שוויגער, אָבער ווי איז מיר, וואָסער שוויגער, וועמענס שוויגער? נישט מיין מאמע איז דאָס... עס איז אַ פרעמדע, א פרעמדע פרוי. עס איז די שוויגער פון יונה גאלקע, וואָס וווינט מיט דריי הייזער ווייטער פון אונדז. אָט זיין שוויגער איז דאָך דאָס: יונה גאלקעס שוויגער, נישט מיין מאמע, א פרעמדע! מיט איר פירט ער זיך

ארום און מענטשן זיינען אזעלכע נאראָנים און גלייבן, אז ער איז א גאָלדע־נער אידעם, ער ליבט די שוויגערז...״

האָב איך אויסגעהערט אָט די מעשה און זי פארצייכנט פאר מיינע ליבע לייענערס כדי זיי זאלן אויך וויסן וואס עס פאסירט . . .

דער שלימזל...

איך בין אמאל געקומען אין א טעאטער. עס איז נאָך געווען א גאנצע שעה צום אָנהייב פון דער פאָרשטעלונג. עס איז שוין געווען א היבשער עולם. די נאָך ליידיק געבליבענע פלעצער זיינען געוואָרן פון מינוט צו מינוט פארנומען. איך האָב זיך אויסגעזוכט מיין אָרט און זיך אוועקגעזעצט, ווייל כ׳האלט נישט פון מנהג ווי אַנדערע, וואָס שפּאצירן ארום איבערן טעאטער־זאל און לאזן אלעמען פילן זייערע שפּיציקע עלנבויגנס...

ביסלעכווייז זיינען די פלעצער אין זאל פארנומען געווארן פון א פארשיידנארטיקן עולם, נאר אין שכנות צו מיין פלאץ זיינען נאָך געבליבן צוויי פלעצער ליידיקע, האָב איך געהאט דעם איינדרוק, אז עס זיינען נישט געווען קיין בעלנים אויף זיי. אָבער אין דער זעלבער רגע זיינען אַרויסגע־וואקסן פאר מיר צוויי דאמען, וואָס האָבן נאָכגעקאָנטראָלירט די נומערן פון די פלעצער. מיט העפלעכקייט האָב איך זיך אויפגעהויבן פון מיין פלאָץ. די דאמען האָבן געשמייכלט און פארנומען זייערע ערטער אין שכנות צו מיר, האָב איך זיי צוריק געשמייכלט און זיך אוועקגעזעצט אויף מיין פלאץ.

איך האָב גענומען אבסערווירן מיינע שכנות, און איך בין איבערראשט געוואָרן: ביידע דאמען האָבן אויסגעקוקט צו זיין פון העכערע אריסטאָ־קראטישע ספערן. אין ערשטן מאָמענט האָט מיר אזש געשימערט זייער עלעגאנץ און רייכקייט. די צוויי דאמען האָבן געמאכט א זייער א גוטן איינ־דרוק. זייערע גוטמוטיקע פּנימער האָבן מיך באומרויקט... איין דאמע האָט אויסגעקוקט אין עלטער פון א 40־42 יאָר און די צווייטע דאמע— פון א 24 יאָר. איינע צו דער צווייטער זיינען זיי געווען שטארק ענלעך, ווי א מוטער און טאָכטער. די ייִנגערע איז געזעסן ביי מיין זייט. איר אָרעם האָט לייכט אָנגערירט מיין ארעם און א ווארעמקייט איז מיר דורכגעגאנגען איבער די אברים . . .

איך האָב שוין דאן אויף קיין זאך נישט געקוקט. מיר איז שוין ניט געווען וויכטיק און נישט אינטערעסאנט די פאָרשטעלונג מיט די ארטיסטן אויף דער סצענע מיטן גאנצן אַרום. כ׳האָב אַלץ געקוקט צו מיין יונגער שכנה, וואָס האָט געוואַרעמט מיין ארעם. און איך מוז זיך מודה

זיין, אז עס איז געווען שווער אזוי זיצן און רק קוקן דער דאמע אין פנים. ס'איז נישט געווען איבעריק באקוועם. דאָס וואָלט, מעגליך, ארויסגערופן אומצופרידנקייט ביי יענער, ביי דער עלטערער דאמע, אויף וועלכער איך האָב ווייניקער געקוקט. האָב איך דאָס געמאכט דעליקאַט, פאָרזיכטיק און איידל: געכאַפּט א קוק אויף דער סצענע און א קוק — אויף מיין שכנטע — די יונגע דאמע.

די יונגע דאמע האָט באַמערקט מיין נייגער צו איר, האָט זי מיר דערפאַר צוגעוואָרפן א פּאָר מילדע אויגן מיט א שמייכלדיקן פּנים, און איך האָב צוריק געשמייכלט, אָבער אָנקניפּן א געשפּרעך, בין איך נישט געווען דערצו דרייסט.

אין דער צייט פון דער פּאוזע, האָט די יונגע דאמע אויפגעעפנט איר האַנט-בייטל און פון דאָרטן אַרויסגענומען טואַלעט-מכשירים; געפּירט מיט זיי איבער די ליפּעלעך און נעזל, צורעכט געמאַכט די פריזור און גוטמוטיק זיך ארומגעקוקט. כ'האָב געוואָלט עפּעס אויסריידן, אָבער נישט געהאַט די שטאַלצקייט. האָב איך ארויסגענומען פון טאַש מיין רעדאַקציע-לעגיטימאַציע און אין איר אריינגעקוקט מיט דער כוונה, אפשר וועט דאָס גורם זיין צו פאַרבינדן א שמועס מיט דער שיינער דאמע... די דאמע האָט טאַקע געצילט מיט אירע ליבלעכע אויגעלעך צו מיין זייט. זי האָט אריינגעקוקט אין מיין פּרעסע-קאַרטע און געשמייכלט...

ווען די פאָרשטעלונג האָט זיך באַנייט און אַלעמענס אויגן האָבן זיך געריסן צו דער בינע, האָב איך אָבער אויסגעמיטן צי קוקן אויף דער סצענע און געקוקט אויף דער יונגער דאמע.

ווען די פאָרשטעלונג האָט זיך געענדיקט און דער עולם האָט גענומען שטראָמען צו די ארויסגענג, האָבן די דאמען, לעבן מיר, אויפגעהויבן זיך פון זייערע פּלעצער. די ייִנגערע האָט גענומען אונטערן ארעם די עלטערע און זיי האָבן זיך אויסגעמישט אינעם מענטשן-שטראָם. כ'בין זיי נאָכגעגאַנגען, נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון דער יונגער דאמע, וואָס האָט נאָך אַלץ געשמייכלט, אָבער, מיטאַמאָל, האָט זי זיך אויסגעמישט אינעם גרויסן עולם און כ'האָב איר פאַרלאָרן. לאַנג האָב איך איר געזוכט, גענישטערט, אָבער אָן דערפאָלג.

מיינע אנגענעמע זיסע חלומות, חלומות פון א יונגן פאַרליבטן בחור, האָבן אין יענער נאַכט מיך דערמוטיקט. מיר האָט זיך געדוכט, אז כ'זע די יונגע, שיינע דאמע. כ'זע, ווי זי שמייכלט צו מיר... נאָך דער גרויער טאָג האָט אַלץ צעשטערט און די זיסע טרוימען זיינען פאַרשוווּנדן...

פּלוצלינג האָט גענומען קלינגען דער טעלעפאָן. איך בין אראָפּגע-שפּרונגען פון געלעגער, דער זייגער איז שוין געווען נאָענט צו צען. כ'האָב געכאַפּט איילִיק דאָס טרייבל פונעם אַפּאַראַט און געהערט:

— האַלאָו, הערי?! קום שוין אין רעדאַקציע... זייער דרינגענד. די נעכטיקע יונגע דאַמע וויל דיך זען... זי מוז דיך זען, די דאַמע פון טעאַטער... יאָ, קום שוין, גוד ביי!

נאָך דעם טעלעפאָן־געשפּרעך האָב איך זיך געפונען אין א לאַגע, ווי כ׳וואָלט אויפסניי געבאָרן געוואָרן. איך האָב אוועקגעלייגט דאָס טעלע־פאָן טרייבל אין א שטימונג, ווי מען זאָגט איינעם אָן מכּוח א גרויסן געווינס.

באַלד האָט ביי מיר דורכגעבליצט א געדאַנק: אפשר שפּאַסט מען פון מיר. די גאַנצע זאַך הייבט זיך אוודאי נישט אָן, מען מאַכט זיך פריילעך איבער מיר. אָבער ניין. עס קאָן קיין שפּאַס נישט זיין. ווער ווייסט דען, אז איך בין נעכטן געווען אין טעאַטער און דער עיקר, וועגן דער יונגער דאַמע.

האָב איך זיך אויסגעפּוצט און מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם בין איך געגאַנגען אין רעדאַקציע.

אין דער רעדאַקציע האָב איך גלייך דערזען די יונגע דאַמע, וועלכע כ׳האָב באַגעגנט אין טעאַטער. דאָס האַרץ האָט מיר, פון פרייד, שטאַרקער גענומען קלאַפּן און די בלוטן — שטאַרקער צירקולירן.

ווען די דאַמע האָט מיך דערזען, האָט זי זיך צו מיר דערנעענטערט און אַרויס מיט שטרענגע דיבורים, אז . . . כ׳זאָל קיין לאַנגע מאַכערייקעס נישט מאַכן און צוריקקערן איר האַנט־בייטל, אין וועלכן זי האָט געהאַט א געוויסע סומע געלט און ווערטפולע חפצים. זי איז זיכער, אז דאָס האָט קיין צווייטער נישט גענומען, נאָר איך. דאָס איז מיין שטיקל אַרבעט... עס איז איר חשד גלייך געפאַלן אויף מיר, צוליב מיין שטאַרקן אָבסערווירן איר. זי האָט געוואָלט מעלדן דער פּאָליציי, נאָר אַזוי ווי זי האָט באַמערקט מיין רעדאַקציע־לעגיטימאַציע, האָט זי באַשלאָסן אויף א גוטמוטיקן אופן צו פאָדערן איר שאָדן פון מיר, אויב אָבער כ׳וועל זיך דערפון אַנטזאָגן, וועט זי זיין געצוווּנגען צו מעלדן דער מאַכט...

אין ערשטן מאָמענט האָב איך גאָרנישט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט פאָר, און ווען איך האָב גענומען באַגרייפן די לאַגע, האָבן זיך מיינע פיס געטרייסלט און די הענט געציטערט. דאָס הויז, די גאַנצע רעדאַקציע האָט גענומען אַרום מיר טאַנצן ווי אין א שדים טאַנץ . . .

מיט א פּאָר טעג שפּעטער האָב איך אין אַ פרימאָרגן דערהאַלטן א קורצן בריוול, געשריבן פון דער זעלבער דאַמע מיט דעם נוסח:

„געערטער הער! מיין האַנט־בייטל פעלט מיר נישט און האָט מיר קיינמאָל נישט געפעלט. אַלע אומאַנגענעמלעכקייטן, וואָס איך האָב אייך פאַרשאַפט, זיינען, ליידער, צוליב אייער אייגענער שולד. דאָס איז געווען א מין נקמה־אַקט לגבי אייך. זייט נאָכאַמאָל נישט קיין אידיאָט און שלימזל, גלאָצט נישט סתּם מיט אייערע אויגן אויף יונגע פרויען. אויף ווייטער, להבא, זייט אַנדערש, דער עיקר, דרייסטער און פאַרשטייט דאָס לעבן . . .

אַ שמועס וועגן דער נאָז...

איך האָב געוואָלט שרייבן אַ הומאָרעסקע, האָב איך פּונקט נישט געהאַט קיין טעמע. האָב איך לאַנג נישט געטראַכט און באַשלאָסן צו מאַכן אַ שמועס וועגן דער נאָז. איך האָב עס טאַקע מיט דער נאָז דערשמעקט, אַז עס איז שטאָף פאַר מיין פּען.

דאַכט זיך, וואָס פאַר אַ ווערט האָט אָט די נאָז, וועגן וועמען איך גיי דאָ שרייבן, אָבער כ'האָב זיך אַרומגעזען, אַז וועגן דער נאָז לוינט זיך צו שרייבן און עס איז טאַקע דאָ וואָס צו שרייבן וועגן אַזאַ מין ענין.

מיר דאַכט זיך, אַז ווען דער מענטש זאָל געווען, חלילה, געבאָרן ווערן אָן דעם דערמאָנטן אבר, וואָלט דאָס לעבן גאָרנישט געווען אינטערעסאַנט, אָן טעם, און עס וואָלט קיינעם נישט געשמעקט.

די נאָז, אַזאַ קליינער אבר, און וואָס פאַר אַ בכבודיקן אָרט זי פאַרנעמט, וואָס פאַר אַ ראָל זי שפּילט, און וואָס פאַר אַ גרויסן אָנזען זי האָט אין אונדזער לעבן...

אָן דער נאָז וואָלט מען נישט געקאָנט ניסן, מען וואָלט נישט געקאָנט שמעקן קיין טאַבאַק און עס וואָלט נישט געווען אויף וואָס אָנצוהענגען די ברילן.

די נאָז איז די ערשטע וואָס דערשמעקט וואָס פאַר אַ וועטער עס איז, וואָס פאַר אַ וועטער עס קומט: צי ס'איז הייס, קאַלט, ווינטיק, רעגענדיק, די נאָז דערשפּירט אַלץ . . .

כאַפּט מען אַ פאַרקילונג, זאָגט באַלד אָן די נאָז. איז ערגעץ אַ שלעכטע לופט, זאָגט אייך אָן די נאָז. איז אַ גוטע לופט, דערוויסן מיר זיך אַ דאַנק דער נאָז.

אַ מענטשן דערקענט מען לויט דער נאָז. אויב אַ מאַן איז געטריי, אָדער פאַררעטעריש, זאָגט עס אָן די נאָז. דאָס זעלבע איז אויך, פאַרשטענדלעך, מיט דער פרוי. די נאָז מאַכט נישט קיין אונטערשייד פון געשלעכט.

איצט די נוצן וואָס די נאָז ברענגט אונדז. אַז איינער האָט נישט וואָס צו טאָן, פאַרקעט ער די נאָז, אַ צווייטער דריקט די נאָז און אַנדערע זיינען זיך מתעסק בקול רם אַרום דער נאָז...

מיט דער נאָז דערשמעקט מען וואָס ביי אנדערע טוט זיך, וואָס ביי יענעם אין טעפּל קאָכט זיך. די נאָז איז די אַנזאָגערין און דערציילערין פון אַלץ.

מען וואָלט געדאַרפט אָפּשאַפן אַלע דאָקומענטן און פּאַספּאָרטן פון די מענטשן, ווייל די נאָז איז דער בעסטער דאָקומענט. די נאָז זאָגט און דערציילט וועגן אַלץ.

מיט דער נאָז דערשמעקט מען דעם יחוס, דעם אָפּשטאַם פון עם מענטשן, זיינע גוטע און שלעכטע זייטן. זיין פירונג, זיין האַלטונג, זיין כאַראַקטער, זיין לערע און פאַרדאָרבענקייט. אַלץ דערשמעקט מען מיט דער נאָז.

נאַציאָנען און פעלקער, באַזונדערס יידן, דערקענט מען לויט דער נאָז. און נישט ווייניק מענטשן האָבן צוליב דער נאָז צו זינגען און צו זאָגן...

מיט דער נאָז דערשמעקט א ייד אויב עס רוקן זיך אָן אומרויקע צייטן, שווערע טעג. מיט דער נאָז אַקערט ער צו קריגן פּרנסה. דאָס ווייב פירט דעם מאַן אויך פאַר דער נאָז.

אַז איינער ווערט רייך פאַררייסט ער די נאָז, אַז איינער ווערט א בעל־איז אומגליקלעך, איז ווידער א מוסר די נאָז. אַז איינער איז פריילעך, זאָגט עס אָן די נאָז, און אַז איינער איז אויפגערעגט, בייז, קראַנק, צעשטרייט, נערוועיש, משוגע, זאָגט עס גלייך אָן די נאָז.

אַז איינער ווערט רייך, פאַררייסט ער די נאָז און איינער ווערט א בעל־חוב, האָט ער פּחד צו באַווייזן זיין נאָז. אַז איינער איז א חוצפּהניק, שטופּט ער אומעטום די נאָז און אַז איינעם געפעלט נישט עפּעס, פאַרדרייט ער מיט דער נאָז.

ווען נישט די נאָז, וואָלט מען נישט געקאָנט ברומען אונטער דער נאָז, וואָלט מען נישט געקאָנט ריידן אונטער דער נאָז...

פאַראַן כּלל־טוער וואָס אַקערן מיטן נאָז צו באַקומען א בענקל און שפּעטער פירן זיי דעם עולם פאַר דער נאָז. שטופּן אומעטום, וווּ מען דאַרף נישט, די נאָז...

פאַראַן מענטשן וואָס זאָגן אַרויס זייער אָנערקענונג, אָפּשאַצונג און מבֿינות — מיט דער נאָז. ווען מענטשן זיינען ניכטער, דערקענט מען אָן דער נאָז, און א שיכּור דערקענט מען אוודאי אָן דער נאָז...

מיר וואָלטן נאָך געקאָנט אַזוי וועגן דער נאָז שמועסן און שמועסן, ציען דעם שמועס גאַנץ לאַנג, האָב איך אָבער מורא, אַז דער לייענער וועט פאַררייסן מיט דער נאָז...

צוויי סורפּריזן...

ווען הערי איז אהיים געקומען אין אָוונט נאָך דער ארבעט, איז אים זיין ווייבל ליזע אנטקעגן געלאָפן מיט א פרייד און ארומכאפנדיק אים אויסגערופן:

— הערי, איך האָב פאר דיר א סורפּריז, אן איבערראשונג!

אין זעלבן אויגנבליק איז ליזע צוגעגאנגען צו דער טיר פון צווייטן צימער און עס ברייט געעפנט. הערי האט זיך געלאזט גיין, אבער גלייך ווי ער האָט געמאכט דעם ערשטן טריט, איז אים אנטקעגן געלאָפן מיט א ברייט צעעפנטן פּיסק, ווילד ווי א טיגער, א הויכער ברוינער הונט.

הערי האָט זיך איבערגעשראָקן פאר דער איבערראשונג און געשטעלט טריט אויף צוריק.

זיין ווייבל, ליזע, האט זיך אין דעם מאמענט הילכיק פונאנדערגע־לאכט:

— שרעק זיך נישט, הערי, האָט זי געזאָגט. ער וועט דיר גאָרנישט טאָן. ער קען דיך נאָך נישט. ביסט נאָך צו אים א „סטרענדזשער". ער דארף דיך באקענען, וועט ער דיר זיין א גוטער פריינד און חבר!

ליזע האָט אָנגענומען הערין פארן האנט און אריינגעפירט אין צווייטן צימער.

הערי איז געשטאַנען פון ווייטנס און זיין הארץ איז אים שיעור נישט אַרויסגעשפּרונגען פון שרעק פארן הונט, וואָס האָט זיך געריפן מיטן נאָמען סקאָט. ליזע האָט דערקלערט, אז דעם דאָזיקן הונט האָט זיי געגעבן אלס מתנה זייער פריינד דזשעק.

דערווייל האָבן זיך הערי מיט ליזען געזעצט צום טיש עסן, אָבער הערי האָט נישט געקאָנט עסן, ווייל זייער נייער פריינד און חבר, דער האט אים ניט אפּגעלאזט און פון אים געריסן שטיקער...

הערי איז אויפגעשפּרונגען מיט כעס און זיך אָפּגערופן צו ליזען:

— פליז, נעם אוועק דעם הונט, אָדער כ'גיי אריין אין א רעסטאָ־ראן עסן!

— וואָס רעדסטו, הערי, אזא טייערן הונט! ער איז דאָך נישט קיין הונט, נאָר א דזשענטעלמען. זע נאָר זיינע אויגן, ווי מילד זיי קוקן!

— „נעווער מאינד", נעם אים אוועק! — האָט הערי געערדט מיט כעס.

— דערלאַנג אים א שטיקל פליש, וועסטו זען, ווי גוט און פיין ער וועט זיך צו דיר באַציען. הינט פאָלגן, אז מען ווייזט זיי ארויס מענטשלעכקייט!

האָט הערי געפאָלגט זיין ווייב, אָפּגעשניטן א שטיקל פלייש און דערלאַנגט דעם הונט.

סקאַט האָט ווילד א כאַפּ געטאָן דאס שטיקל פלייש און האָט דערביי טיף איינגעביסן העריס פינגער. הערי האָט געמאַכט א געוואַלד און ליזע האָט זיך נאָך געבייזערט:

— ביסט „סעלפיש", עגאָאיסט! וואָלסט אים געגעבן א גרעסערע שטיקל פלייש, וואָלט ער דיר פאַרשפּאָרט בייסן דיינע פינגער!

הערי איז געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט, ארומגעבונדן זיך מיט א טיכל די האַנט און צו ליזען געשריען, אז זי זאָל אָפּשיקן זייער פריינד דזשעקן דעם הונט.

ליזע האָט קעגן דעם שטאַרק פּראָטעסטירט און דער הונט סקאַט איז פאַרבליבן אין הויז. ער האָט אָנגעטאָן געברענטע צרות, גרויסע היזיקות. אלע טעפּיכער אין הויז האָט ער צעריסן און געמאַכט פון זיי א קאַשע. די פאַרהאַנגען מיט די גאַרדינען ארונטערגעריסן, דעם שפּיגל צעבראָכן, עטלעכע שויבן אויסגעבראָכן, שפּרינגענדיק. צעריסן העריס שיך און הויזן און ווער עס האָט נאָר אריבערגעטראָטן די שוועל פון זייער הויז, האָט סקאַט געמאַכט דעם ריכטיקן קבלת פנים—ווען ער האָט אָנגע־כאַפּט ביי א פוס, ווען — ארונטערגעריסן די קליידער, פאַר וועלכע ער האָט נאָך געהאַט צו צאָלן שאָדן־געלט.

הערי האָט עס נישט געקאָנט פאַרטראָגן. האָט ער איינמאָל א פאַר־נאַכט, ארויסגענאַרט דעם הונט און אים איבערגעגעבן צו א שווארצן שייגעץ, אז ער זאָל אים „פאַרטאַכלעווען" ערגעץ און אים צוגעזאָגט דער־פאַר א פיינע מטבע...

אז ליזע האָט זיך ארומגעזען, אז דער הונט איז נישטאָ, האָט זי גענומען איינלייגן וועלטן, און איז ברוגז געוואָרן אויף איר הערין, זאָגענדיק אז צוליב זיין שלעכטער באַהאַנדלונג, איז דער הונט אוועק. ליזע האָט געלאָזט דרוקן אין די צייטונגען וועגן איר פאַרלאָרענעם הונט. זי האָט צוגעזאָגט א באַלוינונג, אויב מען וועט איר אָפּברענגען איר סקאַטן.

הערי האָט אָבער געהאַט א גרויסע הנאה. ער איז ארומגעגאַנגען צופרידן און געשמייכלט.

נאָר איינמאָל א פאַרנאַכט, ווען הערי איז ווי געוויינטלעך א היים געקומען, איז אים זיין ווייבל ליזע געלאָפן אנטקעגן א שטראַלנדיקע און מיט פרייד אויסגערופן:

— הערי, איך האָב צוויי סורפּריזן!

הערי האָט געפּרוווט זאָגן פאַרשיידענע זאַכן, אָבער ער האָט נישט געטראָפן.

האָט זיין ווייבל ליזע מיט טריומף זיך אָפּגערופן:

— דער ערשטער סורפּריז איז — אונדזער הונט סקאָט איז געפונען געוואָרן. עס האָט אים א שווארצער שייגעץ געבראכט. ער האָט באקומען די צוגעזאָגטע באלוינונג. די צווייטע איבערראשונג איז, ווען אונדזער פריינט דזשעק איז געווואר געוואָרן, אז אונדזער הונט סקאָט איז פארלאָרן געגאנגען, האָט ער אונדז צוגעשיקט א צווייטן הונט, זיין נאָמען איז סילווער!

ווען הערי האָט דאָס דערהערט, האָט ער גלייך דערזען ארום זיך די צוויי סורפּריזן — ביידע הינט זענען ארום אים געשטאַנען און געריסן פון אים שטיקער...

דער אויגן ספּעציאַליסט...

איך האָב אַמאָל געהאַט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטאָג, האָב איך גענומען אַספּערינס, האָט עס מיר ניט געהאָלפן. האָב איך ווידער גענומען די אַספּערינס. אַז כ׳האָב שוין אַרונטערגעשלונגען אַ פולן מאָגן מיט אַספּערינען און דער קאָפּ מיינער האָט זיך מיר געדרייט און נישט אויפגעהערט ווייטאָגן, האָב איך באַשלאָסן צו גיין צו אַ דאָקטער. אַ דאָקטער איז דאָך עפּעס אַ שטיקל קאָפּ־מענטש, וועט ער, מן הסתם, פאַרשטיין ווי צו באַרויקן מיין ווייטאָג.

קומענדיק צום דאָקטער, האָב איך אים דערציילט פון מיין קאָפּ־ווייטאָג, האָט ער מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס. כ׳האָב אים אגב געזאָגט, אַז ער האָט נישט וואָס צו קוקן אויף מיינע פיס, מיינע פיס טוען מיר נישט ווי, נאָר דער קאָפּ. האָט מיך דער דאָקטער באַרויקט, אַז ער ווייסט דאָס, און האָט מיך אַדורכגעקוקט דורך און דורך, און פאַרשריבן מיר פּילן מיט אַנדערע רפואות. אָבער נאָכן נעמען די רעצעפּטן, איז מיר דער קאָפּ־ווייטאָג אויף אַ האָר נישט שטילער געוואָרן . . .

בין איך, אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווידער אַוועק צום דאָקטער און אים געזאָגט, אַז כ׳האָב שוין אויסגענומען אַלע זיינע רפואות — און זיי האָבן נישט געהאָלפן אויף אַ האָר. האָט ער מיך ווידער באַטראַכט און ווידער מיר פאַרשריבן אַנדערע רפואות, און געזאָגט, אויב עס וועט מיר איצט נישט העלפן, מוז איך גיין צו אַן אויגן־ספּעציאַליסט, אַן אויגן־דאָקטער. עס קאָן גריילעך זיין, אַז דער קאָפּ־ווייטאָג מיינער זאָל זיין די סיבה פון מיינע שלעכטע אויגן...

און אַז כ׳האָב אויסגענומען ווידער די נייע רפואות, וואָס מיין דאָקטער האָט מיר געגעבן און האָבן מיר נישט געהאָלפן, בין איך אַוועק צו אַן אויגן־ספּעציאַליסט. כ׳האָב אים דערציילט פון מיין קאָפּ־ווייטאָג און וועגן אַלץ וואָס איך האָב שוין געטאָן.

האָט דער אויגן־דאָקטער מיך אַריינגענומען אין אַ פינצטערן צימערל, באַטראַכט די אויגן אין דער פינצטער און אין דער ליכטיקייט, געדריקט און איבערגעקערט זיי, געמאַכט מיט זיי קאָזשילקעס, ווי נאָר ער האָט געוואָלט, געגעבן מיר צו לייענען קליינע אותיות און גאָר, גאָר קליינינקע, אותיות—פון אַלע מינים. כ׳האָב אַלץ געלייענט, אָבער דער קאָפּ איז מיר אויף אַ האָר נישט לייכטער געוואָרן.

דער אויגן דאָקטער האָט פאַרזיכערט, אז כ'האָב גוטע אויגן, די בעסטע אויגן אין דער מדינה: געזונטע אויגן, אויגן וואָס קאָנען זען אין דער לענג און אין דער ברייט, טיף און ווייט. נאָר בכדי אוועקצונעמען מיין קאָפּ־ווייטאָג, מוז איך א קורצע צייט טראָגן ברילן, בלויז אין א משך פון זעקס חדשים. נאָך די זעקס חדשים וועל איך מער נישט דאַרפן טראָגן קיין ברילן און מער נישט וויסן פון קיין קאָפּ־ווייטאָג.

האָב איך מיט צופרידנקייט באַצאָלט דעם דאָקטער די דריי פאַרלאַנגטע גינעס פאַרן וויזיט און אוועק באַשטעלן די ברילן. אז כ'האָב אָנגעטאָן די ברילן, האָב איך זיך דערפילט גאָר אַן אַנדערער. עס האָט לאַנג געדויערט ביז כ'האָב זיך צו זיי צוגעוווינט. דער קאָפּ־ווייטאָג, אָבער, איז מיר גאָרנישט לייכטער געוואָרן.

אז כ'בין אוועק צום אויגן־דאָקטער און אים דערקלערט, האָט ער מיר געזאָגט, אז עס כאַפּט זיך נישט אזוי גיך — איינס און צוויי, מען מוז זיך פריער צו די ברילן צוגעוווינען, און האָבן געדולד. האָב איך מיט א סך געדולד געשוויגן און געליטן. דערווייל זיינען אוועקגעגאַנגען די זעקס חדשים, בין איך ווידער אוועק צום אויגן־דאָקטער, אז ער זאָל מיר זאָגן, אויב כ'קאָן שוין אויפהערן טראָגן מיינע ברילן. עס איז שוין אוועק דער טערמין, נאָר דער קאָפּ־ווייטאָג איז נאָך נישט פאַרשוווּנדן.

האָט דער דאָקטער ווידער באַקוקט מיינע אויגן און ווידער פאַרזי־כערט, אז כ'האָב געזונטע אויגן, די בעסטע אויגן, נאָר כ'זאָל האָבן געדולד און אָנהאַלטן נאָך אַ זעקס חדשים מיטן טראָגן די ברילן. עס וועט מיר געוויסן העלפן.

נאָכן יאָר, אז איך בין געקומען צום אויגן־ספּעציאַליסט און אים דערמאָנט אז דער טערמין איז שוין לאַנג אריבער, האָט ער ווידער ערנסט מיך באַטראַכט, אריינגעקוקט טיף אין די אויגן און פאַרזיכערט, אז כ'האָב די בעסטע און געזונטסטע אויגן אין דער מדינה, נאָר כ'מוז טוישן די ברילן. נאָך א יאָר טראָגן די ברילן, מוז איך זיי טוישן. האָב איך זיך באַשטעלט נייע ברילן, אָבער דער קאָפּ־ווייטאָג האָט אַלץ ניט אויפגעהערט.

עס איז אוועק נאָך א יאָר. בין איך ווידער אוועק צום אויגן־דאָקטער באַראָטן זיך וואָס צו טאָן. האָט ער, דער אויגן־ספּעציאַליסט, מיך ווידער באַטראַכט און געזאָגט, אז מיינע אויגן זיינען א יקר המציאות. מען זעט גאָרנישט אזעלכע אויגן אין דער גאַנצער מדינה. ער האָט פאַרזיכערט, אז מיינע אויגן זיינען אויסגעצייכנטע, און אלע מענטשן זאָלן האָבן אזעלכע גוטע אויגן, ווי איך האָב, נאָר איך מוז טוישן די ברילן. ברילן — האָט מיר דער אויגן־דאָקטער דערקלערט — מוז מען אָפּט טוישן. ברילן זיינען נישט קיין קליידער און אַפילו נישט קיין ווייב . . .

האָב איך ווידער באשטעלט נייע ברילן. אָבער געהאָלפן האָבן זיי מיר, פונקט ווי די פריערדיקע ברילן. דער קאָפּ מיינער האָט ווייטאָגדיג געהאמערט, ווי מען וואָלט אין אים אריינגעזעצט געדונגענע בעל מלאכות מיט האמערס. . .

און אז כ׳בין געקומען צום אויגן־ספעציאַליסט און אים דאָס דערקלערט, האָט ער מיך געבעטן נאָך צו האָבן געדולד. עס וועט דער ווייטאָג פאַר־בייגיין, ווייל איך האָב די בעסטע אויגן אין דער וועלט, און דערווייל מיר ווידער פאַרשריבן אנדערע ברילן . . .

איך האָב, אָפּטער, געגומען גיין צו מיין אויגן־דאָקטער און יעדעס מאל האט ער מיר פארשריבן נייע ברילן. כ׳האב באקומען א פולע שטוב מיט ברילן, אפשר מער ברילן ווי עס האט אַן אָפּטיקער...

איטלעך מאָל, ווען כ׳בין אוועק צו מיין אויגן־דאָקטער, האָט ער מיך פארזיכערט, אז ער גיט מיר די ברילן, נאָר צייטווייליק, „טעמפּערערי״, מחמת איך האָב גוטע אויגן, געזונטע אויגן, נישט יעדער מענטש האָט אזעלכע אויגן ווי מיינע, און ברילן — האָט מיך דער אויגן־ספעציאַליסט פארזיכערט — וועל איך קיינמאָל נישט דארפן טראָגן. עס איז נאָר צייט־ווייליק, דערווייל, „טעמפּערערי״. אזוי האט ער בעת מיין יעדן וויזיט פאַר־שריבן נייע ברילן. איצט, ווו נאָר איך טו זיך א ריר אין מיין הויז, האָב איך ברילן און ברילן. איך האָב ברילן צום לייענען, ברילן צו שרייבן, ברילן צו דער ארבעט, צו שפּאַצירן, פאר קינאָ, פאר פרימאָרגנס, פאר אָוונטן, פאר רעגנס, פאר דער זון. כ׳בין געוואָרן אזוי באשעפטיקט מיט מיינע ברילן, מיטן סאָרטירן און קלייבן זיי ביים אָנטאָן און אויסטאָן, אז מיין גאַנצע צייט איז געווידמעט נאָר די ברילן . . .

נאָך א גליק, וואָס מיין אויגן־דאָקטער האָט מיר געגעבן מיינע ברילן צו טראָגן צייטווייליק, אויף דערווייל, „טעמפּערערי״, אז נישט וואָלט גאר־נישט געטויגט. עס וואָלט נישט גוט געווען. כ׳האָב נאָך מזל . . .

יאָ, ווייסט איר ווי לאנג איך טראָג שוין מיינע צייטווייליקע, „טעמפּע־רערי״ ברילן? — נישט לאנג, סך הכל א יאָר 17... נאָר מיין קאָפּ־ווייטאָג איז שוין גארנישט צייטווייליק און נישט „טעמפּערערי״. ער איז שוין פּער־מאַנענט — פּערמאַנענט, לעולם ועד...

צוויי אינטימע פריינד...

אין די האלידיי־טעג האבן זיך באגעגנט זלמן און קלמן, צוויי גוטע פריינד און לאנדסלייט.ביידע זיינען זיי געקומען פון דעם זעלבן שטעטל פון פוילן. וווינען און לעבן ביידע אין דעם גאָלדענעם לאנד אפריקע. זלמן און קלמן האבן ביידע חתונה געהאט, האבן ווייבער מיט קינדער. קיין גרויסע גבירים זיינען זיי ניט, און זיינען ווייט פון צו זיין גבירים, דערפאר אָבער זיינען זיי פריילעכע קבצנים און עס איז א באזונדערער פארגעניגן אונטער־צוהערן זייערע דיאלאָגן און שמועסן.

רופט זיך אמאָל אָן זלמן:

— הערסטו קלמן, לעצטנס גייט מיר ניט שלעכט—איך האב זיך באַקענט מיט איינעם אן אָנגעשטעלטן פונעם גרעסטן קינאָ־טעאטער, און איך גיי דאָרטן זייער אָפט אומזיסט!

— טאַקע? וואס רעדסטו, זלמן? האסט א ביסל מזל! ווי אזוי טוט דאָס יענער פאר דיר?

— גאר פשוט: איך גיי א פאר מאל אין וואך צום קינאָ־טעאטער, אז יענער זאָל מיך ארייַנלאָזן. זאָגט מיר יענער אלעמאָל: נישט היינט, קום מאָרגן! און אזוי גיי איך דאָרטן, אָפט, אומזיסט!...

— דיך גלוסט זיך נאָר צו ווערטלען, זלמן!

— נישט האָבן קיין הייזער, קיין רייכטום און זיך נישט ווערטלען אויך, קען מען דאָך געשוואָלן ווערן פון צרות!

— פונדעסטוועגן, זלמן, קוקסטו אויס א ביסל אומעטיק!

— אז דו, קלמן, זאָלסט וויסן, וואָס מיט מיר האָט פאסירט, וואָלסטו שוין נישט זאָגן, אז כ׳קוק אויס אומעטיק!

— דהיינו, וואָס איז מיט דיר געשען?

— דו הערסט קלמן, אנומעלטן בין איך געווען אין קינאָ. כ׳בין געזעסן מיט מיין ווייב. אין זאל איז געווען פינצטער און לעבן מיר, האָט זיך אוועק־געזעצט א יונג שיינע מיידל — בלוט און מילך, איז דאָס נישט קיין פאר־דראָס און הארצווייטאָג?!

— אויב אזוי, זלמן, איז מיט מיר געשען נאָך ערגער. איך האָב געהאט א גרעסערן פארדראָס און הארצווייטאָג. אנומעלטן בין איך אויך געזעסן

אין קינאָ. כ׳בין געזעסן מיט א יונג־שיינער מיידל—בלוט און מילך. אין זאַל איז געווען פינצטער, אַ מחיה. איך האב זיך געפילט, ווי אין זיבעטן הימל, אָבער פלוצלונג איז אריינגעקומען מיין יידענע און אוועקגעזעצט זיך נעבן מיר!...

— קלמן, עס וואָלט נאָך געקאָנט זיין ערגער!

— וואָס רעדסטו זלמן ווען ערגער, וואָס קאָן שוין זיין ערגער?

— ערגער וואלט געווען, ווען דאס וואלט פאסירט מיט מיר!...

— אזוי, זלמן, גייט דאס לעבן!

— קלמן, דאס לעבן גייט נישט, עס לויפט, עס פליט, נאר מיר ארעמעלייט שטופן עס!

— מאכסט א טעות, זלמן, מיר ארעמעלייט שטופן נישט דעם לעבן. די מעשה איז גאר פארקערט, דאס לעבן שטופט אונדז!

— יאָ, אז מען איז א פערד ליגט מען אין דער ערד...

— זלמן, רעדסט דאך עפעס ווי א גאנצער פילאזאף!

— פארוואס זאלסטו נישט פארשטיין, קלמן. א שטיקל קרוב פון א פילאָזאָף בין איך דאָך. מיין טאַטנס ברודערס זון אין דער אלטער היים האט דאך אמאל געטראגן וואסער צו אונדזער שטאטישן פילאזאף!...

— אז דו רעדסט, זלמן, ווען טראגן וואסער, דערמאנסטו מיך אין אונדזער אלטן חיים זעליקן, דעם וואסער־טרעגער. ער האט אמאל געהאַט אנגעקליבן א פאר הונדערטער, איז ער אוועק צום גביר פון שטעטל און אים געבעטן, אז ער זאל אים באהאלטן דאס געלט און ער האט דערפאר דעם גביר געטראגן אומזיסט א גאנצן יאר וואסער!...

— וואס הייסט, ווער האט געטראגן וואסער?

— פארוואס זאלסטו ניט פארשטיין, זלמן? חיים זעליג דער וואסער־טרעגער האט געטראגן וואסער צום גביר א גאנצן יאר פארן האלטן זיין געלט. ער האָט געהערט, אז פאר אזא טובה צאָלט מען פראָצענט, האָט חיים זעליג, דער וואסער טרעגער, געדענקט, אז ער דארף צאָלן, און אזוי ווי ער איז, נעבעך, געווען א ייד אן אָרעמאן, האָט ער אָפּגעטראָגן וואסער פארן פראָצענט...

— די היימישע ערלעכקייט איז דאך גארניט אפצושאַצן!

— ביי אונדז אין מדינה קאן אזעלכעס ניט פאסירן!

— געוויס, מען טראגט דאך דא נישט קיין וואסער. וויסטו פאר וואס?

— ווייל וואסער קען מען ביי אונדז באקומען לרוב אויף ליטערארישע לעקציעס, רעפעראטן און מיטינגען!...

— קלמן, אויך פון דעם געניס איך נישט: אויף קיין לעקציעס גיי איך נישט, מיין יידענע גיט מיר גענוג לעקציעס אין דער היים!

— און וועמענס יידנס יידענע גיט עס נישט קיין לעקציעס?!

— הערסטו, זלמן, האב איך צוגעזען א סצענע ביי אונדזער לאנדסמאן, מיסטער קנאבל. ער איז געגאנגען שפאצירן מיט זיין ווייב, און איך אויך בתוכם. האט ער באגריסט אויפן וועג עפעס א לידי. האט זיך זיין ווייב צו אים צוגעטשעפעט און געמאַטערט אים, ער זאל איר זאגן, ווער יענע לידי איז. האט נעבעך מיין לאנדסמאן ביי זיין ווייב זיך געבעטן, אז זי זאל אים אפלאזן. ער וועט שוין האבן גענוג צרות פון יענער לידי, ווען ער וועט איר דארפן דערקלערן, ווער זי, זיין ווייב איז...

— די זעלבע געשיכטע, זלמן, האט געטראפן ביי מיר!

— זיי נישט נאיוו און קיין שוטה. אזעלכע געשיכטעס פאסירן דאך ביי אונדז זייער אפט.

—חכמות אהין, חכמות אהער, ווו נעמט מען בעסער, זלמן, א ביסל געזונט?

— צי פעלט דיר געזונט, קלמן?

— עס פעלט מיר קיין זאך נישט, כ׳האב גענוג וויטאגן: עס ברעכן מיר די זייטן, איך ליד אויף קאָפּ־וויטאָג, האָב גאל־שטיינער, א פענדיק און א שוואכן הארץ!

— איך וועל דיר זאגן, קלמן, אז אויב דו קאנסט אויסהאלטן פון אזוי פיל וויטאגן, ביזטו דאך געזונט, ווי א פערד!

* * *

ווער ווייסט ווי לאנג דער שמועס וואָלט זיך געצויגן... עס זיינען, פלוצלינג, אנגעקומען זייערעביידנס ווייבער, וועלכע האבן צעשטערט דעם שמועס פון די צוויי אינטימע פריינד.

מיין ערשטע עראָפּלאַן־רייזע

מיין פריינד האָט מיך צוגערעדט, אז כ׳זאָל מאכן א רייזע מיטן עראָפּלאַן: „עס איז גוט, באַקוועם, שנעל, פּינקטלעך און א פארגעניגן״! — כ׳האָב אָבער מורא געהאט איינצושטימען צו אזא ריזיקאַלישער נסיעה וואס טו איך, א שטייגער, אז אין מיטן פליען ווערט עפּעס קאליע אַ שרייפל, עס גיט א רעדעלע זיך א דריי קאפּויער, און דער בלייענער פויגל, דער עראָפּלאַן טוט ערגעץ א פאַל ארונטער, אדער גיט א רייס אויף, דעמאלט וועט קיין זכר נישט בלייבן, — נישט פון מיר און נישט פונעם עראָפּלאַן. וואָס וועל איך דאן טאָן?

כ׳האָב אָבער נישט געוואָלט ארויסווייזן מיין מורא און שרעק און, מעשה העלד, האָב איך איינגעשטימט צו מאכן די רייזע מיטן עראָפּלאַן.

כ׳בין געשטאַנען אויפן פלי־פּלאַץ און מיט אַ האַרץ־קלאַפּעניש זיך צוגעקוקט צום עראָפּלאַן, וואס אט באַלד, באַלד וועט ער מיך אַ כאַפּ טאָן אין זיינע שטאָלענע אָרעמס און מיט מיר אוועקפליען. כ׳האָב זיך צוגעקוקט ווי מען איז זיך מתעסק ארום דעם בלייענעם פויגל, דעם עראָפּלאַן, ווי מען גיסט אין אים אריין בענזין מיט אוילן, מען שמירט און מען מאַנעווורירט מיט אים פון אלע זייטן, מען טאַפּט ווי ביי א חולה דעם דופק, זיינע רעדלעך און פליגלען. א גאַנצער „קאָנסאַליום״ איז זיך דערביי אָנגעגאַנגען. און בעת מעשה האָט מיר געקלאַפּט דאָס האַרץ: ווער ווייסט, אפשר פארגעסט מען ווו צו געבן א קוק, א שמיר, א דריק, א טאַפּ—ווער ווייסט?

איך האָב אויך געוואָלט צוגיין צו איינעם פון יענע מעכאַניקער און אים בעטן, אז ער זאָל געבן נאָכאמאָל א גוטן קוק, אויב אלץ איז אין אָרדענונג . . .

ביים אריינשטייגן אין עראָפּלאַן, האָב איך באַלד דערפילט אַן אנדערע אַטמאָספער ווי די בעת מען שטייגט אריין אין א באַן אדער טראַמוויי. דאָ שטייגט מען אריין לאַנגזאַם, אָן שטופּעניש און אָן שטויסעניש. דאָס האַרץ אָבער קלאַפּט האַסטיקער. מיין פריינד באַרויקט מיך און זאָגט מיר, אז אויב דאָס האַרץ קלאַפּט, איז א גוטער סימן. אנומעלטן, זאָגט ער, האָט פּאַסירט, אז א פּאַסאַזשיר אין עראָפּלאַן איז געוועזן פריילעך און לוסטיק

און, מיטאמאָל, האָט זיך הארץ אויפגעהערט צו קלאפּן, נישט פאַר אייך געדאכט!...

באלד האָט דער עראָפּלאַן גענומען זיך רירן פון אָרט. אָבער אזוי לאנגזאם, זיך קוים באַוועגט, פּונקט ווי אונדזערע גרויסע גבירים ביים געבן „טשאַריטי". כ'האָב שוין געטראַכט, אז אַן עראָפּלאַן גייט נאָך לאנגזאמער פון א „ריקשע". מיטאמאָל האָבן די מאָטאָרן גענומען שטאַרק טומלען און רוישן. כ'האָב געמיינט, אז איך געפין זיך אויף א קהלשן סימפאָנישן קאָנצערט...

מען האָט מיך אויפמערקזאם געמאַכט ביים אַוועקזעצן זיך, אז כ'זאָל זיך ארומבינדן מיט א ספּעציעלן גאַרטל, וואָס איז צוגעגרייט אין עראָפּלאַן. כ'האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף מיין פּלאַץ און שטייף ארומגעבונדן זיך מיטן גאַרטל, אז כ'זאָל, חלילה, נישט ארויספאַלן. כ'האָב זיך אזוי שטייף צוגעבונדן, אז איך האָב קוים געקאָנט אָטעמען. האָב איך זיך געטראַכט, אז אויך אין דער לופטן לאָזט מען ניט לייכט כאַפּן דעם אָטעם...

די מאָטאָרן האָבן אָנגעפאַנגען שטאַרק רוישן—קיין אַנדער אַרבעט, ווייזט אויס, האָבן זיי ניט ווי נאָר צום רוישן. מען האָט מיר דערלאַנגט א ביסל וואַטע צו פאַרשטאָפּן זיך די אויערן. עס איז אין דער הויך, דאָס אייגענע, ווי אין דער נידער, אויף דער ערד — אין וועלט. אז איר ווילט נישט הערן, פאַרשטאָפּט איר זיך די אויערן. פּונקט ווי מען איז זיך נוהג אויף באַנקעטן, שמחות און ביי אַנדערע געלעגנהייטן, ווען מען וויל נישט אויסהערן די גרילצענדיקע דרשות און „ספּיטשעס"...

מיטאמאָל האָט זיך דער עראָפּלאַן א הויב געטאָן, ווי א פויגל אין דער לופטן און גענומען פליען העכער און העכער צו די הימלען. כ'האָב זיך איצט, מיטאמאָל, דערפילט הויך — און, מיט יעדער מינוט און רגע, אַלץ העכער און העכער.

איך קוק אַרויס דורך מיין פענצטערל. איך זע נאָר שפּורן פון עם ברעג ים. שיינע פּאַנאָראַמעס פאַרכאַפּן דאָס אויג. מיר דערווייטערן זיך פון דער שיינער פּאָרט־שטאָט דערבן. די הויכע בנינים ווערן אַלץ קלענער און קלענער. אָט קוקן זיי שוין אויס, ווי קינדער־שפּילצייג, ווי קליינע קלעצלעך פאַר א קינדער־שפּיל.

אָבער ביי מיר איז עס נישט קיין שפּילעכל. אז איך דערמאָן זיך ווו איך געפין זיך, ווער ווייסט וויפיל מיילן די הויך. אז איך כאַפּ א בליק אַרונטער, כאַפּט אזש שווינדלען די אויגן, און איך טראַכט: עס איז שוין גאָרנישט קיין קינדער שפּיל!

נאָענט נעבן מיר זיצן אייניקע פּאַסאַזשירן און דרימלען, שלאָפן. טראַכט איך ביי זיך: רבונו של עולם, וואָס זיינען דאָס פאַרא מענטשן, ווי קאָנען

זיי דאָס שלאָפן דאָ אין עראָפּלאַן, אין דער לופטן. זיי מיינען, אוודאי, אז ווי זיינען אין טעאַטער אָדער אויף א ליטעראַרישער לעקציע...

וויפיל בערג און טאָלן איך זע דאָס פון דער לופטן. מען זעט נישט קיין שטעט, קיין הייזער, קיין מענטשן, א פּוסטע ליידיקע וועלט, הימל און ערד. ווו זיינען עס אהינגעקומען די מענטשן? מען שרייט און מען ליאַרעמט אונטן אויף דער וועלט, אַז מען האָט צופיל מענטשן, צופיל, — ווו זיינען זיי? איך קוק אַרונטער. איך זוך, כ׳נישטער, זוך א מענטשן, אָבער מען זעט נישט. דער מענטש איז אזוי קליין, אז ער זעט זיך גאָר־נישט אָן, בפרט נאָך ווען מען קוקט אויף אים פון אויבן אויף אראָפּ...



פליענדיק אַזוי אינעם עראָפּלאַן, וועבן זיך ביי מיר פאַרשיידענע מחשבות: אָך, ווי די טעכניק האָט פּראָגרעסירט. אט אזא מאַשין ווי דער עראָפּלאַן איז אזוי קלוג און פעיק צו דערהויבן די מענטשן אזש צו די העכסטע הויכקייטן. מען דאַרף דאָ נישט האָבן קיין רייכטום מיט ברי־ליאַנטן און הייזער צו ווערן דערהויבן, אויב מען האָט נאָר צו באַצאָלן פאַר א פלי־בילעט, ווערט מען גלייך דערהויבן...

שוין באַלד א קאַרגע שעה, אז מיר פליען. מען פליט פון איין וואָלקן ארויס און אין א צווייטן אריין. איך הויב זיך אָן ביסלעכווייז צוצוגעוווינען צו דער הויך, צום פליען, צו זיין אין דער לופטן. קיין גאָר גרויסער אונ־טערשייד מאַכט עס דאָך נישט, ווייל אויך אונטן, אויף דער ערד, לעבט מען אין דער לופטן...

מיין פריינד וויל מיט מיר פארפירן א געשפרעך, אָבער כ׳האָב נישט קיין מוט און קיין געדולד דערצו. כ׳בין שטארק אנגעשטרענגט. כ׳טאר ניט פארלירן קיין צייט און קאן נישט אפּווענדן מיין בליק. איך בין שטארק באשעפטיקט מיטן אָבסערווירן דעם פילאָט, וואָס פירט דעם עראָפּלאַן. איך מוז אויף אים אכטונג געבן, אים אויפּפּאסן. איך קוק אים אין די הענט, אין די אויגן, אויף זיין יעדע באוועגונג. כ׳נעם קיין אויג פון אים נישט אראָפּ. מיין הארץ האָט נאָך אלץ זיך נישט בארואיקט. איך הער זיך נישט אויף צו שרעקן, אז טאָמער, יענער דאָרטן ביים מאשינדל, דער מעכאניק, וועט, חלילה, מאכן א טעות, זאָל נישט געבן, חלילה א דריי אין אנדער שרייפל, אָדער רעדל. איין שלעכטער דריי אָדער דריק, שטעלט מיין גאנצן לעבן אין סכנה...

איך וויל זיך באהערשן און טראכט: אין געפאר איז מען אויך, ווען מען פאָרט מיט דער באַן, צי מיט דער שיף אָדער אויטאמאביל. אפילו נישט פארנדיק און נישט פליענדיק קאן אויך געשען אן אומגליק. דער מלאך המות גייט נאָך דעם מענטשן אויף שריט און טריט, אין גאס און אין הויז, אומעטום...

איך באטראכט אליין די נישט באגרינדעטע מורא — און דאָך האָב איך פחד. אפנים מיינע שוואכע נערוון זיינען א גורם דערצו. וואָס זאָל איך אָבער טאָן, אַז כ׳האָב שוואכע נערוון. מיט שוואכע נערוון איז נישט גוט אונטערוועגנס, בפרט נאָך אין אן עראָפּלאַן...

פון דער זייט פיל איך א שטורך. א שכן אין עראָפּלאַן רופט זיך אָן צו מיר בזה הלשון:

— כ׳זע, אז איר זיינט אביסל נערוועז, צעשראָקן. אוודאי דאָס ערשטע מאָל אין עראָפּלאַן! נישט געפערלעך, גאנץ געשמאַק צו פאָרן, אז עס מאכט זיך נישט קיין מכשול! איר האָט געזען די היינטיקע צייטונג? פופצן מענטשן זיינען אומגעקומען אין אן עראָפּלאַן. א גוטער טויט, האַ?! שרעקט זיך נישט, עס איז פיל לייכטער דער טויט אין אן עראָפּלאַן, ווי ערגעץ אנדערשוווּ. טאָמער איז אייך באשערט געהרגעט צו ווערן, איז נאָר אין אן עראָפּלאַן! מען גיט א פלי אהין און א פלי אהער — און אויס, פטור! וואָס א שטייגער וואָלט איר געטאָן, ווען איר פאָרט אין א באַן און א צווייטע באַן גיט מיט דער גאנצער קראַפט און פארע א פאָר אריין אין אייער באַן. וואָס א שטייגער וואָלט פון אייך געוואָרן? איר וואָלט דאָך איינס און צוויי געוואָרן צעקוועטשט ווי א...

איך האָב זיך פארשטעלט מיט די הענט מיינע אויערן, און געפילט א טעם, נאָר צו חלשן... איך האָב זיך געשטארקט נישט צו חלשן. איך האָב געהערט, אז אין עראָפּלאַן איז נישט געזונט צו חלשן. מען פילט זיך נישט גוט דערביי...

איך האָב זיך אָפּגעקערט פון יענעם, נישט געקוקט מער אין זיין זייט. איך האָב ווידער געקוקט דורכן פענצטערל און זיך אליין געמוטיקט, געזוכט די מעלות פונעם פליען — און באמת האָט אויך גוטע מעלות דער עראָפּלאַן און דאָס פליען. א חוץ וואָס מען ווערט דערהויבן מיט א פינף טויזענט פוס די הויך און אמאָל העכער אויך, פילט איר זיך מער יחוס׳דיי־קער. איר זיינט העכער פון דער גאנצער מענטשהייט, פון אלע מענטשן, אפילו פון אזעלכע, ווו איר פילט זיך אַלעמאָל אין זייער געגנוואַרט נידעריק און געפאלן . . .

דאָ אין דער הויך קומען נישט פאָר קיין קאמפּיינען, קיין זאמלונגען. עס איז דאס איינציקע פלאץ, ווו איך האָב נישט אנגעטראָפן שפּילן פּאקער און בעלי חובות קומען דאָ נישט מאָנען. קיין משולחים זעט מען דאָ נישט אפילו אויף א רפואה...

איך פלי נאָך אַלץ. פון צייט צו צייט מאכט דער עראָפּלאַן אקראָבאַ־טישע שטיק. ווייזט אויס, אז דאָס וויל ער פּארווילן זיינע פּאסאזשירן אביסל. אָבער ביי יעדער אקראָבאטישער קונץ, פאלט מיר שיעור נישט אַרויס דאָס הארץ...

אין פּראָצעס פונעם פליען, טוט די זון איר ארבעט. די זון זעצט זיך, זי וויל זיך אָפּרוען פונם לאנגן טאָג. עס דערנענטערט זיך שוין דער אָוונט. די צייט גייט דאָך אויך. זי גייט נישט נאָר זי פליט אָט פּונקט ווי דער עראָ־פּלאַן. אָט איז שוין העכער א שעה, אז מען געפינט זיך אין דער לופטן — און אָט ווערט שוין באלד צוויי שעה. אויך אין דער לופטן פליט די צייט פּונקט ווי אויף דער ערד. עס איז אומעטום איין וועלט — אין כל חדש תחת השמש . . . — — — — — — — — — — — — — —

און אָט לאָזט זיך שוין ארונטער אונדזער עראָפּלאַן נידעריקער און נידעריקער. מיר דערנענטערן זיך צוריק צו דער מאמע־ערד—די ערד פון ליידן און פריידן. דער עראָפּלאַן פאָרט ארויף אויף דער ערד. ער שטעלט זיך אָפּ און מיר שטייגן אויס. איך באטראכט ווידער די ערד און ווידער דערפיל איך זיך נידעריק, זייער נידעריק, ווי א קליינע באשעפעניש אויף דער זינדיקער ערד...

אַלע נעמען און כאַראַקטערן אין דעם בוך
זיינען פיקטיווע און האבן ניט קיין שייכות
צו וועלכער ניט איז לעבעדיקער פערזאָן.